STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04600

DI NATSYONALE MEGILE

Louis Fleischman

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Ben & Sarah Torchinsky
in memory of
"Yosl" Mlotek, a good friend and excellent teacher from long ago

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



אליעזר פליישמאַן.

לולי תורתך שעשועי . . .

דיא נאציאנאלע מגלה.

אין צוויא טהייל.

בן אדם, פצה את פיך ואכל את אשר אני נתן אליך
. . . ואראה והנה יד שלוחה אלי והנה בו מגלת ספר,
ויפרוש אותה לפני והיא כתובה פנים ואחור וכתוב אליה
קינים והגה והי: ויאמר אלי בן אדם את אשר תמצא
אכול אכול את המגלה הזאת ולך דבר אל בית ישראל,
ואפתח את פי ויאכלני את המגלה הזאת, ויאמר אלי בן
אדם בטנך תאכל ומעיך תמלא את המגלה הזאת אשר
אני נתן אליך ואוכלה ותהי בפי כדבש למתוק:—יחזקאל ב׳, ג׳.

פאן

אליעזר פליישמאן.

The National Roll

IN TWO VOLUMES

Son of man * * * open thy mouth, and eat that I give thee. And when I looked, behold, an hand was sent unto me; and, lo, a roll of a book was therein; And he spread it before me; and it was written within and without: and there was written therein lamentations, and mourning, and woe. Moreover he said unto me, Son of man, eat that thou findest; eat this roll, and go speak unto the house of Israel. So I opened my mouth, and he caused me to eat that roll. And he said unto me, Son of man, cause thy belly to eat, and fill thy bowels with this roll that I give thee. Then did I eat it; and it was in my mouth as honey for sweetness.—Ezekiel II-III.

By LOUIS FLEISCHMAN

DES MOINES, IOWA
1905

Copyrighted 1905, by Louis Fleischman, Des Moines, Iowa

THE EXCELSIOR PRESS
DES MOINES, IOWA

אינהאַלטס פערצייכניס.

ערשטע טהייל.

הקדמה. הכל חיבין בקראת המגלה, אדער דיפלאָ־מאַטיע אונד שווערד. x

דיא הייליגע פאָלק נאך דיא הייליגע לאַנד. לארצותם, ללשונתם, לתולדתם, למשפחותם, לבית אבותם.... 5

דער בוים אונד זיין האָפפנונג. ציון אונד איהר טרייסט. דער פאלשער אורטהייל. דיא נאציאן אמאָל אונד היינט. 25

דיא נאציאנאלנע היים פיר דיא היים־ליעבענדע נאציאָן. דיא טוגענד. ודע מה שתשוב לאפקרס. בעל הבית, בעל מלאכה, פועל. שכר מלאכה, שכר פעולה, שכר מצוה, מתנה, צדקה. דיא קוועללע פאן ברכה אין איהר ריינהייט. 42

דער אביון, אינסעקט, אונד דיא בליהונג. דיא מיטינגס. דל, עני, אביון, אבה, אביונה, אבנים. דיא קריים פאן גנב. דיא עהרליכקייט, אדעלקייט פאן אביון. דיא טריעטי. 66

דיא הייליגסטע אונד פרעהליכסטע נאציאן. וויא צו לעבען אויף ביידע וועלטען, אדער דיא וועלטען

אין פעראייניגונג. דיא לאנד, פעלד, וויינגארטען, עובד אדמה, כלי מחרשה, אונד דער הר הבית, בית המקדש, מזבח, כהן גדול אונד כלי שרת. 79

דיא תורה פיר דיא נאציאן אונד דיא נאציאן פיר דיא תורה. רעספעקט פיר דיא טריעטי. דיא גאראנ־טיע פיר גלייכע רעכטע. דיא תנאים פאן גלייכע רעכטע. אונזער ערהאבענע היסטאריע. צווי־שען דיא בלומען. 89

דיא גוטע, פראכטפאללע היים פאן דיא שבטי ישראל. דיא ליעבע. דיא תנאים פאן איין ריכטיגע היים. דיא פערזענליכע פרייהייט אין דעם פערבאנד פאן אלגעמיינע געזעטצע. דיא געטטהא. דער בלומענגארטען. 115

דיא נאציאנאלע מאכט פאן דיא בני ישראל איז זייער פרייע היים. 128

דיא נאציאנאלע אונד אינטערנאציאנאלע געזעטצע. דיא נאטור ענדערונגען אונד זייער עפפעקט. דיא פלאטפארם אין איבערנעהמונג אונזער אמט אונד נאציאנאלע מאכט. דיא שפראך געזעטצע. דיא קראפט צו קאנטראלירען דיא נאטור. דיא פעראנטווארטליכקייט פאן כלל אויף'ן פרט. 133

דיא אינטערנאציאנאלע פריעד געריכט פאן הר בית ציון. דיא קראהנען. 153

דיא מאכט פאן מאטהעמאטיק אונד געזעטצע. 157

כתר תורה, דיא מאכט פאן חוקים, משפטים ושופטים. 158

כתר מלכות, דיא דיפלאמאטישע מאכט פאן כל דאלים
גבר, אדער דער אַטלאַס פאן דיא וועלט. 160
דיא ערשטע פלאטפארם; אויסער דיא אינטערנאציאנ=
אל אין איהר פערזעהנליכקייט. 166
דיא צווייטע פלאטפארם; אויסער דיא אינטערנאציאנ=
אלנע אנגעלעגענהייטען. דיא בכורה אדער
אמלאה החרבה. 168
דיא דריטטע פלאטפארם; אויסער דיא אינטערנאציאנ=
אל אין איהר פאזיציאן. דער ברית בין הבתרים. 177
דער קריעגס פלאַן. דער וואָלף אונד דיא געריללאַ
פייט. דיא לאנד פאן דעם פיינד אונד דעם פיינד
פאן דעם לאנד. שאול המלך אויף'ן שלאַכט פעלד. 181
כתר שם טוב, דיא מאכט פאן אינטערנאציאנאליטעט
אונד ציוויליזאַציאן. מסע הצלב (קרייץ פיהרער),
אינקוויזיציאן, בלוטיגע האכצייט, פלגת הגבעה,
א"ז"וו. פראטעסט פאן דיא שוטרי בני ישראל.
דיא פרייע היים הערשער. דיא ביאגראפישע אב=
געצייכנעטע אונד אבגעזאנדערטע נאציאן, צו דיא
געאָגראפישע אבגעצייכנעטע אונד אבגעגרענצטע
לאנד. 184

צווייטע טהייל.

דיא דעבאטעם וואס זאל זיין דיא הויפט פאלקס טיטעל.
דיא עדות אויף דיא סעמיטישע ריינהייט. דיא
תורה אויף דיא בנות ישראל אין מצרים, אונד
דיא חז"ל אויף דיא בנות ציון אין ירושלים, דער

אנפאנג פאן אונזער היסטאָריע. דיא ראסע
פאן איהר היסטאָרישען יחוס אונד מאַכט.......... 1
דיא ראסע פאן איהר היסטאָרישען נאציאנאלנעם פאַך.
אלהי הנכר אונד נשי נכר. כור הברזל. גוי
מקרב גוי. 12
דיא ראסע פאן איהר פראקטיק. 17
דיא פאלקס בעצייכנונגען אונד זייער טיטעל. 18
דיא נאציאנאליטעט. עם יצא ממצרים אל מצאם
ממצרים. דיא פאלק נאך דיא לאנד אונד דיא
לאנד נאך דיא פאלק. דיא געפאהר פאן אססימי=
לאַציאָן. 24
דיא סעמיטישע ראסע אין איהר סעמיטישע ריינהייט:
סדר הדורות אונד סדר היחוס. דיא שלשלת
היוחסין. 31
דיא סגולה פאן גיורת. אונזער טאָלעראנט. דער
זינען פאן ראסע. דיא גרים אין זייערע קלאַססען.
אין פעלד צווישען דיא גראז. 36
פרויען אין נאציאנאליטעט. רעליגיאן, ראסע, פאלי־
טיש אונד היסטאָריש. עמוני ולא עמונית, מאבי
ולא מאבית. עם נחלה. 46
דיא נאציאנאלנע עהרענפפלאנצונג. דיא פאלשע בע=
הויפטונג פאן עם בתוך עם. 50
דער אדעלשטיין אונד נאציאנאל בילד. דיא נאציאנא=
ליטעט פאן איהר היסטאָרישען יחוס. 55
דיא נאציאנאליטעט אין איהר מאַכט אונד ערפינדונג.

עם בני ישראל פאן פרעה. עם יצא ממצרים
פאן בלק אל מצאם ממצרים פאן בלעם. דיא
היסטאריע, יחוס, פאן נאציאן אונד קעניג.......... 59
דיא נאציאנאליטעט אין איהר היסטאָרישען עקזיס־
טענץ. דיא היסטאָרישע נאציאנאל וועבונג
אונד נאציאנאל שפייזע.......... 65
דיא נאציאנאליטעט אין איהר געגענווערטיגען עק־
זיסטענץ. דיא טיעפע נאציאנאלנע בעשלאָסענ־
הייט.......... 66
דיא רעליגיאן פאן איהר היסטאריע, מאַכט, סיבה,
תכלית אונד פראקטיק.......... 71
בגדי קודש אונד גוי קדוש, אדער דיא דעסיזיאן.
איינהייט. דער חוט של זהב.......... 75
דער אינהאַלט פאן דער מגלה אונד איהר דאָבבעל
שריפט. דיא דרייא קלענע, קינים, הגה, וחי...... 86
דיא אכלת המגלה אונד איהר כח אבילה. דיא ער־
שטע שפייזע פאן דער מגלה אונד איהר שפיי־
זע קראפט.......... 90
דיא צווייטע שפייזע פאן דער מגלה.......... 94
דער מדבר זאַהאַרא אונד דער קאמעל, דיא אניות
המדבר, דיא שיף פאן דעזערט.......... 96
דיא נאציאנאליטעט אין איהר מאַכט, ניעדערלאַגע
אונד אין איהרע תפלות.......... 103
דיא זיעסע היים אונד דער פאלקס־ליעד.......... 107
נוה שאנן, סוכת שלום, רצוף אהבה, שכינת כבודיך.

דיא שטיללע רוהיגע וואהנונג, פריעדליכע סוכה
פאן איין צערטליכע ליעבע פערבאנד, ווייל דיא
עהרע פאן דיין שכינה. דיא ערקלעהרונג פיר
דיא היים. דיא רעספעקט פיר דיא היים. דער
העכסטער פאמיליען טאג. 110

האבען מיר דיא היים האבען מיר אלעס, איז דיא
היים פערלארען איז אלעס פערלארען. אונזער
אינדוסטריע, קאממערץ, פראדוקציאן. פפליכט
אונד מיטלייד. דיא ווערטה פאן דיא נאציא=
נאלנע מאכט, עהרע, רייכקייט, שמחות, שבתים
אונד ימים טובים. 117

אבן שתיה בית הבחירה פנת יקרת רצוף אהבה.
דער ווארצעל, גרונדשטיין, פאן דיא וועלט אונד
אויסגעוועהלטע היים. דער טהייערסטער קאר=
נער שטיין פאן צערטליכע ליעבע אונד פאמיליע
פערבאנד. וועלט אונד ארדער, רעגיערונג אונד
רעגיערער. דיא גאראנטיע אויף איין גליקליכע
ארדער אדער רעגיערונג. 122

דיא פרופס פאן דעם נאציאנאל קארנער שטיין. דער
ערשטער נסיון. אברהם אונד לוט אונד זייער
רעלייגאן. פאטערלאנד, דיא פרוכט פאן דיא
היסטארישע מלחמה. דיא היים אונזער אייגענטהום. 125

דיא קאמעל קאראוואנע עקספעדיציאן אל ארצי ואל
מולדתי. דיא דאקומענטס. דער שטר מתנה
פאן אברהם. דער סדר התפלה פאן שולחן

ערוך, זייער כח, זכות, אָטהאָריטע. דיא דיס-
ציפלין פאן דיא קאַראַוואָנע. דער פראגראם
פאן סדר התפילה. 130
דיא נאציאנאל פראָוויאנט פאן דיא אל ארצי ואל
מולדתי עקספעדיציאן. אין דעם נאמען פאן
גאטטהייט, עלטערען, נאציאנאליטעט, מאַרטיר-
ער, מיטלייד. אונטער דיא פלאַג פאן דיא דרייא
הייליגע סטרייפס. דיא נאציאנאלנע רעליגיעזע
העלדען, מאַרטירער פאן אונז אונד פאן כל העמים. 134
דער בוים אונד זיין האָפפנונג. דיא מגילה אין
איהר זיעכקייט. טרויער אונד טרייסט. 138
דיא נאציאנאלנע פפלאַנצונג אין דיא אויגען פאן דיא
סנורים אונד אין איהר ריכטיגען נאציאנאל פאָרם. 141
דער בוים אין זיין ריכטיגקייט אלס נאציאנאלנע
פפלאַנצונגען, אתרג, הדס, לולב, ערבות, אין
דיא נאציאנאלנע היים, סוכת שלום רצוף אהבה. 143
דיא סנורים אין זייער טהעטיגקייט. 146
דיא וועלט יורשים, אדער דער גארטען אונד זיינע
בלומען אונד פפלאנצונגען. 147

הקדמה.

הכל חיבן בקראת המגלה, אדער דיפלאָמאַטיע אונד שווערד.

דער ציוניסט אדער נאציאנאליסט אונד דער אנטי־נאציאנאליסט, זיינעןביידע פערפּפליכטעט צו לערנען דיא נאציאנאלע מגלה. דער אנטי־נאציאנאליסט, וועלכער קליימט ניט צו גלויבען אין דיא טהעאָרי פאן איין קינפּ־טיגע אידישע נאציאנאלע אינדעפּענדענץ, זאל לערנען דיא ערשטע דיא מגלה, אז דיא וועלכע וועלען לערנען בעפאר זאלען ניט קאמען צו איהם אונד זאגען גירא בענינך, וויא באלד דוא גלויבסט אז דוא ביזט איין איד אלס רעלי־גיאן, ביזט מודה אז דוא ביזט איין נאציאנאליסט אלס מאַכט, אונד גלויבסט אין דיא נאציאנאלע טהעארי פאן איהר קינפטיג, זא וויא אין איהר היסטאריע פאן איהר פערגאנגענהייט.

ווייל דיא מגלה ווייזט דעם פאקט אז אידישע נאציא־נאלע אינדעפּענדענץ אונד אידישע רעליגיאן אין זייער לעבהאפט בכח אדער בפעל, איינע אהנע דיא אנדערע, מיינט וויא דיא לעבהאפט פאן פלייש אָהנע בלוט, אדער בלוט אהנע פלייש, אונד זייא ביידע אהנע איין נשמה.

איין לעבענדיגער מענש מיינט בשר, דם ונפש. איין איד מיינט ממלכת כהנים, נאציאן, רעליגיאן, וגוי קדוש, מיט דיא נשמה פאן איהר הייליגטהום (עיין בפנים).

אונד אב זייא וועלען דארויף ניט אכטען, זאלען זייא זייזען דעם נייגטען פונקט פאן ברית בין הבתרים עמוד 180, וואָ זייא וועלען ערשטוינט ווערען צו זעהן דעם פאקט אז עס איז ניט דא איין גרעססערע, גרינדליכע, לאָגישע ערקלעהרונג פיר ציוניזם אונד נאציאנאליזם, וויא זייערע גרינדע מיט וועלכע זייא ערקלעהרען זיך געגען איהר.

דער נאציאנאליסט ווידער, וויא ערנסט ער זאל זיין אין זיין נאציאנאל גלויבען, איז אלס פאן איין היסטאָרי־שען אונד טהעאָרישען שטאנדפונקט, אז זיין נאציאנאלי־טעט האט אמאל עקזיסטירט, אונד מוז אם ענדע וויטער עקזיסטירען, אבער עקזיסטירט ניט יעצט, זאל ער לערנען דיא נאציאנאלע מגלה, וועלכע וועט איהם איבערצייגען דעם פאקט, אז זיין נאציאנאלע מאַכט האט גאר פאן איהם קיין מאל אויפגעהערט, וויא דיא נאציאנאל ברכה ואברהם היו יהיה לגוי גדול ועצום ונברכו בו כל משפחות האדמה וגויי הארץ. אברהם וועט זיין אונד זיין איין גראסמאַכט, אָהנע איין הפסק אין וועלכע זמן מהזמנים, אז אלע נאציאנען וועלען מיט איהם געבענשט אונד בע־גליקט ווערען, וואס דיא ברכה פאן דיא נאציאנאל מאַכט האט קיין מאל אויפגעהערט אויך דאנן, ווען מיר זיינען פאן זייא אין דיא גרעסטע פערפאלגונג, וויא דיא ערשטע עדות פאן אבמלך אונד לבן אתה עתה ברוך ד׳ ויברכוני

ד׳ בגללך עד היום הזה.

דיא מגלה וועט אייך איבערצייגען אז מיט דעם אב־נעהמען פאן אונז דיא רעגיערענדע אינסטרומענטס, איז דיא מינדעסטע אנגעגריפען אונזער נאציאנאל מאַכט, ניט זא וויא מען זאל אבנעהמען פאן איין אומן זיינע כלי אומנות, וואס אבוואהל אין אומן בלי כלי, אבער דער־מיט ניט אבגענאממען זיין פאך טאַלענט (עיין בפנים), נור אויך אונזער נאציאנאלנע טהעטיגקייט ניט געשטערט, ווייל כי לא כחנו כחם, אונזער נאציאנאלנער כח איז ניט אבהענגיג אן דיא רעגיערענדע, פאליטישע, דיפלאמאַטישע ארגאניזאציאנען וויא בייא כל העמים, וואס וכשל עוזר ונפל עזור, אבגענאממען דיא רעגיערענדע אינסטרומענטס איז אוים מאַכט, רעגיערער, רעגיערונג אונד נאציאנאלנע טהעטיגקייט. דיא מגלה אדער היסטאריע ווייזט דעם פאקט אז מיר האבען געוויזען דיא העכסטע נאציאנאלנע אונד אינטערנאציאנאלנע מאַכט, אונד דעם ריכטיגען זינען פאן אינטערנאציאנאלנע פרינציפען פאן כתר שם טוב, פראטעקציאן, דיא ציוויליזאציאן, וואס קיין אינטערנאציאנאלנע מאַכט האט נאך דיא פרינציפען זא מעכטיג, העלדיש, ענערגיש, דיפלאמאטיש דורכגעפיהרט וויא מיר, אונד ווע־לען ניט דורכפיהרען. נאך דאנן, ווען מיר זיינען געוועזן פרייע קאָלאָניסטען, זיך בענוצט מיט דיא אבסאָלוטלי פערזעהנליכע היים פרייהייט, ניט צו האבען אונד צו וויסען פאן וועלכע רעגיערענדע פאך, סיסטעם, נאציאנאל־נע אדער אינטערנאציאנאלנע, אינערליכע אדער אויסער־

ליכע פערבאנד, ארגאניזאציאן (עיין בפנים אין דיא טהעמאַ).

דיא מגלה וועט אייך ווייזען אז מיר האבען ניט גע־דארפט אונד וועלען קיין מאל דארפען אנקאממען צו דיא פעלקער, אונד זייא וועלע אם ענדע מוזען צו אונז אנקאממען.

דיפלאָמאַטיע אונד שווערד.

דער הקול קול יעקב, דיא דיפלאָמאַטישע שטיממע וואס דיא פעלקער האבען פאן אונז אבגענאממען, איז אויך אזוי כלי חמס אין זייערע הענד, וויא דיא ידי עשו דעם שווערד וואס שמעון ולוי האבען גענאממען פאן דיא פעלקער, מיט דעם אונטערשיעד, ווען מיר האבען גענאממען זייער שווערד אין אונזערע הענד האבען מיר זיך אלע מאל מיט איהם גוט בענוצט אין זיין פאך, אונד דיא פעלקער מיט אונזערע דיפלאָמאטיע, איז פיר זייא פאן קיינע נוטצען אין וועלכע פאך.

שמעון ולוי אחים כלי חמס מכרתיהם (רש״י, סוף בלשון יוני מכר), וואָצו זאל דיא תורה אדער יעקב אוים־מיידען אזא אריגינאלען, ריינעם, אייגענעם, סימפעל וואָרט, חרב, פאן ויקחו איש חרבו, ואל חרביך תחיה, כלי חמס חרבותם, אונד זיך בענוטצען מיט איין פרעמדע שפראך, וויטער, כלי חמס סמכות רבים, וואס עס איז ניט אין דעם חוק והגיון הלשון צו שרייבען רבים אויף דיא צווייא שווערדען, אונד געדארפט זיין כלי חמס סמכות יחד.

דיפלאָמאַטיע אונד שווערד זיינען דיא צווייא אינסטרו־

מענטש מיט וועלכע דיא נאציאנאלע אונד אינטערנאציא־
נאלע מאכט ווערען דורך געפיהרט, אבער האבען קיין
הארמאנישע עקזיסטענץ. איינע מיינט אויסמיידונג אונד
אבשאפונג דיא אנדערע. שווערד מיינט קיינע דיפלאָמאַ־
טיע אונד דיפלאָמאַטיע מיינט קיינע שווערד. אז מען
האט אבגעגעבען צו עשו דעם שווערד ועל חרבה תחיה,
איז דער תנאי בצדה ואת אחיך תעבוד, מען גיבט דיר
דעם שווערד אין האנד אויף דעם תנאי אז ער זאל בלייי
בען אונטער דעם קאנטראל פאן דיא אינטערנאציאנאלע
דיפלאמאטישע מאכט פאן קול יעקב, אונד דוא האסט צו
איין דיפלאמאטישע שטיממע קיין רעכט.

אז מען האט אונז אבגעגעבען דיא מאכט פאן דיא
דיפלאָמאַטישע שטיטטע אין אינטערנאציאנאלע דעסי־
זיאנס, ושפט בין הגוים והכיח לעמים רבים, איז געווען
דיא דייטליכע ערקלעהרונג, ולא ישא גוי אל גוי חרב ולא
ילמדו עוד מלחמה, מען גיבט אייך אב דיא מאכט פאן
דיפלאָמאַטיע, אויף דעם תנאי אז דיא וואפען זאלען אב־
געשאפט ווערען פאן עקזיסטענץ, ניט למען מלחמה, ניט
למען השלום, וכתתו חרבותם לאתם וחניתותיהם למזמורת,
דיא יונגע אונד שטאַרקע מילימער אונד דיא גוטע מעטאַל
פאן דיא וואפען מוזען מגולגל ווערען אין טיכטיגע ערד־
ארבייטער אונד גוטע אקער אייזענס פיר טהעטיגקייט אונד
פראגרעסס, צו ערפילען זייער מיססיאן צו וואס זייא זיינען
בעשאפען, אונד דעם שאדען וואס זייא האבען געבראכט
אלס אנשי חיל וכלי מלחמה, מיט זייער פערניכטונג אדער

אונטהעטיגקייט אונד זינקונג (וויא מיר האבען אין דיא ערהאבענע טהעמאַ פאן מיליטער אונד וואפען, אונד אין דיא טהעמא זהב הטוב, דיא ענטוויקלונג פאן דעם גוטען מינעראל אונד דיא מוטער אונד געבירער פאן דיא גאנצע ציוויליזאציאן דורך דעם עין טוב ולב טוב). עס זאל פאן דיא מיליטער אונד וואפען קיין אנדענקונג בלייבען, ניט אויסצוגיעסען פאן דיא גוטע בראנזענע קאנאנען, שטאטועס, מאָנומענטען פאן זייערע העלדען, פעלד מאַרשאַלען, מיט וועלכע וואפען זייא האבען געוואונען זייער נצחון אונד עהרע דורך פערניכטונג אונד פערוויסטונג, נור גוטע אקער אייזענס, פעלד אינסטרומענטען פיר פעלד־ארבייטער, פיר דיא אויפבליהונג, אויפבילדונג דיא וועלט אונד נאטור.

אונד ווען שווערד אונד דיפלאָמאַטיע זאלען קאמען אין פעראייניגונג, דאן ווערט דיא דיפלאמאטיע פערוואנדעלט געגען איהר פרינציפ, צו העלפען דעם שווערד אונד צו מאַכען דעם שווערד גראָזאמער אונד פירכטליכער.

בהנחל עליון גוים בהפרידו בני אדם יצב גבולת עמים למספר בני ישראל, כי חלק ד׳ עמו יעקב חבל נחלתו (האזינו), בעסייד דעם חלק ד׳ עמו וואס דער טהייל איז מיט איין פינקטליכע געאגראפישע אבצייכנונג אויף׳ן לאנד־קארט פאן דיא וועלט פאן דאנען ביז דאנען, זייא הערויין צו פיהרען אין זייער פאזיציאן אונד הערשאפט, וואס קיינ־ער קען אין דעם גבול קאמען ווען זייא זאלען זיין דיא שטארקסטע אונד מיר דיא שוואכסטע, נאך דעם פינקט־ליכען געאגראפישען אבמעססונג דעם חבל הארץ, וויאפיעל

דער חלק ד׳ עמו יעקב חבל נחלתי דארף פארנעהמען, נאך דעם שארפען, וויטען, ביאגראפישען אויסרעכנונג למספר גלגלת בני ישראל, דיא אבגרענצונג פאן דיא קלענסטע אונבעדייטענדסטע שטרעקע לאנד אויף׳ן ערד־באַל, פיר דיא קלענסטע נאציאנאל גרופפע פאן אלע פעלקער, אלס צענטראל סופרים געריכט אונד סופרים ריכטער פיר דעם וועלט פריעדען אונד וועלט ארדער, האט מען אבגעגעבען יעדער פאלק איין גבול אויף׳ן ערד־באַל, אונד געעפפנעט פיר זייא דיא איבריגע גאנצע גראָ־סע וועלט טעריטאָריע, (ככר הארץ), מיט דיא רעכטע אז יעדער פאלק זאל זיך נעהמען זיין חזקה, פאזיציאן אין זיין גבול מיט זיין שווערד, ניט פאן איין געאגראפישען אבגרענצונג אויף׳ן מאַפּ, נור נאך דעם גבול פאן זייער כח וואס גאט וועט זייא געבען, ובני עשו יירשום (רש״י יירשום לשון הוה כלמר נתתי בהם כח שהיו מורשים אותם והולכים, דברים, עיין בפנים ותרא נכוחת), מיט דיא געזעצע פאן כל דאלים גבר, ביז דיא גרינדונג פאן הר בת ציון וירושלים, וואס דאנן וועט אייך דיא דעסיזיאן אונד בעצייכנונג פאן זייער גבולים. זיין מיט פרידאָם דורך דבר ד׳ מיט דיא געזעצע פאן תורה ומשפט דורך דיא שופטים ומוכיחים פאן דיא בעלי התורה והמשפט אנשטאַט דיא דעסיזיאן פאן שווערד אונד כח (עיין מכל זה בפנים).

אונד דער שווערד אליין וואלט געוועזן פיר דיא פעל־קער ביז דיא גרינדונג פאן דיא פריעד טריבונאל אויך אזוי במשפט וויא דיא צדק ומשפט פיר אונז מיט דיא דיפלאָ־

מאַטישע דעסיזיאנאס, ווייל דער שווערד אהנע דיפלאמא־טיע וואלט קיין מאל געווען זא געפעהרליך, אונד בפרט נאך דעם תנאי צו בלייבען אונטער אונזער דיפלאמאטישע קאנטראל, וויא דיא היסטאריע ווייזט, ותכנע מאב מדין יד תחת ישראל ותשקוט הארץ ניט נור ארץ ישראל, הא־בען מיר נור געהאט דיא דיפלאמאטישע אָבערמאכט איז דיא גאנצע וועלט געבליבען רוהיג פאן דיא קריגערישע פעלקער.

זאל אבער דער שווערד ווערען פעראייניגט מיט דיפ־לאמאטיע, דאנן איז געפעהרליך, דאנן ווערעןביידע נא־ציאנאלע אינסטרומענטס פאן צדק ומשפט פערוואנדעלט אין חמס, דיא דיפלאמאטיע אין מרמה, אונד דער שווערד אין שוד ורצח, הרג ואבדן, אונד מיט דיא רעכטע פאן וואַפען אונד כח איז אויף קיינעם וועג געמיינט מיט אזא רציחה, נור אלס איין עהרען דועל דעסיזיאן, וואס דער ערשטער מלחמה זאל דעסיידען דיא אינטערנאציאנאלע געזעצליכע חזקה פיר כל העמים פאן כל דאלים גבר (עיין בפנים), אונד ווען איין צווייטע איז שאן געווען פאן איין אויסנאהמליכע אורזאכע, וויא מיר זעהן כמעט אלע אדער דיא מעהרסטע מלחמות פאן תנ״ך, אבער אויף קיי־נעם וועג צו פיטען צו דיא ביטטער ענד.

דיא ערקלעהרונג פאן דוד המלך, כזאת וכזאת תאכל חרב, אז מיט איינע אונד דיא ערשטע שלאכט קען דער שווערד ניט דעסיידען, אונד וויטער אנצוהאלטען דיא מלחמה ניט צו אכטען אויף איין בעזיעגונג, ווייסען מיר

גאנץ גוט דיא מרמה פאליטיק וואכ אין דעם איז געוועןן, אונד וויא דיא ריכטיגע עהרליכע קריעגס מעטהאדע וואס יואב האט בעפאר ערקלעהרט, והיה כי תעלה חמת המלך מדוע נגשתם אל החומה . . ., וואס דאס איז איין בעוואוסטער געפעהרליכער פאזיציאן, אונד מיר טאָרען ניט פייטען איין פערצווייפעלטע האפלאזע פייט. קיין מאכט קען זאגען דעם רעזולט פאן שלאכט, אבער דער געהן צום שלאכט־פעלד מוז זיין האָפפאָל צו געווינען ניט בלאָס צו שאַדען דעם פיינד אדער תמות נפשי אם פלשתים.

שמעון ולוי האבען דא געזעהן אז מיט איין ציוויליזירטע וועג וועלען זייא זייער שוועסטער פאן דיא בארבארישע הענד ניט רעטטען, סיידען מיט'ן שווערד, אבער וויא קענען זיך צווייא שווערדען שטעלען געגען איין מאַכט אונד נאציאן, אלזא האבען זייא געמוזט נעהמען דיא מרמה דיפלאָמאטיע פאן והינו לעם אחד בהמיל לכם כל זכר, צו העלפען דעם שווערד.

דער דירעקט זינען פאן מכר אין גריכיש, איז קריעג, נור אזוי וויא קריעג מיינט שווערד, האט אין דעם ענין דעם ריבטיגען זינען פאן סיף, אלזא אויף אזא קריעגס מעטהאָדע פאן דיא צווייא פעראייניגטע, חמס, אינסטרומענטס, מרמה, דיפלאמאטיע אונד שוד החרב, קען דיא נאציאנאל שפראכע, ליטעראטור, לעהרע, קיין בעצייכנונג האבען, ווייל דיא נאציאן אונד איהר לעהרע האט פאן אזא זינען קיין פראקטישע אונד טהעארישע בעניטצונג, ניט פיר זיך, וואס מיר האבען קיינע קריעגס סיסטעם, נור פריעדליכע דיפלאמאטישע דעסיזיאנס,

אונד ניט פיר אנדערע וואפען נאציאנען, וועלכע זיינען אפילו אונטער דיא לעהרע אונד רעכטע פאן שווערד, ואל חרבך תחיה, אבער ניט אונטער דעם אבסאלוטען זינען פאן קריעג פאן דיא צווייא פעראיינונגען, נור חרב במשפט, ניט איין דיפלאָמאַטישע חרב פאן שוד ורצח, אלזא האט געמוזט דיא נייע קריעגס מעטהאדע אין דעם ריכטיגען זינען פאן קריעג פאן דיפלאמאטיע אונד שווערד, אזא קריעג סיסטעם אשר לא כתובה בתורה, אונד אין דעם כאראקטער פאן דיא נאציאן, נור וואס שמעון ולוי האבען דאס ערפונדען לשעתה זיך צו רעטטען פאן זייער געפאהר, האבען איין בעזאנדערען קריעגס בעצייכנונג, וואס דיא פרעמדע וואפען־נאציאנען האַבען צוגענאמען דיא טרעפענדע קריעגס ערפינדונג מיט איהר בעצייכנונג צוזאמען פיר זייער בעשטימטע נאציאנאלע עקזיסטענץ, אונד איז בעצם וראשונה איין פרעמדע שפראך זא וויא איין פרעמדע מעטהאָדע, אבוואהל מיר זיינען איהרע ערפינדער, אונד דער וואָרט בלייבט בדד ישב, אהנע וועלכע אנערקענונג אין אונזער מחנה פאן שפראכע, ליטעראטור, בעסייד איהר געבורט לשעתה.

בייא דיא ברכות איז בא אחיך במרמה ויקח ברכותיך, אבער ניט דיא מרמה איז געווען דיא זאך וואס האט פערשאפט יעקב׳ן דיא ברכות. דיא ברכות זיינען געווען פיר איהם בעשטימט מעוצה עמוקה, אונד דער מרמה פלאן האט נור געהאָלפען דורכפיהרען דיא עצה, אדער וויא מיר האבען אין דיא טהעמאַ, אז דיא מרמה סצענע איז געווען בלאָס איין בימה, וואס האט זייא ביידען הערויפגעפיהרט אויף׳ן סטיידש

אונד זיך געוויזען אָפּפען אין זייער ריכטיגען נאַטירליכען כאַ-
ראַקטער, אונד גענעבען זייער ריכטיגען עקזאַמינאַציאָן בע-
פאַר יצחק'ן, ווער עס איז ענטייטעלד, בערעכטיגט, פּאַססיג, פיר
דיא ברכות אונד נאַציאָנאַלנע אונטערנעהמונגען, וואס יצחק
האַט בעשטימט דיא ברכות צו יעקב'ן, ניט אַזוי אין בלינד-
הייט נור אין געגענטהייל, איהם הערױסגעפיהרט פאַן דיא
בלינדהייט וואס עשו האַט איהם געפיהרט ביז אהער, אונד
בעשטימט, בעשטעטיגט דיא ברכות צו יעקב'ן באספּקלריה
המאירה. דיא זעלבע בייא דיא בכורה מיט דיא הלעטיני
סצענע, וואס עשו האַט זיך ערקלעהרט אין זיין נאַטירליכען
פאַך, אלס אדם איין עקזיסטענץ פאַן איין בלוט איגעל פאַן
אמלאה החרבה (עיין בפנים), אונד זיך אליין אבגעלייקענט
פאַן דיא בכורה בהכחשה גמורה אז ער איז קיין מאל איין
בכור געוועז, אלזא איז דיא מרמה נור במקרא, אבער בעצם
איז נור בחכמתה (תרגום).

דער בעשלאָססענער אנטוואָרט הכזונה יעשה את
אחותינו, וואס האַט שטיל געמאַכט יעקב'ן אויף זיין ביטערע
פארווירפע איבער דעם שרעקליכען געפאַהר וואס דא איז
זייא פארגעשטאַנען, איז גענוג איין ענטפער אז דאס וואס זייא
האבען געטהאָן מיט שכם, איז געווען געטהאָן זייער פפליכט
בצדק ובמשפט, דורכצופיהרען מיט וועלכע וועג עס איז
נור מעגליך, אונד אַזוי וויא קיין אנדער וועג איז געווען וויא
זיך צו בענוטצען מיט עשו'ס שווערד, האבען זייא שאָן גע-
מוזט נעהמען דיא מרמה דיפּלאָמאַטיע צו הילפע, וויא מיר
האבען גערעדט. צווייא שווערדען קענען זיך ניט שטעלען

געגען טויזענדע אין געגען מאכט אונד נאציאן, אלזא איז דיא מרמה אויך מעהר ניט במקרה, אבער בעצם איז בחכמתה (תרגום), אבער וואס פיר איין הכמה, נוטצען, באלאנס, קען זיין מרמה דיפלאָמאטיע פאן איין דועל דעסיזיאן, שווערד געגען שווערד, אדער ריעזען, וואפען, מעכטע, געגען ריעזען, וואפען, מעכטע, דיפלאמאטיע געגען דיפלאמאטיע, ניט מעהר להותם, צו מאכען דעם שווערד גראזאמער אונד גע-פעהרליכער, רואין אונד פערניכטונג, אהנע וועלכע נוטצען צו בריינגען פיר דיא דעסיזיאן.

זאל מיר דיא דיא היסטאריע ווייזען איין מלחמה, אז דער ע״שטער שלאכט אדער אפילו דער צווייטער זאל זיין דעסיידענד, וויא מיר געפינען דיא מלחמות פאן תנ״ך. אדער דיא היסטאריע זאל ווייזען וועלכע נאציאן וואס זאל האבען געקראגען וועלכע אבערמאכט, זאל אויפהאלטען דעם וועלט-פריעדען אכציג יאהר נאכאיינאנד זאל קיין מלחמה פארקאמ-ען, וויא ותכנע מדין ומאב תחת יד ישראל ותשקוט הארץ ארבעים שנה ושמונים שנים, יד מי עשתה זאת, עס זאל ניט אוועקגעהן איין צענטורע אהנע צענדליגע מלחמות פאן יאהרען לאנג מיט צעהנדליגע שלאכטען פאן זאלכע מערדער-ליכע בלוט פערגיעסונג, אדער ריכטיגער, קיין טאג אויפגע-הערט פאן מלחמות. דיא צייט פאן שלום איז ניט מעהר אונד ניט וועניגער אלס איין פארבערייטונג פאן מעהר מאָ-דערנע אונד מעהר מעכטיגע וואפען, ארמעע, פלאָטע, פעס-טונגען, פיר איין נעכסטע, גרעסערע אונד פירכטערליכע מלחמה, ווייל אם מעהרסטען איז דיא שליעסונג פאן איין

פריעד טריעטיע נור געשלאָססען אונד געסטאפט דיא ווייטע-רע קריעגס בעוועגונג, אבער קיין אינעדליכע פרידאָם בייא דיא פארטיעס וועלכע בלייבען ניט זעלטען נאך מיט איין טיעפערע ביטטערנעס פאן דעם שלום וויא פאן דיא מלחמה, וואס דיא פארבערייטונג מוז מיט דיא נאטור געזעטצע אויס-ברעכען אין איין רעזולט, וויא מיר האבען אין דיא טהעמא פאן וואפען אונד מיליטער, אונד קיין אנדער גאראנטיע אויף שלום איז דא וויא ולא ילמדו עוד מלחמה וכיתתו חרבותם וכו', דיא געפעהרליכקייט איז קיין אנדער אורזאך וויא דיא אינטערנאציאנאלע דיפלאמאטיע.

אונד וואס עס איז אנבעלאנג צו דיא דיפלאמאטיע אין איהר פאך אונד פרינציפ אבצושאפען דעם שווערד, וועט איהר עוויג ניט דורכפיהרען ווא איהר וועט ניט אנקאממען צו אונז אן דיא געזעטצליכע גרינדע, נעמליך: 1) איהר זייט קיין מאל געווען געפרופט צו איין ריכטיגען, רוהיגען, פריעד-ליכען, נאציאנאל לעבען וויא מיר, פאן אזא פעריאד פאן ארבעים שנה תחת גפנו ותחת תאנתו מיט אזא עונג ושמחת הלב, איהר זאלט האבען דיא ערפאהרונג וואס נאציאנאל פרידאָם איז, איהר צו גרינדען. 2) אין חבוש מתיר עצמו מבית אסורים, ניט איהר האט גענאממען אליין דעם שווערד אין אייערע הענד, ניט איהר וועט איהם אליין הערויסלאזען פאן אייערע הענד, ווען עס װאלט געווען איין מעגליכקייט איהר זאלט זיך צוטהיילען אייערע גבולים צווישען זיך פריעד-ליך, וואלטען אייך דעם שווערד אונד כח קיין מאל געגעבען. דיא דיפלאמאטיע וואס האט צוגעשלאססען דעם שווערד צו

אייערע הענד, דיא זעלבע דיפּלאָמאטיע מוז איהם אבשליעס־
ען. דאס וואס איהר דענקט איהר האט דיא דיפלאמאטיע
דיא שליעסעל אין אייערע הענד, איז איין פאלשע פאנטאזיע,
איהר האט ניט איהר קאמבינייישאן (איהר סעקרעט), אונד
וועט מוזען אבגעבען דיא שליעסעל צו איהרע מייסטערס, ווען
מיר זיינען אומנים בלי כלי, זייט איהר נאך מעהר כלי בלי אומן.
איהר זייט ניט דיא מייסטערס, אונד האט ניט דעם טאלענט
אזא אדעלע אינסטרומענט צו האנדלען, אונד אייך איז ניט
געגעבען אזא דיפלאמאטישע געצייג, אונד ניט געלערענט,
געשטודירט אונד געבארען אזא דיפלאמאטיע דורכצופיהרען,
ויתר דברי דין דת וחוק בהמשפט הזה, הלא הם כתובים
על ספר דברי גבולי העמים וחזקתם, בפנים.

אונד אב איהר מיינט אדער וועט אמאל מיינען
ערנסט אבצושאפען דעם שווערד, איז קיין אנדער וועג,
נאך דעם פלאן פאן ישעיהו הנביא, צו אנערקענען דעם
הר בית ציון וירושלים, פיר דעם צענטראל פריעד טריבו־
נאל, אונד דיא בני ציון וירושלים פיר דיא פריעד קאָממי־
סיאנערע, אונד דיא תורה פיר דיא פריעד דיפלאָמאַטיע,
אונד טאקע וואס פריהער, במהרה בימינו אמן.

המחבר אליעזר פליישמאן,

בן לא״א כמהורר גרשון בר׳ ישראל אסר פליישמאן,
ולאמי מורתי גיטע מיכלע בת ר׳ מרדכי, יליד
שאַדעווע, מחוז קאָוונא, רוסס־פּאָלען.

אנמערקונג.

דיא אונזערע גראססע ווערק, ההכל ותבונתו, דער נאציאנאל פאלאסט אונד זיין פלאן, וועלכע מיר האבען גע-בויט אויף דיא נאציאנאלע יסודות ממלכת כהנים וגוי קדוש, נאציאן, רעליגיאן, ראסע, וואס זיינען געגרינדעט אין דער מגלה, איז אתנו בכתובים.

דיא

נאציאנאלנע מגלה.

The National Roll

ערשטע טהייל.

פאן

אליעזר פליישמאַן.

דיא הייליגע פאָלק נאך דיא הייליגע לאַנד.

ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש.

יתרו, י״ט, ו׳.

אונד איהר וועט זיין צו מיר איין הייליגטהום פאן נאציאן, רעליגיאן אונד ראסע.

זא בעלי חיים (טהירע), זא מדברים (מענשען), זיינען איינגעטהיילט אין מינים אדער פרטים: סוגים (קלאססען), וועלכע האלטען איין אין זייערע קלאססען פיעלע פערשיעדענע מינים אדער פרטים (איינצעלענדע); אונד שמות כללים (אללגעמיינע נעמען), וועלכע האלטען איין אין זייער כלל פיעלע פערשיעדענע קלאססען. יעדער חיה אין בעטראכטונג איהר בעזאנדערהייט מיט איהר בעצייכענטען נאמען, איז איין פרט וואס מיינט מיט דעם נאמען נור דיא חיה אונד דעם מין, אונד ניט קיין אנדערע; צב״ש: אז איך זאג איין לייב, פערשטעה איך נור דעם מין לייב אונד ניט קיין אנדער מין חיה, דאס הייסט שם פרטי (איין בעצייכענטער נאמען). אבער וואלף אדער טיגער הייסט שאן איין נאמען פאן איין סוג (קלאססע אדער פאמיליע), ווייל איין פוכס איז אויך אין דיא פאמיליע פאן איין וואלף, אונד איין לעמפערט בעלאנגט אויך צו דיא פאמיליע פאן טיגער, אונד נאך פיעלע

אנדערע טהירע. אלזא איז דער נאמען וואלף אדער טיגער, איין נאמען פאן איין קלאססע אדער פאמיליע, וועלכע האלט איין פיעלע מינים אדער פרטים. חיה (טהירע), איז איין שם כללי (איין אללגעמיינער נאמען), וועלכע האלט איין אין דעם כלל אללע מינים אונד אללע קלאססען פאן חיות.

ביים מדבר (דער מענש) איז אויך דיא זעלבע: ראסע, דער מין; רעליגיאן, דער סוג (דיא קלאססע אדער סעקטע), וועלכע קען איינהאלטען אונטער דעם נאמען רעליגיאן, פיעלע פערשיעדענע ראסען; אונד נאציאן, איין שם כללי (איין אלל־געמיינעם נאמען), וועלכע האלט איין אין דעם נאמען נאציאן פיעלע פערשיעדענע רעליגיעזע קלאססען אדער סעקטעס פאן פערשיעדענע ראסען, נור מיט דעם אונטערשיעד: ביים ב״ח זיינען אללע נעמען דער שם המין אדער פרטי, זא וויא לייב, בער, אונד דעם שם הסוג (קלאססע אדער פאמיליע), זא וויא וואלף, טייגער, אונד דעם שם הכללי חיה (טהיר) שמות עצמים (נאטירליכע נעמען) מיט זייא געבארען. דער אללגעמיינער נאמען חיה איז אויך מיט איהם גע־בארען, אונד קען ניט ווערען געענדערט, זא וויא דער שם המין אדער פרט, לייב, וואלף, אונד דיא זעלבע דער שם הסוג (קלאססע). ביים מענשען אבער, איז איין שם העצם איין נאטירליכען נאמען, מיט וועלכען ער איז געבארען, אונד קען ניט ווערען געענדערט, נור דער שם המין, (דער נאמען פאן דיא ראסע). אבער דער שם הסוג (קלאססע אדער סעקטע),

רעליגיאן, אונד דער שם הכללי (אללגעמיינער נאמען) נא־ציאן, זיינען קיין שמות עצמים (נאטירליכע נעמען) מיט זייא געבארען, נור שמות הסכמי (נעמען פאן בעשטיממונג), אונד קעננען אללע מאל ווערען געענדערט. ער קען ווערען פאן איין קאטהאליק א פראטעסטאנט, אונד פערקעהרט; אונד פאן איין צרפתי איין אמעריקאנער, אונד פאן איין אמע־ריקאנער איין אשכנזי; אונד אזוי אללע רעליגיאנען אונד נא־ציאנען.

דיא אידישע פאלק איז אויך וויא אללע פעלקער, מיט דיא בעצייכנונג פאן ראסע, רעליגיאן, נאציאן, אבער ניט אין דעם געדאנק פאן מין, סוג, (קלאססע אדער סעקטע), אונד כללי (אללגעמיינער נאמען). אז רעליגיאן זאלל מיינען איין קלאססע אדער סעקטע פאן פערשיעדענע ראסען, אונד נאציאן זאלל הייסען איין כללי (אללגעמיינער נאמען) פאן איין צונויפשטעללונג פאן פיעלע פערשיעדענע רעליגיעזע קלאססען אדער סעקטעם. דיא וואהרצלענדע בעשאפונג אונד געבורט פאן דיא עם ישראל איז איין עם לבדד (איין אבגעזאנדערטער פאלק) פאן כל העמים אשר תחת השמים, אין איהר אללע דרייא נעמען פאן ראסע, רעליגיאן אונד נאציאן, אהנע וועל־כע פערמישונג פאן אנדערע פעלקער.

איין פאלקאממען יחוס פאן איין פאלק מוז זיין איין פפלאנצונג פאן פאלגענדע יחוס־צווייגען, הערויסגעוואכסען איינע פאן דיא אנדערע, נעמליך: קינדער פאן בתי אבות (הויז־פאטערס), בתי אבות פאן משפחות, משפחות פאן

שבטים אדער ראסען, ראסען אדער שבטים פאן איין ווארצעל־געבורט, אדער ווארצעל־געבורט פאן פיעל ראסען אדער שבטים, ראסען אדער שבטים פאן פיעלע משפחות, משפחות פאן פיעלע בתי אבות (הויז־פאטערס), בתי אבות פאן פיעלע קינדער, אונד דיא קינדער פאן דיא זעלבע געבורט, ראסע, משפחה, הויז־פאטער, צו איין דיפלאמאטישע נאציאן פאן לאנד אונד שפראך. ווען איינע פאן דיא יחוס צווייגען זאלל פעהלען, איז שאן קיין פאללקאממע יחוס, ווייל דיא אללע צווייגען מוזען זיין אין איין גאנצע נאציאן, וויא אללע גליעדער אין איין גאנצען קערפער. ווען עס פעהלט דיא פאלק איהר אייגענעם הערויסגעוואכסענעם צווייג מוז זיין איין פערמישונג אין איהר פפלאנצונג פאן פרעמדע צווייגען, אונד קען שאן ניט וויססען איהרע פאללקאממע אבשטאממונג.

היינט וועללען מיר זעהן דיא ערשטע דברי הימים פאן דיא פאלקס יחוס: יפת האט געהאט זיעבען זיהן; אלזא איז יפת דער ווארצעל געבורט פאן זיעבען ראסען ווארצלען. דער סדר היחוס זאגט אז עס זיינען געבארען קינדער מעהר ניט וויא פאן צווייא זיהן, פאן גמר אונד פאן יון, אונד פאן דיא איבריגע פינף זיהן איז דערמאנט קיין געבורט פאן קינדער, אבער זייא זיינען געוועזן קיין קינדערלאזע. פאן אללע זיעבען זיהן זיינען הערויסגעקאממען גראססע פעלקער, וויא דיא גמרא יומא, דף י, אונד וויא רש״י ברייננט, „ותירס זו פרס“, נור ווייל אין דיא ערשטע ראסע ווארצעל איז שאן געוועזן פערמישט פאן פרעמדע ראסען, אונד דער סדר היחוס האט שאן

ניט געקענט בעצייכנען איין ריכטיגע אבשטאממונג פאן פא־
טער צו קינדער, ווער זייער פאטער איז געווען וואס האט דיא
קינדער געבארען, אונד ווער דיא געוויססע קינדער פאן דעם
פאטער. אלזא האבען שאן דיא פינף זיהן פאן יפת געהאט
קיין אנהייב יחוס פאן ראסע, אונד אפשר אויך ניט פאן גע־
בורט, אונד גלייך מיט דיא ווארצעל געבורט פערמישט גע־
ווארען, וויא מיר וועללען ווייטער ריידען.

אשכנז, אלישה אונד דיא איבריגע קינדער פאן גמר ויון,
האבען שאן געהאט איין יחוס פאן ראסע. דער סדר היחוס
זאגט אבער ניט ווער זיינען געווען דיא קינדער וואס אשכנז
אונד אלישה האבען געבארען, פאן וועלבע עס האט שאן גע־
דארפט זיין איין יחוס צווייג פאן משפחה, פאן איין געוויססע
ראסע אבשטאממונג, ווייל אין זייער ראסע איז שאן אויך גע־
ווען איין פערמישונג פאן פרעמדע ראסען, וואס דער סדר
היחוס האט ניט געקעננט בעצייכנען פאן וועלבע ראסע דיא
אבשטאממונג פאן דיא משפחה איז, אונד האבען געהאט קיין
יחוס משפחה.

דיא בני חם זיינען שאן געגאנגען מיט איין דור ווייטער,
אונד שאן אנערקענט מיט דעם יחוס פאן משפחות. מצרים
האט געבארען ל ו ד י ם , . . . ואת פתרוסים, ואת
כסלוחים אשר יצאו משם פלשתים; זאגט רש״י, משניהם
יצאו, דיא פלשתים זיינען געקאממען פאןביידע ראסען שהיו
מחליפין נשותיהן אלו לאלו ויצאו משם פלשתים. אלזא הא־
בען דיא פלשתים אפילו קיין בעשטימטע יחוס ראסע געהאט.

וכנען ילד . . . ואת היבוסי . . . וואס איז שאן געוועזן יחוס פאן פאמיליעס. כוש האט געבארען רעמה, אונד רעמה האט געבארען שבא ודדן, וואס איז שאן געוועזן איין דריטטער דור פאן כוש אונד שאן אין דעם יחוס פאן משפחות. זאגט אבער דער סדר היחוס ואחר נפוצו משפחות הכנעני, (אונד דערנאך זיינען פערשפרייט געווארען דיא משפחות פאן כנעני); רש״י, ומאלה נפוצו משפחות הרבה, (פאן דיא האבען זיך פערשפרייט פיעלע משפחות), אונד דיא משפחות איז געוועזן דער לעצטער יחוס צווייג; קיין בית אב אבשטאממונג פאן איין געוויססע משפחה איז געוועזן.

אלזא דיא בני יפת, וויא מגוג ומדי . . . האבען ניט אב־געהאלטען זייער טהרת היחוס אפילו אין ראסע, אונד זיינען גלייך אין דיא ווארצלענדע ראסע פערמישט געווארען. דיא בני יפת, וויא גמר ויון, האבען שאן אבגעהאלטען דעם יחוס פאן ראסע, אבער ניט דעם יחוס פאן משפחה. אויף אשכנז אונד אלישה׳ם קינדער איז שאן קיין יחוס געוועזן. דיא בני כנען אבער האבען אבגעהאלטען זייער יחוס אין ראסע אונד פא־מיליע, אהנע פרעמדע פערמישונג, אבער דיא משפחות זיינען פערשפרייט אונד פערמישט געווארען איין ראסע מיט דיא אנדערע, אונד איין משפחה פאן דיא ראסע מיט איין משפחה פאן איין אנדער ראסע, אונד זיך געבילדעט פיעלע פער־שיעדענע צווייגען פאן משפחות, אז עס האט ניט געקענט בע־צייכנעט ווערען איין געוויססע בית אב אבשטאממונג פאן איין געוויססע משפחה אונד פאן איין געוויכסע ראסע.

בייא כל העמים אשר תחת השמים, איז געגאנגען זייער יחוס דיא העכסטע ביז דעם דריטטען דור. פאן ווארצעל גע־בורט, ראסע, משפחה, פאן דעם דריטטען דור פאן ווארצעל געבורט אדער פאן משפחה, האבען זייא שאן ניט געוואוסט ווא זייא זיינען אין דער וועלט מיט זייער גאנצען יחוס. היינט ווער רעדט שאן אז זייא זיינען שאן געוועזען צוטהיילט אונד צו־שפרייט אונד בעזעצט אין אינזלען אונד נאציאנען פאן לאנד אונד שפראך, אונד רעגיערונגס? וואס איז שאן געוועזען נאך צעהנדליגע דורות אונד פעריאדען, אז זייא זיינען שאן געוועזען אין אזא פערמישונג איינע מיט דיא אנדערע, אז זייא האבען אפילו ניט געוואוסט זייער ווארצעל־געבורט פאן וועלכע זייא שטאמען, צו פאן חם, יפת אדער פאן דיא איבריגע בני שם, אונד האבען געקענט רופען זייער נאציאנאליטעט ניט מעהר וויא נאך דיא לאנד אונד שפראך. אויף דיא בני חם זאגט רש"י עדות, אף על פי שנחלקו ללשונות וארצות כולם בני חם הם, אבוואהל זייא זיינען צוטהיילט אין פערשיעדענע שפראכען אונד לענדער אונד זיינען שאן לאנג פערמישט אין זייערע רא־סען אונד משפחות, דאך ווייסען זייא פאן זייער ווארצעל גע־בורט אז זייא זיינען אללע בני חם. אבער רש"י זאגט ניט דיא זעלבע עדות אויף דיא בני יפת, אז כולם בני יפת הם, אב־וואהל זייא זיינען אויך פערטהיילט אין שפראַבען אונד לענדער, וויל אויף דיא בני חם האט רש"י איין דאקומענט, ויבא ישראל מצרים ויעקב גר בארץ חם, אָבער מיר געפינען קיין דאָקומענט אויף איין לאנד בעצייכנעט ארץ יפת.

מאלה נפרדו איי הגוים, פאָן דיא האבען זיך פענאַנדער געטהיילט דיא אינזלען פאן דיא ראסען בארצותם, ללשנתם, לתולדותם, למשפחותם, בגויהם, גערופען זייער נאַציאָנאַליטעט, וועלכע נאך דיא לאַנד אונד שפּראַך, וועלכע נאך געבורט אונד וועלכע נאך משפחה, אבער אַללע בגויהם, אונד דיא פערמישונג פאן דיא ראַסען איינע מיט דיא אַנדערע. קיין פאלק איז געוועזן ריין אהנע פערמישונג, וועלכע נאך דיא לאַנד אונד שפראך האבען געהאט זייער פערמישונג שאָן גלייך אין געבורט, אונד האבען ניט געוואוסט אפילו צו זייא זיינען פאן חם צו פאן יפת. דיא וועלכע האבען שאן געהאט זייער יחוס צווייג פאן געבורט אונד ראסע, האבען ניט געהאט דעם יחוס צווייג פאן משפחה, דיא העכסטע איז געוועזן ביז דעם דריטטען דור, אבער עד פה. פאן דעם דריטטען דור משפחה אונד ווייטער איז שאן קיין יחוס צווייג געוואכסען. קיין געבורט אונד ראסע אונד משפחה פאן כל העמים אשר תחת השמים זיינען געקומען צו דעם יחוס צווייג לבית אבותם, צו בעצייכנען איין הויז געזינד אונד הויז פאטער פאן קינדער פאן איין געוויססע ריינע משפחה אונד ראסע אבשטאממונג, וויל וויא עס איז געקאממען צו דעם פראגרעסס פאן משפחה איז געווארען איין אללגעמיינע פערמישונג פאן דיא ראסען איינע מיט דיא אנדערע.

נור איין פאלק אונטער דיא זון וועלכע האבען זייער יחוס צווייגען לתולדותם, למשפחותם, לבית אבותם, למספר בני ישראל, פאן דיא ווארצעל געבורט צווייג פאן צווייג, פאן שם צו דיא ראסע, פאן דיא ראסע דור פאן דור צו דיא ריינע

משפחה פאן אבי כל בני עבר, פאן דיא משפחה דור פאן דור צו דיא אבות, אונד געבליבען איין גרונד יחוס צאהל לדורות, לתולדותם, למשפחותם, לבית אבותם, אנשטאט דעם גרונד צאהל פאן כל העמים לתולדותם, למשפחותם, בגויהם, וואס נור דער בגויהם איז געוועזען דער צד השוה שבכל בני נח, אבער דיא איבריגע זאגט דער תולדות היחוס וועלכע למשפחותם בגויהם, וועלכע בארצותם בגויהם, וועלכע לתולדותם בגויהם, וויא מיר האבען גערעדט.

זייער נאציאנאליטעט ווערט בעצייכנעט מיט אללע צוזאממען: נאך דיא ווארצעל געבורט, נאך דיא ראסע, נאך דיא משפחה, נאך דיא עלטערען, נאך דיא לאנד אונד שפראך, איין ריינע פפלאנצונג פאן אללע יחוס צווייגען הערויסגעוואכס-ען איין צווייג פאן דיא אנדערע, אהנע וועלכע פערמישונג פאן איין צווייג פאן איין אנדער פפלאנצונג. פאן שם ווארצעל גע-בורט צו דיא ראסע, פאן דיא ראסע צו דיא אבי כל בני עבר, דער ווארצעל געבורט פאן איין משפחה. פאן אבי המשפחה צו אב המון גוים, איין וועלט פאטער, איין ווארצעל געבורט, זאַמען פאן נאציאן, רעליגיאן אונד ראסע. פאן תולדות אברהם צו תולדות יצחק דער אנדער גרענעץ ווארצעל גע-בורט פאן צווייא ראסען אונד נאציאנען. פאן תולדות יצחק צו תולדות יעקב דער געבורט פאן שבטים; פאן דיא שבטים צו משפחות; פאן משפחות צו בתי אבות (הויז-פאטערס); פאן בתי אבות למספר בני ישראל, אונד צו איין מעכטיגע פאלק פאן ממלכת כהנים וגוי קדוש, נאציאן, רעליגיאן אונד ראסע. איין עם סגולה ונחלה פאן איין ריינע אונד הייליגע

אבזאנדערהייט אין איהרע אללע דרייא היילינטהומס אהנע וועלכע פערמישונג פאן אנדערע פעלקער, אונד דיא היילינע פאלק נאך דיא היילינע לאנד אונד שפראך, ציון וירושלים.

אתה אחד ושמך אחד, דוא גאטט ביזט איינער אונד דיין נאמען איז איינער, איין אונד אלליין בשמים ובארץ; אלליין אין דיין גאטטהייט, אלליין אין דיין בריאה, אלליין אין דיינע פעולה, הנהגה אונד השגחה, אהנע וועלכע שתוף פאן איין אנדער כח, ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, אונד ווער איז נאך אזא פאלק אויף דער וועלט וויא דיין פאלק ישראל, איין ראסע אונטער דיא זון מיט דיא זעלבע איינהייט וויא דיין גאטטהייט, אהנע וועלכע שתוף אונד פערמישונג אין זייא פאן איין אנדער פאלק. איין עם לבדד אויף דעם ערד־קוגעל, וועלכע איז איין אונד אלליין אין געבורט, אלליין אין ראסע, אלליין אין משפחה, אלליין אין בית אב, אלליין אין רעליגיאן, אלליין אין נאציאן, אלליין אין לאנד אונד שפראך. אונד וואו איז נאך אזא נאמען אויף דער וועלט וויא דער נאמען ,,איד'' פאן אזא סגולה וואס מיט דעם אייןווארט איד ווערט בעצייכ־נעט אללע דרייא נעמען פאן ראסע, רעליגיאן אונד נאציאן; וואס קיין עם ולשון האט אזא נאמען וואס זאלל אללעס בע־צייכנען, וויא מיר וועללען ווייטער ריידען, אונד דיא ראסע איז קיין שם המין, אונד רעליגיאן קיין שם הסוג, וואס זאלל איינ־האלטען פיעלע פערשיעדענע ראסען אונטער איהר רעליגיאן.

איין גר שנתגייר איז כקטן שנולד דמי, זאגען דיא חז''ל, הנפש אשר עשו בחרן, אברהם מגייר האנשים ושרי מגיירת הנשים ומעלה עליהם הכתוב כאילו עשאום, וויא דיא גיורת

איז דאמאלס געווען, נור מיט'ן מגייר זיין, האט זייא דער פסוק געמאכט וויא זייא האבען זייא בעשאפען. איין גר איז וויא איין קינד געבארען אין אונזער ראסע; ניט דער·אבהיטען פאן דיא רעליגיאן מאכט איהם פיר איין אידען, נור דיא געבורט פאן גיורת אונד טבילה לשם היהדות. ווען איין פרעמדע ראסע געבורט זאלל אבהיטען דיא רעליגיאן בכל פרטיה ודקדוקיה אהנע דיא געבורט פאן גיורת, האט ער קיין אנער־קעננונג פאן איין ישראל, אונד מיט דיא געבורט פאן גיורת איז ער איין ישראל גמור ווען ער זאלל אפילו ניט אנהייבען צו היטען דיא רעליגיאן, גלייך מיט אללע פושעי ישראל אין אללע רעליגיעזע פעראנטווארטליכקייט, אונד גר אין לו יורשים, איין גר האט קיין יורשים, אונד זיין וועכסלען דעם רעליגיאן קען קיין מאכט האבען צו צונעהמען דעם זכות פאן ירושה אונד יורשים נור ווייל ער איז פאן זייא גאר ניט געבארען, אונד השנים הראשונים נפלו, ערשט געבארען פאן אונזער ראסע.

נאציאן איז קיין שם הכללי וועלכע זאלל איינהאלטען פיעל פערשיעדענע רעליגיעזע קלאססען אדער סעקטעס וויא בייא כל העמים, נור דיא קלאססע דיא זעלבע פאן מין, אונד דער כלל דיא זעלבע פאן סוג אדער קלאססע, דיא רעליגיאן דיא זעלבע פאן דיא ראסע, אונד דיא נאציאן דיא זעלבע פאן דיא רעליגיאן, דיא משפחה דיא זעלבע פאן דיא ראסע, אונד דיא בתי אבות דיא זעלבע פאן דיא משפחה, דיא בני ישראל דיא זעלבע פאן דיא בתי אבות, אונד צו איין עם סגולה ונחלה, פאן קיינע מולדת חוץ פאן איין אנדער ראסע חוץ דיא בני ישראל אין דיא לאנד אונד שפראך פאן ירושת הארץ לשבטיה,

וואס אפילו קיין גר האט אין איהר א חלק געהאט, ווייל איין גר קען ניט הייסען אונטער איין בעצייכנעטען שבט ווייל ער הייסט געבארען פאן אללע שבטים פאן דיא גאנצע ראסע.

אזוי וויא רעליגיאן אונד נאציאן איז ניט אין דעם געדאנק פאן כל העמים, צו זיין סוג אונד כלל (קלאססע אונד אללגע־מיין), אזוי איז זיא אויך ניט אין פאך פאן כל העמים צו זיין שמות הסכמי (נעמען פאן בעשטיממונג אונד טיטעל), נור שמות עצמים (נאטירליכע נעמען) מיט זייא געבארען, אונד דעם פאך פאן ב״ח, אז דיא נעמען רעליגיאן, נאציאן, איז אויך מיט זייא געבארען וויא דער נאמען פאן דיא ראסע, אזוי וויא בייא בעלי חיים, וואס דער נאמען, קלאססע אונד אללגעמיין, זיינען אויך נאטור נעמען וויא דער שם המין, נור מיט דעם אונטערשיעד, ביים ב״ח זיינען זייא געבארען וויא זיינע חושים אונד גליעדער, אונד בייא דיא עם סגולה זיינען זייא געבארען מיט איהם אלס טאלענט אונד אייגענשאפטען, טאלענט אונד אייגענשאפטען פאן ראסע, אייגענשאפטען פאן רעליגיאן, איי־גענשאפטען אונד טאלענט פאן נאציאן.

אזויא וויא זיא איז איין עם לבדד וואס קיין אנדער פאלק קען זיין העריין געמישט אונד גערעכנעט אין איהרע אללע היילינגטהום, אזוי ובגוים לא יתחשב, אז זיא קען ניט זיין הע־ריינגעמישט אונד העריינגערעכנעט אין אנדערע פעלקער, וויא דיא געזעטצע פאן נאטור אונד געבורט נעמען, וואס קעננען ניט ווערען געענדערט. ווען איין איד וועכסעלט זיין רעליגיאן אונד נאציאן הייסט עס ניט געביטען בעצם, נור פערלייקענט. ער פערלייקענט זיין טאלענט אונד זיינע אייגענשאפטען, אונד

דיא זעלבע קען אויך זיין מיט זיין ראסע ; ער קען זיין געבורט אויך פערלייקענען, אבער מיט'ן פערלייקענען זיינע געבארענע איינגענשאפטען הערט ער ניט אויף צו זיין וואס ער איז אונד וואס ער איז געבארען, אונד ווען איין איד זאלל הונדערטע מאל פערלייקענען אדער בייטען זיין רעליגיאן אונד נאציאן, וועט ער קיין מאל ניט זיין אנערקעננט אונד גערעכנעט פיר איין גוי, אונד בלייבט איממער איין איד מיט אללע פעראנט־ווארטליכקייט פאן איין אידען אונד זיינע פפליכטען.

אזוי וויא דיא ראסע, רעליגיאן אונד נאציאן פאן דיא פאלק ישראל איז ניט אין דעם געדאנק פאן כל העמים צו זיין מין, סוג (קלאססע) אונד כלל (אַללגעמיינע נעמען), נור איינגענשאפטען אונד טאלענט, אונד ניט אין דעם פאַך פאן כל העמים צו זיין שמות הסכמי (נעמען פאן בעשטיממונג אונד טיטעל), נור אין דעם פאַך פאָן ב''ח וואס אללע נעמען זיינען שמות עצמים (נאטירליכע נעמען) מיט זייא געבאָרען וועלבע קעננען ניט ווערען גענענדערט. אזוי איז אויך דיא עם בני ישראל, ניט וויא ביידע, ניט וויא דער מדבר אונד ניט וויא דער ב''ח אין דיא הויפט בעצייכנונגען פאן דיא אללע דרייא נעמען וואס בייא ביידען,ביים מדבר אונד ב''ח איז דער מין אדער פרט (איינצעלענדע) בעצייכנעט ניט דעם קלאסס אונד דעם כלל, אונד דער כלל בעצייכנעט ניט דעם קלאסס אונד דעם מין אדער פרט. אז איך זאג איין לייב, בעצייכנעט ניט דעם קלאסס אדער פאמיליע וואָלף, טיגער, אונד אז איך זאג חיה (טהירע) דער שם הכללי, בעצייכנעט קיין קלאסס אונד מין וועלבע חיה, צו לייב, צו טיגער, נור

מיינט אללע פערשידענע מינים אונד קלאססען פאן חיות. אז איך זאג געבארען פאן דיא אונד דיא ראסע פאן צרפתים אדער אשכנזים, איז נאך ניט בעצייכנעט זיין רעליגיאן, צו איין קא-טהאליק, צו איין פראטעסטאנט, אונד זיין פאליטישע נאציאנ-אליטעט. ער קען געבארען ווערען פאן דיא ראסע אונד אונ-טער דעם דגל פאן צרפת אונד אשכנז, אונד קען זיין איין אמעריקאנער בירגער, אדער אונטער וועלכע דגל. אז איך בעצייכען זיין רעליגיאן קאטהאליק אדער מעטהאדיסט, איז נאך ניט בעצייכנעט זיין ראסע אונד נאציאן. אז איך בעציי-כען זיין נאציאנאליטעט איין גערמאני אדער אמעריקאני, איז נאך ניט בעצייכנעט זיין ראסע אונד רעליגיאן; אבער ביי דיא עם סגולה ממלכת כהנים וגוי קדוש (נאציאן, רעליגיאן, ראסע), איז איין הייליגע צונויפשטעללונג פאן איין פאליטישע, רעליגיעזע אונד ראסע צונויפוועבונג, וויא דיא בגדי קדש לאהרן ולבניו וויא מיר וועללען ווייטער ריידען, וואס יעדער פאדעם איז אין אללע אונד אללע זיינען אין איינעם. וואס יעדער איינציגער פאדעם פאן דיא וועבונג וועלכע איך האב גענאמ-מען אין בעטראכט האט געהאט אללע מינים פאן דעם ווע-בונג, אונד יעדער נאמען אונד אייגענשאפט האט אללע דריא נעמען אונד אייגענשאפטען אין זיך, וויא מיר וועללען ווייטער ריידען. דער פרט אונד מין בעצייכנעט דעם קלאסס אונד כלל, אונד דער אללגעמיינער כלל בעצייכנעט דעם קלאסס אונד מין. דער פאדעם פאן ראסע האט אין זיך דיא פעדעם פאן רעליגיאן אונד נאציאן, אונד נאציאן דיא פעדעם פאן ראסע אונד רעליגיאן. אז איך זאג איין איד אין דעם זינען

פאן זיין רעליגיאן שומר דת היהדות, איז שאן בעצייכנעט זיין ראסע אונד נאציאן. אז איך זאג בני אברהם, געבורט ראסע, איז שאן בעצייכנעט זיין רעליגיאן אונד נאציאן, אונד אז איך זאָג עם בני ישראל אין דעם זינען פאן איין נאציאנאליסט, איז שאן אויך בעצייכנעט זיין ראסע אונד רעליגיאן.

מיט איינעם ווארט, דער נאמען איד בעצייכנעט אליך דעם פרט, קלאסס, כלל, אדער אללע דרייא אייגענשאפטען. דיא סגולה פאן דעם נאמען איד איז דיא זעלבע סגולה פאן דעם נאמען גאלד. אז איך זאג גאלד פערשטעה איך אונ־טער דעם נאמען איין מינעראל פאן דיא דרייא אייגענשאפ־טען, נעמליך: מאגנאטיפיז (רייצענד), ציעהענד (שפרייט־ענד) אונד ריינהייט. איהר קענט ניט מאכען איינע פאן דיא דרייא אייגענשאפטען איין הויפט אייגענשאפט, מיט וועלבע דיא גאלד זאלל מעהר בעצייכנעט ווערען, ווייל אללע דרייא זיינען גלייך אין איהר עצם אונד אין איהר אורגעבורט אונד אין איהר קוואליטע. עס קען געבען פערשיעדענהייטען אין דעם צוועק פאן דיא אייגענשאפטען; איינעמס צוועק איז דיא אייגענשאפט פאן מאגנאטיפיז אונד קימערט זיך ניט פאן דיא אייגענשאפט פאן שפרייטענד, זאוויא ציערונג, ער וויל נור האבען דיא שעהנהייט אונד רייצענד; איינעמס צוועק איז דיא ציעהענד אונד ריינהייט, זאוויא ציינער, אונד קימערט ניט פיר דיא מאגנאטיפיז, אין געגענטהייל, ער וואללט וועללען אז דער צאהן זאלל זיין גלייכע קאליר צו זיינע נאטירליכע ציינער. אבער דערמיט וואס יענער מאכט קיין נוטצען פאן דיא אייגענשאפטען, הערען דיא אייגענשאפטען ניט אויף אונד

ווערען ניט אבגעשאַפט.

דער נאמען איד האט אויך איין סגולה, איין וואונדערלי־בע מיינונג, וואס איך פערשטעה אין דעם ווארט קיין פרט אדער קלאססע אונד כלל, אדער נור איין געוויססע בעצייכנונג פאן איין געוויססע אייגענשאַפט, נור פערשטעה אין דעם נאמען אללע דרייא אייגענשאפטען: ממלכת, אייגענשאפט פאן נאציאן; כהנים, אייגענשאפט פאן רעליגיאן, וגוי קדוש, אייגענשאפט פאן הייליגע ראסע, אונד קענט ניט מאבען איינע פאן דיא דרייא פיר איין הויפט הייגענשאפט מיט וועל־בע דיא פאלק זאלל מעהר בעצייכנעט ווערען, ווייל אללע זיינען גלייך מיט איהר געבארען אין אללע גלייכע עצמיות, אייגענשאפטען אונד אור־נאטור.

עס גיבט צייטען אין דיא פערשיעדענהייטען פאן דעם צוועק פאן דיא אייגענשאפטען. דיא מלכי יהודה וישראל האבען געהאט זייער צוועק נאציאנאליטעט, אונד האבען זיך ניט געקיממערט פיר דיא רעליגיאן אונד ראסע. מיר האבען אין דיא צייט פאן נייגצעהן הונדערט יאהר דעם העכסטען צוועק פאן ראסע אונד רעליגיאן, אונד מאכען קיינע נוטצען פאן דיא אייגענשאפטען פאן נאציאנאליטעט. אבער מיט'ן מאבען קיינע נוטצען פאן דיא אייגענשאפטען, האבען דיא אייגענשאפטען ניט אויפגעהערט אונד ניט פאן אונז אבגע־שאפט געווארען, אונד בלייבען פעראנטווארטליך פיר אונזער פערשטויסען דיא אייגענשאפטען פאן דיא נאציאנאליטעט, וויא דיא מלכי יהודה וישראל זיינען געוועזן פעראנטווארטליך פיר'ן פערשטויסען דיא אייגענשאפטען פאן רעליגיאן אונד

ראסע, פיר וועלכע זייא האבען געמוזט בעצאהלען מיט זייער נאציאנאליטעט. אונז קען פארקאממען דיא געפאהר צו בעצאהלען מיט דיא רעליגיאן אונד ראסע, פיר'ן פערשטויסען דיא אייגענשאפטען פאן נאציאנאליטעט. זייא האט מען גע־טריבען פאן זייער לאנד אין גלות פיר דעם צוועק פאן ראסע אונד רעליגיאן. מיר דארפען ניטווארטען צו לאנג מען זאלל אונז טרייבען צו פיעל פאן גלות אין אונזער לאנד פיר דעם צוועק פאן נאציאנאליטעט, ווייל דיא צווייא תנאים פאן דיא נאציאן פאן גוי גדול וגוי קדוש, וועלכע גדולה אונד קדושה בעשטעהט אין זייער ראסע, רעליגיאן, נאציאן, קעננען קיין רוהיגע אונד גאראנטירטע עקזיסטענץ האבען איינע אהנע דיא אנדערע, אונד מוזען אם ענדע, איין מאל פיר אללע מאל, עק־זיסטירען צוזאממען.

שחת לו לא בניו מומם; דאס וואס בני חם אונד בני יפת האבען זיך פערדארבען אז ניט זייא זאללען זיין בנים למקום, נור דיא בני שם, איז דאס זייער אייגענער מום, ווייל זייער דור עקש ופתלתל וואס זייא האבען זיך פער־דרעהט אונד פערפלאנטערט אין זייערע דורות אונד זייערע יחוס גלייך אין אנפאנג. הלד' תגמלו זאת עם נבל ולא חכם, צו גאטט וועט איהר זא בעלאהנען וואס ער האט אייך גע־פיהרט, געפלאנט אונד פראקלאמירט פאן אייער ערשטען גע־בורט אייך אויפצובילדען איין ממלכת כהנים וגוי קדוש, אז דיא פעלקער זאללען זאגען רק עם חכם ונבון הגוי גדול הזה. וועט איהר דאס אללעס פערגעססען אונד פערשטויסען, מען זאלל אייך רופען עם נבל ולא חכם, וועלכע האבען פערשטויי־

סען אזא ערהאבענע געלעגענהייט ? הלא הוא אביך קנך הוא עשך ויכננך, ער האט דיר בעשאפען אונד געבארען אונד פעסטגעשטעלט פיר איין נאציאן. דוא האסט זיך אליין פיר קיין נאציאן געמאכט, וויא אללע פעלקער האבען זיך זייער נאציאנאליטעט אליין געמאכט.

זכור ימות עולם בנו שנות דור ודור, בעדיינקט דיא דברי הימים נאך פאן דיא טעג בעפאר דעם מבול פאן דיא וועלט גרינדונג ; בעמערקט דיא יאהרען פאן יעדערען דור, פאן דעם דור פאן אדם ביז נח, אונד פאן שם אן אונד וויטער, וועט איהר בייא יעדערען דור געפינען יאהרען מיט איין פינקטליכען בעצייכנונג וויא פיעל האט איין דור געלעבט ביז וואנען ער האט אויפגעשטעלט דעם אנדערען דור. קענט איהר געפינ־ען יאהרען בייא דיא דורות פאן בני חם אונד בני יפת ? מיט אזא פינקטליכקייט האט מען דאס געפיהרט אייער יחוס פאן אדם הראשון ביז למספר בני ישראל.

שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך, פרעג דיין פאטער וועט ער דיר ערקלעהרען פאן וואנען דוא ביזט געקאממען אונד ווער דוא ביזט אונד וואס דוא ביזט, וויא דיא שירה זאגט וויטער, לו חכמו ישכילו זאת יבינו לאחריתם, וואלטען זייא קלוג זיין דאס אללעס צו בעטראכטען זייא זאללען פער־שטעהן זייער גאנצע געשיכטע פאן דיא ספורי התורה, ניט בלאז איין ערצעהלונג פאן דיא פערגאנגענהייט, נור אייך צו לערנען זייער צוקונפט, זייער ענדע אונד זייער גאנצען נאציא־נאלנעם פאך. אויך דיינע זיידעס פאן אדם הראשון וועללען דיר דיא זעלבע זאגען. לאזען גיין אללע פעלקער זוכען פא־

טערם, זייא זאללען זייא ערקלעהרען פאן וואנען זייא זיינען אונד ווער זייא זיינען. פרם ולוד ופוט וואס זייא האבען שאן געהאלטען זייער טהרת היחוס, וויא דיא גמרא בריינגט אין עשרה יוחסין, אונד וויא רש״י בריינגט וסרת זו פרם, אדער כלן בני חם הם, איז מעהר ניט געווען פאן געבורט ראסע ביז משפחה פאן תולדותם למשפחותם בגויהם, אבער ניט לבית אבותם, האבען נור געוואוסט פאן זיידעס אבער ניט פאן פא־טער. פעלקער פאן געבורטען, שבטים, משפחות, קענען זיך געפינען, אבער קיין פאלק פאן אבות, קיין פאלק וואס זאלל האבען פאטערס.

בהנחל עליון גוים בהפרידו בני אדם יצב גבולת עמים למספר בני ישראל (רש״י), בשביל מספר בני ישראל שעתידין לצאת מבני שם ולמספר שבעים נפש של בני ישראל שירדו למצרים הציב גבולת עמים שבעים לשון, וואס מאלה נפרדו איי הגוים ללשנותם לארצותם למשפחותם, כי חלק ד׳ עמו יעקב חבל נחלתו, דיא וועלט איז ניט פענאנדערגעטהיילט געווארען ווא עס איז ניט געווען פריהער בעצייכנעט זיין חלק פאן ירושת הארץ לגבולותיה ולשבטיה, אונד דיא גאנצע וועלט איז געווארען פענאנדער געטהיילט למספר בני ישראל, וואס דיא מספר פאן בני ישראל איז געווען דער אמת הבנין, דער בילדינג מעסטער פאן דיא וועלט בילדינג.

אם ענדע, ד׳ בדד ינחנו, גאטט האט זייא געמאכט פיהרען אלס איין עם לבדד, איין אונד אלליין פאן דעם ערש־טען שריטט אונד געבורט, אהנע וועלכע פערמישונג פאן איין פרעמדע פאלק, מיט דיא העכסטע פינקטליכקייט אונד

ריינהייט צו זיין · איין ריינע ראסע, צו אייער נאציאנאליטעט, פיר דעם צוועק פאן גוי גדול. צו זיין פיר איהם איין עם סגולה ונחלה, ואין עמו אל נכר, אונד איהר מוזט פיהרען איינע אונד איין ריינע רעליגיאן אהנע וועלכע פערמישונג פאן איין פרעמ־דען גאטט אונד רעליגיאן, פיר דעם צוועק פאן גוי קדוש. מיר האבען פאן אונזער לאנד אונד גלות ערדרייכט דעם העכסטען צוועק פאן רעליגיאן אונד ראסע, אונד מיר האפען מיט אונ־זער ערוועקונג אונד בעוועגונג פאן גלות אין אונזער לאנד פיר דעם צוועק פאן נאציאנאליטעט, צו ערדרייכען אין דיא העכסטע שטופע צו איין עוויג עקזיסטירענדע גוי גדול וקדוש, פאן ראסע, רעליגיאן, נאציאן, פיר דיא וואָהל פאָן דיא גאַנצע וועלט אונד מענשהייט, וויא דיא ברכה ונברכו בך כל משפחות האדמה וגויי הארץ, מיט אונזער נאציאנאַליטעט זאללען זיין געבענשט אַללע פעלקער אונד נאַציאנען, במהרה בימינו אמן.

דער בוים אונד זיין האָפפנונג, ציון אונד איהר טרייסט.

כי יש לעץ תקוה וכו׳, אם יזקין בארץ שרשו, מריח מים יפריח, וכו׳.

איוב י״ד, ז׳.

דער בוים האט זיין האָפפנונג, ווען זיין וואָרצעל זאלל פערטריקענט ווערען איז פאן דעם ריח פאן וואססער וועט ער צוריק אויפבליהען.

כי נחם ד׳ ציון נחם כל חרבתיה, ששון ושמחה ימצא בה, וכו׳.

ישעיה נ״א ג׳.

אז גאטט האט געטרייסט ציון האט ער געטרייסט אללע איהרע פערוויסטונגען, אונד פרייד אונד גליק וועט אין איהר געפונען ווערען.

אם ענדע דיא אידישע נאציאן אין דעם פערגלייך צו אללע פעלקער, איז וויא איין פפלאנצונג צו איין בילדונג, אדער דיא בעשאפונג פאן דיא נאטור צו דיא בעשאפונג פאן מעכאַניזם. דער בילדונג אדער יעדער זאך פאן האנדווערק, ווערט איהר גאנצער צונויפשטעללונג ניט מיט איין מאל, נור איינע נאך דיא אנדערע. פריהער דער פונדאמענט, נאכהער דיא וועגט אונד דאנן דער דאך. אז איך זאג דער פונדאמענט עקזיסטירט אין זיין פאללקאמהייט, איז נאך ניט געמיינט אז דיא וועגט עקזיסטירען, ווייל דער פונדאמענט איז אין בעשאפונג בעפאָר דיא וועגט אונד דאך. דער פפלאנצונג איז אויך איין צוזאממענשטעללונג וויא דער חי אונד מדבר פאן דרייא טהיילע : וואָרצעל, שטאם, צווייגען, אונד איינע העכער פיר דיא אנדערע, וויא פונדאמענט, וועגט, דאך. דיא צווייגען

העכער פיר דעם שטאם, דער שטאם העכער וויא דער וואַר-צעל, אבער זייא וואכסען ניט איינע נאך דיא אנדערע אונד קאממען ניט איינע שפעטער וויא דיא אנדערע. נור דער גאנצער בוים פאלקאם מיט דעם וואָרצעל, שטאם אונד צווייג-ען זיינען אין זאמען, אונד שפראצען הערוים אללע פאן זאמען מיט איין מאל אונד וואכסען אללע מיט איין מאל צוזאמען פאן איין קלענערען פארמאט צו איין גרעסערען פארמאט. אז איך זאג עס עקזיסטירט איין זאמען אונד וואָרצעל אין זיין גע-עריגע, רעגעלע, נאטירליכע לעבהאפט, עקזיסטירט שאן אויך איין שטאַם אונד צווייגען, אונד וועלכע איינע פאן דיא דרייא, אז איך זאג ער עקזיסטירט מיט זיין זאפט אונד קראפט פאן זיין נאטירליכע לעבהאפט, עקזיסטירען שאן אללע, וייל זייער צוזאממענשטעללונג איז ניט וויא גלידער אדער טהיילען פאן איין בנין, וועלכע קאממען צוגעשטעלט איינע צו דיא אנ-דערע, וואס איינער מוז קאממען פריהער, נור ענטוויקלונג אונד פראגרעסם פאן קלענער צו גרעססער, וויא איין חיה אונד זיין לעבהאפט. אז איך זעה איין לעבעדיגען געזונדען גליד, לעבט אויך דיא הארץ; אונד אז איך זעה אז דיא הארץ לעבט לעבען אללע גליעדער.

דיא פאלק ישראל, פאן ראסע, רעליגיאן, נאציאן, איז ניט אויפגעבילדעט אלם בילדינג, וויא אללע פעלקער, וואס זייער ראסע, רעליגיאן, נאציאן, זיינען אויפגעבילדעט געווארען איינע נאך דיא אנדערע, אונד איינע שפעטער וויא דיא אנדע-רע, אונד דער הויפט נאציאן וואס קיין משפחה אונד שבט פאן טויזענדע זאללען קענען גערופען ווערען דיפלאמאטישע

אונד פאליטישע נאציאן, נור נאך פיעלע פעריאדען אונד בע־
פעלקערונג אונד ערוועדבונג פאן מאכט, בילדונג אונד רייכ־
קייט, דאנן קען ערשט קאממען דיא אנערקענונג פאן טיטעל
נאציאן. מיר זיינען אבער אויפגעוואכסען פאן דעם איין זא־
מען פאן אחד היה אברהם, וועלכער האט געהאט אין זיך
דעם גאנצען פפלאנצונג, ווארציעל, שטאם אונד צווייגען רא־
סע, רעליגיאן אונד נאציאן פאלקאם. ראסע, דיא ריינע
ווארצלענדע קוועלע פאן שם ועבר, וויא מיר האבען גערעדט,
אונד זיין גוואלטיגע ראסע אייגענשאפט פאן דיא שטארקע
שבועה אל ארצי ואל מלדתי, צו מיין לאַנד אונד געבורט.
רעליגיאן אשר התהלך לפני (רש"י), אברהם היה
מתחזק ומתהלך מאליו בלי שום סעד וסמך, אברהם איז גע־
גאנגען פאן זיך אין אנערקענונג פאן גאטטהייט, אהנע וועלכע
אויסערליכע שטיצע אונד בעאיינפלוסונג, נור פאן איין אייגענע
אינגערליכע ערוועקונג. אברהם הכיר את בראו, האט ער־
קענט זיין בעשאפער מיט דיא אנפאנג פאן זיין פערשטאנד.
ואברהם היו יהיה לגוי גדול ועצום . . . כי ידעתיו למען אשר
יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ד' . . . , אברהם
וועט זיין אונד זיין איין גראָססע מאכט, איך האב איהם בע־
שטימט פיר דיא זאמען אונד ווארצעל פיר דיא גראססע נא־
ציאן, איבער זיינע ראסע אונד רעליגיעזע פרינציפען, וויא מיר
וועללען ווייטער ריידען.

נאציאן, ואעשך אותך לגוי גדול ואגדלה שמך והיה ברכה,
ניט ואעשה את זרעך, מאכען דיינע קינדער פיר איין גראססע
מאכט, וואס דיא ברכה וארבה את זרעך קאממט שפעטער.

נור דיר אליין מאכען פיר דעם זאמען אונד ווארצעל פאן גוי גדול, זאוויא ואגדלה שמך, רש"י, שאודיע טבעך בעולם, איך וועלל מאכען וויססען דיין גראססע פערזענליכקייט אויף דער וועלט, וועלכע איז באלד מקוים געווארען דיא ערשטע אנער־קעננונג פאן דיא ערשטע הערשענדע רעפובליק, דער געטט־ליכער אונד דיפלאמאטישער טיטעל נשיא אלהים, פאן דעם ערשטען נשיא הארץ אין דיא געשיכטע, אונד והיה ברכה הברכות נתונות בידך, אלזא נור איהם אליין געבענשט מיט דיא ברכות, אונד וויא מיר האבען גערעדט, אויף דיא ברכה פאן אב המון גוים. פאן דעם אחד היה אברהם, איינער אונד איינער, ווען עס איז נאך ניט געוועזן אפילו איין צייכען אונד אנפאנג פאן איין משפחה אדער געבורט, איז שאן געוועזן ואברכהו, איהם געבענשט מיט דעם טיטעל פאן גראססע נאציאנאליטעט אונד גראססען נאמען, אונד דערנאך יעצט וארבהו, איהם פערמעהרט אונד בעפעלקערט, פערקעהרט וויא בייא אללע פעלקער, וואס פריהער איז וארבהו, איהם פערמעהרט אונד בעפעלקערט, אונד דערנאך יעצט ואברכהו אנערקענט מיט דעם טיטעל דיפלאמאטישע נאציאן.

פאן דעם זאמען וועלכער האט געהאט אין זיך דיא גאנ־צע פפלאנצונג, איז הערויסגעוואכסען אללע דרייא טהייל פאן ממלכת כהנים וגוי קדש, נאציאן, רעליגיאן, ראסע, אללע צו־זאממען אויף איין מאל, אונד געוואכסען פאן שרש יעקב, פאן דעם פאמיליע ווארצעל דיא שבעים נפש הבאים מצרימה, צו איין אויפשפראצונג אונד אויפבליהונג פאן איין מעכטיגע פאלק למלאות פני תבל תנובה, צו ערפיללען דיא גאנצע

וועלט מיט איהרע נאציאנאלנע אונד רעליגיעזע פרינציפען, וויא דיא ברכה ונברכו בך כל משפחות האדמה וגויי הארץ, אז מיט זיין נאציאנאליטעט זאלל דיא גאנצע וועלט געבענשט ווערען, אָהנע אונטערשיעד פאן ראסע אונד רעליגיאן.

דיא בעשאפונג אונד געבורט פאן איהר נאציאנאליטעט אונד רעליגיאן איז ניט געוועזן מיט דיא גרינדונג פאן איהר רעגיערונג אונד מתן תורה, נור שאן געוועזן אין דיא טיעפסטע איינוואָרצלונג אין מצרים, אבוואהל זייא זיינען געוועזן עובדי עבודה זרה מיט דיא מצרים צו גלייך, אונד ניעדריגע שקלאַפּ־ען, ווארום ווען דיא גלולי מצרים אונד דיא שקלאפעריי וואָלט געוועזן אין זייער כאַראַקטער אונד זייער ערנסטע בעגריפע, וואלט זייא ניט געקענט פארגעבראכט ווערען אונד אנגע־טרייט נאך דרייא מאנאט אזא רעליגיאן, וועלכע איז וייט פאן ענדע צו ענדע צו דיא רעליגיאן אין וועלכע זייא האבען גע־לעבט אונד געגלויבט הונדערטע יאהרען, אונד אונטערגע־דריקטע שקלאפען צו געבען אזא גלענצענדע קעניגרייך; נור וויא באלד זייא האבען געהאט אזא לעבהאפטע ריינע צווייג פאן ראסע, פאן אזא טהרת משפחה וואס קיין גוי אונד משפחה האט דאס, וועלכע ריינהייט האט געשטראָמט פאן דיא ערשטע קוועללע, אונד געוואכסען צווייג פאן צווייג פאן שם אונד דיא אבות, האט אויך דיא צווייגען פאן רעליגיאן אונד נאציאנאליטעט געמוזט מיטוואכסען אָב ניט בפועל אבער בבוח אונד פרינציפּ, וועלכע צווייגען זיינען אויך אין דיא זעלבע קוועללע, זאָמען אונד ווארצעל וויא דיא ראסע, וויא מיר האבען גערעדט.

וויא דער היסטאָרישער פאַקט וועיזט זייער אבהאלטונג אונד דעם שאַרפסטען דורכפיהרונג דיא נאציאנאלנע אבצייכ־נונגען פאן נעמען אונד שפראך, וויא חז״ל זאגען עדות אז דאס איז געוועזען דער זכות פאן דיא גאולה, ווייל עבדים מבית אסורים צו אנטרייען איין קעניגרייך, איז פאן אונמעגליכקייט אונד פאן ערטרעגליכקייט אונד עובדי עבודה זרה בעצם קענ־ען ניט אָפפערן אזא רעליגיעזע אָפפערונג וויא כל אשר דבר ד׳ נעשה ונשמע.

וויא דיא תורה ברייננט דיא תועבת פאן דיא אלילים, אונד וויא דער רמב״ם בריינגט אין „מורה נבוכים״ דיא עבודת הצבא, אונד דיא גאנצע מיטהאָלאָגישע היסטאָריע פאן דיא עמים הקדמונים, וואס יעדער עבודת אלילים איז גע־ווען פערבונדען מיט דיא נידעריגסטע תועבת אונד אונמאָר־אַל, אונד נאך בפרט דיא מצרים, וואס דיא חז״ל אין דיא גע־שיכטע בריינגט זייא פיר דיא נידעריגסטע אונמאָראַלישע באַראַקטערע, אונד זייער אָקס „אפיס״ אונד דער תיש (באָק) אונד באַראַן, מיט וואס פיר איין העסליכען אונמאָראַלישען פאָרם זייא זיינען געוועזען געדיענט פאן דיא העסליכע אונמאָר־אַלישע נשי מצרים, איז הם מלהזכיר, אז דיא בני ישראל פאן יענעם דור וועלכע זיינען געוועזען אין געגענטהייל בעריהמט מיט אזא ערהאבענעם מאָראל כאראקטער, וואס קיין דור איז נאך בעריהמט מיט אזא מאָראל, אונד בפרט דיא נשי ישראל, דיא אידישע פרויען פאן יענעם דור, וואס דיא תורה אונד געשיכטע זאגט עדות אויף זייער הייליגע מאָראל. ניט איין מאל האט דיא תורה אונד חז״ל פראָקלאמירט זייער אַנ־

טהייל אונד זכות פאַן זייער ריינהייט, הייליגקייט אונד בראַוו־
הייט, וואס דיא גאולה האט זייא נעהאט צו פערדאנקען.
זאללען דאס דיא ישראל מיט זייער הייליגע בראַווע פרויען
האבען געדיענט דיא אלילים מיט דיא זעלבע וועג אונד פאָרם
וויא דיא מצרים האבען געדיענט ?

נור דיא עבודת גלולים פאַן דיא בני ישראל איז געוועזען
מיט דיא העכסטע רעפאָרם פאַן ריינהייט וויא ווייט נור עס
איז מעגליך געוועזען, וויא דער נביא שטעלט זייא פאָר (יחזקאל
ט״ז), ותשלכי אל פני השדה בגעל נפשך וכו׳, ואעבר עליך
ואראך מתבוססת בדמיך ואמר לך בדמיך חיי בדמיך חיי, דוא
ביזט געוועזען אוועקגעוואָרפען אויף׳ן פעלד אין דיין העסליכען
אויסזעהן, אונד האב דיר געזעהן פערוואַלגערט אין דיינע
שמוץ, אונד דיר געגלעט אונד געליעבט, ווייל פאַן דיין שמוץ
שיינט דיין לעבהאַפטעסטע עקזיסטענץ. יעדער קינד
קוקט אוים שעהן ווען ער איז קלין, ריין פערפוצט; אבער
דיא ריכטיגע שעהנהייט איז צו אונטערשיידען ווען זיין שעהנ־
ער פאָרם אונד צערטליכקייט שיינט הערוים ווען ער איז פער־
שמוצט. עס איז ניט אויסצומעסטען וויא דעם ים דיא טיעפ־
קייט, פאַן דיא חן, צערטליכקייט אונד מילדהייט פאַן דעם
גלעטען אונד ליעבען מיין שמוציגער באָי . . . אונד נאך זעל־
בע אויסדריקע, ווען דיא מוטער געפינט דעם קינד וואַלגערנ־
דיג אין שטויב, אונד דיא ראָזע צאַרטע בעקעלאך שיינען הע־
רוים פאַן דיא שמוטץ וואס ער האט אויף׳ן פנים.

איך האב אייך מעהר געגלעט אונד געליעבט ווען איך האב
אייך געפונען אין מצרים זיך וואלגערנדיג אין דיא שמוטץ פאַן.

דיא אלקי הנכר, וואס פאן דיא דונקעלהייט האט געשטראַלט דיא ליכטיגסטע פרינציפּען אונד געפיהלען פאן מאָראַל, נאַציאָנאָליטעט אונד רעליגיאן, אונד אייך גענומען על כנפי נשרים פיר איין ממלכת כהנים וגוי קדוש, וויא איך האב אייך געפונען אין בבל ריין געוואַשען פאן אלקי הנכר, אבער פערמישט מיט דיא נשי הנכר, וועלכע האבען פערקעהרט פערדונקעלט אונד צערשטערט אייער ריכטיגען מאָראַל אונד נאַציאנאַל שייפ אונד פאָרם, אונד אייך שאן ניט געקענט נעמען על כנפי נשרים, וויא מיר האבען דעם ענין אין דעם מאמר „כור הברזל“.

דיא זעלבע רעפאָרמירטע, אויסגעבעססערטע אונד אויסגעפיינטע עבודה זרה וואס זייא האבען געדיענט, איז אויך געווען מיט דיא גרעססטע האַס אונד פעראַכטונג, ניט מעהר אַלס איין פאָלק פאן איין רעליגיעזע כאַראַקטער, אונד ניט צו וויססען פאן איין אנדער רעליגיאן, איז בעססער וועלכע רעליגיאָן איידער קיינע רעליגיאן.

אבער קמיה שמיה גליה, גאָטט האט געוואוסט דעם אמת אונד ערנסט פאן זייער אַדעלקייט אונד געפיהלען, וועלכע האט געגעבען איין ערקלעהרליכע עדות אויף דעם אַלגעמיינעם רעליגיעזען כאַראַקטער אונד געפיהלען פאן אונזער פאָלק, והפיץ ד׳ אתכם בגוים ונשארתם מתי מספר בעמים, וואס דאס קען זיין איין אורזאך אייך צו בעאיינפליססען אונד צווינגען מיטצוהאַלטען מיט זייער רעליגיאן, ועבדתם שם אלקים אחרים מעשי ידי אדם עץ ואבן אשר לא יראון וכו׳, אדער פה להם ולא ידברון, וואס דיא זיינען נאך ניט אזוי געפעהרליך וויא דיא

מענשען=געטטער וואס האבען מיילער אונד ריידען, עססען אונד טרינקען כבני אדם . . .,, וויים איך גאנץ גוט אז עס וועט אייך דאס זיין מיט דיא גרעססטע האַס אונד פעראכטונג. ובקשתם משם את ד׳ אלהיכם ומצאת כי תדרשנו וכו׳, אונד זוכען יעדער געלעגענהייט אויפצוזוכען אייער גאטט פאן אייערע עלטערן, אונד וועט געפינען אז איהר וועט נור זוכען מיט איין אמת, וויא אייער אייגענשאפטען מבקשי ד׳ (גאטט=זוכער), דאס מיינט געפינען אונד וויטער זוכען, אויפהערען זוכען וויל געפונען איז אַללעס פערלאָרען. דרשו את ד׳ בהמצאו קראהו בהיותו קרוב, זוכען ווען איהר האט געפונען, רופען ווען ער איז נעבען אייך, וויל איהר מוזט זיין גאָטט=זוכער.

דיא סבלות ועבדות מצרים איז געוועןן מעהר אורזאך צו פיהרען צו דיא עבודת גלולים, וויא דיא סבה פאן ונשארתם מתי מספר בין העמים (נאך בפרט וויא דער תרגום וויל האַ= בען אונד וויא רש״י ברייננגט). דער שור ושה תועבת מצרים איז געוועןן העסליכער וויא דיא מעשי עץ ואבן. היינט על אחת כמה וכמה, אז משה האט זייא פארגעבראכט איין רעליגיאן פאן גאטט פאן זייערע עלטערן, אונד וועלכער האט זייא גע= בראכט צו דיא שטופע אז זייא האבען מיט דיא גרעססטע שמחה אויסגעשריען כל אשר דבר ד׳ נעשה ונשמע, ניט נאכ= צופרעגען דעם פאַך פאן דיא נייע רעליגיאן, נור פרייא צו ווע= רען פאן זייער פערהאַסטע אונד פעראַכטעטע פריהעריגע רע= ליגיאן, אונד מיט דיא גרעססטע האָפפנונג אונד צוטרויאונג אויף דיא ערהאבענהייט פאן דיא מאָדערנע געטטליכע רעליגיאן.

דיא אומות העולם איז דאס געווען אונבעגרייפליך צו גלויבען אז אזא אָפפערונג זאלל זיין ערנסט, אונד אונז פער־אורטהיילט פיר איין עמה פזיזה, פאן איבער־היילג כאַראַקט־ער צו בעשליעססען אללעס וואס עס קומט זייא פאָר אהנע איבערלייג, וועלכע אורטהייל איז געבליעבען עד היום, אז גראַ־דע פיר דיא העכסטע אונד אַדעלסטע פרינציפען פיר וועלכע מיר דארפען האבען דיא גרעססטע קרעדיט אונד אנערקענונג, נור וויל זייא איז אונבעגרייפליך אונד אונגלויבליך אזא גראַד פאן ערהאבענהייט, פערוואנדלען זייא דיא ערהאַבענהייט אונד דיא ניעדריגסטע אורזאכע וועלכע עס קאָממט זייא נור פאָר. אבער קמיה שמיה גליה, גאטט האט געוואוסט אונזער ערנסט, אונד דיא ערקלעהרליכע איבערצייגונג פאן דיא וועלט, דיא טהרת המשפחה אונד דיא נאציאנאלע אב־צייכנונגען, אונד וויא מיר האבען גערעדט, דעם האס פאן דיא רעליגיאן וועלכע זייא האבען געדיענט, וואס אונזערע נאציאנ־נע אונד רעליגיעזע פרינציפען זיינען געווען.

דער נצר מטעי, דער וואונדערליכער פפלאַנצונג פאן ממלכת כהנים וגוי קדוש, וועלכע זיינען דיא איינציגע פפלאַנ־צונג אונד בלומען מעשי ידי להתפאר, צו בעשיינען אונד בע־ריהמען דעם גאנצען גארטען פאן דיא תולדות השמים והארץ וכל צבאיה. דיא גאנצע נאטור אונד לאַנדשאַפט פאן מיינע מעשי ידי אונד דיא ששת ימי המעשה, מוז זיין לעולם ירשו ארץ, מוזען בלייבען דיא עוויגע וועלט יורשים אונד בלייבען דיא לעטצטע אויף דער ערד, וויל זאָ לאַנג איין גארטען, מוז זיין בלומען אונד פפלאַנצונגען.

איין פפלאַנצונג קען צוטריקענט ווערען. איין בילדינג מוז מיט דער צייט חרוב ווערען, אבער אז דער בילדינג פאַלט איין ווערט ער שאן פאן זיך צוריק ניט אויפבויען אונד בלייבט חרוב. אבער פאן איין פפלאַנצונג מוז בלייבען איין קערנדעל אונד זאָמען אונד וואָרצעל, וואָ דער זאָמען אונד קערנדעל אונד דינינגער וואָרצעלע ווערט זיך פערוואלגערן, אונד וויא פערטריקענט ער זאלל זיין ווערט ער אלץ מריח מים יפריח ויעשה קציר כמו נטע, אויפבליהען פאן זיך צוריק צו איין פרעכטיגע פפלאַנצונג, ווייל איין זאָמען איז מיט דער נאטור אונשטערבליך, סיידען ברצון הבורא, ווייל שטערבליך, זא בייא איין צומח זא בייא איין ב"ח איז אויסטריקענונג דיא לעבענסזאפט, אונד טרוקענהייט בייא איין זאָמען איז זיין בעסטע געזונדהייט אונד לעבהאפט, אונד דיא טרוקענהייט איז ניט מעהר דיא רוהע אונד אויפהערונג פאן זיין טהעטיגקייט, אבער ניט דיא אויפהערונג פאן זיין לעבהאפט.

וויא דער נביא זאגט ד' בצר פקדנוך, אין זייערע פערדריקונג האבען זייא זיך אן דיר נאך מעהר עראיננערט, צקון לחש מוסרך למו, דיינע שטראף צו זייא איז געוועזן איין רעזולט פאן איין ענגע פערבינדונג אונד פעראייניגונג פיר איין אַללגעמיינע אויסגיעסונג זייערע הערצער אונד זייער געבעט צו דיר, וואס פעראייניגט אונד פערבינדונג איז דער גרעסטע נאציאנאַלנע מאַכט פאן יעדער פאלק, אונד דיא אללגעמיינע פעראייניגונג צו איין אללגעמיינע פערגיעסונג אונזער געבעט צו דיר גאָטט, איז דער נאציאנאלנער מאַכט פאן אונזער פאָלק פאן הקול קול יעקב, באשר השמים החדשים והארץ החדשה

אשר אני עשה עומדים לפני נאום ד׳ כן יעמד זרעכם ושמכם (ישעיה ס״ו), זאָ וויא דיא היממעל אונד ערד וועלכע איך האלט זייא אויף מיט מיין השגחה אין איהר עקזיסטענץ, אזוי וועט זיין אויפגעפאַסט דיא עקזיסטענץ פאן אייערע זאָמען אונד בעריהמטע פפלאַנצונג פאן גוי גדול אונד ממלכת כהנים וגוי קדוש.

אלזא, אני מאמין באמונה שלמה בביאת המשיח ואף על פי שיתמהמה, אפילו הכי אחכה לו בכל יום שיבא, איך גלויב מיט איין פאלקאממע אמונה אין דיא אבלעבונג פאן אונזער נאציאנאליטעט, ווען זיא זאלל זיך אפילו פערזאַממען טויזענדע יאהרען, אונד איהר נאציאנאליטעט זאלל זיין אין דיא העכסטע אויסטריקענונג וואס עס זאלל שאן גאר ניט אויסקוקען אויף איהר צוריק אויפבליהונג, איז מריח מים יפריח ויעשה קציר כמו נטע, זיא קען קריגען איין ערקוויקונג פאַן איין טל התחיה, פאן איין ערקוויקענדע טראָפּען טהוי, אונד קען מיט איין מאל אויפבליהען אין איהר פאָלקאָממען לעבהאַפט מיט איהרע וואָרצלען אונד צווייגען, אונד פערטיג צו געניעסען זא וויא זיא וואלט שאן געוועזן פאן לאנג געפפלאַנצט אדער וויא זיא וואלט גאר קיין מאל חרוב געווארען.

ווען איין מענש זאלל ווערען אבגעשוואַכט פאן וועלכע קראנקהייט ר״ל, וויא שוואך ער זאלל זיין בלייבט ער אַליין בייא וועלכע בעוועגונג, אונד דאך וויא פיעל צייט אונד אויפפאַסונג עס נעמט דערנאך ביז צוריק קאָמען צו זיין פריהערדיגען געזונדהייט, ביז וואנען ער איז מעכטיג זיך צו זעטצען אויף׳ן בעט, אונד פאן בעט זיך צו שטעללען אויף דיא פיס,

אונד ביז וואנען ער זאלל קענען גיין אויף'ן סטריט אפילו על משענתו, אונד ביז זיין פאלקאמע געזונדהייט, ווייל יעדער ארגאן אונד נערוו פאן זיין קערפער זיינען געווארען אבגעשוואכט אונד אויסגעשעפט פאן איהרע קרעפטען אונד מוז גראדענווייס צוריק ערפיללען דיא אויסגעשעפטע קרעפטען. וויא איז אבער ווען איין געזונדער אונד שטארקער מענש אין מיטען זיינע בעוועגונגען קריגט איין פלוצלינגע שלאג אין זיינע בעוועגונגס-נערוועו אדער פאן איין פערשלעפפערונג שטאף וויא קלאראפארם, אונד בלייבט אין אונמאכט אהנע מינדעסטע בעוועגונג וויא איין טאדטער? וויא פיעל נעמט עס אונד וואס דארפען איהם צוריק צו שטעללען אויף זיינע פיס, אין דעם זעלבען שטאנד וויא בעפאר ער איז געבליעבען אין אונמאכט? איין גוטע ערמינטערונג, אונד גוטע ערקוויקונג, איז ער שאן אויף זיינע פיס מיט אלע זיינע גליעדער אין דעם זעלבען מצב וויא בעפאר ער איז געווארען אונמעכטיג, אונד גלייך אין זיין בעוועגונג וויא פריהער.

אין דער צייט פאן זיין אונמאכט האט ניט אבגעשוואכט דיא מינדעסטע פאן זיינע לעבענס-ארגאנס. דיא הארץ קלאפט, דער פולס האט איהר רעגעלען גאנג, דיא בלוט צירקולירט פאן איהר צענטער דורך'ן גאנצען קערפער, אונד דער אונמאכט אדער פערשלעפערונג איז ניט מעהר וויא פערבראכען אונד אבגעהאלטען זיין בעוועגונג אונד זיין טהעטיגקייט אין מיטען זיין געזונדען גאנג, אבגענומען דעם בריק, פרייא געמאכט פאן דיא קייטען, אונד ער איז צוריק אין זיין גאנג וויא בעפאר, אין דעם ערשטען אויגענבליק.

אונזער נאציאנאַליטעט איז ניט קראַנק געווארען, אונד שוואַך געווארען, אונד אויסגעגאנגען אין איהר שוואַכהייט, נור געקראנגען איין העפטיגען שלאַג אין איהר שטארקסטען אונד לעבהאַפטיגסטען גאנג, אונד געבליעבען אין אונמאַכט. דיא געשיכטע האט נאך ניט אזא געזונדען אונד מעכטיגען נאציאנאלען קערפער, וועלכע האט געמוזט האבען אזא גראָסע אונד שטאַרקע דאָזע קלאראפארם, אונד אזא לאנגע צייט ביז וואַנען מען האט געקענט איהר נאציאנאליטעט פערשלעפערען אונד לאזען אין אונמאַכט. בעדענקט דיא מאַכט פאן דיא רומאים אונד אזא טיראן וויא טיטוס, אונד צייט פאן יאהרען אויף איין הויפען אונדיציפלינע פרייע בירגער, וועלכע האבען געפייט פיר זייער היים אונד עהרע אונד היילגטהום אין דעם פערגליך פאן דיא געשיכטליכע מלחמות פאן ריעזען געגען ריעזען, אונד דיא צייט וואס האט גענומען, אונד דאך פערשלעפערט אונד געבראכט אין אונמאַכט, אבער דיא אונמאכט האט ניט אבגעשוואכט אין עטוואס, ניט איינע פאן איהרע נאציאנאלע ארגאנם אונד נערווען. דיא נאציאנאלע אידישע הארץ קלאפט אין איהר מאפט; דער נאציאנאלער פולס צירקולירט אין איהר רעגעל אין גאנצען אידישען קערפער, פאן צענטער הארץ ביז אונטער דיא נעגעל, פאן אקעאן איבער אקעאן, פאן באזעל ביז דיא קאלטע אונד ווייטע סיביריען, נור פערבראכען אונד פערהאלטען איהר גאנג אונד בעוועגונג. וויא פיעל פעהלט אונז צו זיין פרייא פאן דיא קייטען אונד זיין אויף מיט אללע אונזערע גליעדער? איין גוטע ערמינטערונג אונד איין גוטע ערקוויקונג, כי נחם ד׳ ציון, אז

גאָטט האט געטרייסט ציון, נחם כל חרבותיה, אונד האט מיט איין טרייסט ווידער געשטעלט אלע איהרע פערוויסטונגען מיט איין מאל, מיט איין גוטען ערמינטערונג פאן אונזער זייט, אונד איין ערקוויקונג אונד טרייסט פאן גאטט, זיינען מיר אויף, אויף אונזערע פים, מיט אלע אונזערע גליעדער אויפגעבויט, אונד געבליהט אלע אונזערע פערוויסטונגען, וועלכע מיר האב־ען דאס נאך ניט אפילו אין אונזער פארשטעללונג, דיא פער־וויסטונג פאן אונזער היים, דיא פערוויסטונג פאן אונזער נא־ציאנאליטעט, דיא פערוויסטונג פאן אונזער הייליגטהום, דער היכל ד׳ וואס עס איז שקול כנגד כלם.

ווען איין געבורט זאלל ניט דורכגעהן אונד זאלל זיך טרעפען איין סבה אין דיא געבורט־דורכפיהרונג, איז דיא גע־בורט פערלארען אויף עוויג, אבער איין געזונדער אונד שטאַר־קער אויסגעוואקסענער מענש וועלכער איז פלוצלינג געפאַלען, איז איין מאל געפאַלען אונד אויפגעהייבען, אונד נאך א מאל אויפגעהייבען, אלעס והחזקתה בו פעהלט עס ניט. הביטו אל צור חצבתם, בעמערקט אויף דעם ערשטען שטיין פאן וואנען אייער נאציאנאלער בילד איז אויסגעהאַקט אונד אויסגעשניצט געווארען, ואל מקבת בור נקרתם, אונד דיא פינסטערע גרוב פאן וואנען דער אדעל־שטיין איז הערוים געגראבען. הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם, מכורותיך ומלדתיך ארץ הכנעני אביך אמורי ואמך חתית, וואס פיר איין ערהאבענע ענטוויקלונג אונד איינפלוס האבען זייא געקענט האבען פאן

אזא לאנד אונד פאן אזא הויז, כי אחד קראתיו, מיין ערשטען אנערקעננונג אברהם׳ען ווען איך האב איהם הערויסגערופען מארצו וממולדתו ומבית אביו, איז ער געווען איינער אונד איינציגער, נאך ניט געווען איין צייכען אפילו פאן איין פאמיליע אונד געבורט, ואברכהו, אונד איהם שאן געבענשט מיט דיא ברכה גוי גדול ואגדלה שמיך והיה ברכה, וארביהו, אונד ער־פיללט מיין ברכה ביז איין בעפעלקערונג פאן ששים רבו מיט דעם טיטעל ממלכת כהנים וגוי קדוש. בעדיינקט וואס עס האט פאסירט וועלכע געפעהרליכע סבות עס איז פארגע־קאממען.

בעדיינקט וועלכע געפעהרליכע סבות עס זיינען פארגע־קאממען אין דעם נאציאנאלען געבורט נאך ביז דעם ערסטען ווארצעל פאן דיא שבעים נפש, אללעס איז געגאנגען געגען. אברהם יצחק חשוכי בנים; יעקב, איז געווען עשיו אונד לבן לעקר את הכל, אונד דיא גאנצע היסטאָרישע קייט פאן כמה סבות וגלגולים, ביז עס איז דורכגעפיהרט געווארען דיא נאציאנאלע געבורט פאן עם בני ישראל. בעטראכט אונז יעצט, איין אויסגעוואקסענע שטאַרקע נאציאנאלע קער־פערשאפט פאן אזא בעפעלקערונג, כן ירבו וכן יפרצו, מיט אזא גלענצענדע רעליגיאן, מיט זאלכע גראססע מעננער, מיט אזא אוצר הספרות, מיט אזא ריינע נאציאנאליטעט, אונד פאָ־ליטישע אונד עקאנאמישע פינאנסענדע מאַכט, אונד מיר זיינען געפאַללען.

כי נחם ד׳ ציון, אז גאטט האט געטרייסט ציון, נחם כל חרבותיה, האט ער געטרייסט אונד וויעדער געשטעללט יעדער

איהרע פערוויסטונג אין פאַלל. איין מאל געפאללען אונד אויפגעהייבען, נאך א מאל געפאללען אונד אויפגעהייבען, אונד קיין מאל זיין פערלארען, זא לאנג עס וועט נאך זיין איין שפּאַן ערד פאן ציון אונד איין אידישער אטהעם וועט אטהעמען, וישם מדברה כעדן וערבתה כגן ד׳, זיא איז שאן געוועזן וויא איין פאראדיז אונד געווארען כמדבר, אונד ווייטער געווארען כעדן, אונד ווייטער כערבה, חרוב אונד וויסט, אונד ווייטער זיין כגן ד׳, אשר ששון ושמחה ימצא בה, פרייד אונד גליק וועט אין איהר ווייטער געפונען ווערען; תודה וקול זמרה, דאנק אונד הילפע געזאנג, במהרה בימינו, אמן.

דיא נאַציאָנאַלנע היים פיר דיא היים=ליעבענדע נאַציאָן.

יפה נוף נוה שאנן חנה דוד.

דיא שעהנע לאנדשאפט, שטיללע היים, דוד'ס רעזידענץ.

דער נאמען נאציאן אלס דער הויפט נאמען פאן אללע דרייא, ווייל ער איז איין כלל וועלכער האלט איין אין זיך דעם מין אדער פרט, סוג (קלאַססע אדער סעקטע), וועלכער נא־מען איז בעשטיממט געווארען פיר איין הויפט בעצייכנונג פיר יעדער פאָלק, קען דער נאמען פאן דעם שטאַנדפונקט ניט בעשטיממט ווערען פיר איין הויפט בעצייכנונג פיר אונזער פאלק, ווייל אונזערע נעמען, ראסע, רעליגיאָן, נאציאן, זיינען קיין פרט, סוג (קלאססע) אונד כלל (אללגעמיינעם נאמען), אדער נעמען פאן בעשטיממונג אונד טיטעל, נור טאלענט אונד אייגענשאפטען אין אלע דרייא נעמען גלייך מיט אונז געבארען, אונד צו געפינען איין הויפט בעצייכנונג אויף אונזער פאלק, איז נור איין פראגע וועלכע פאן דיא טאלענטען אונד אייגענשאַפטען פאן דיא דרייא איז דיא גרעסטע אונד דיא זיכטבאַרסטע.

דיא פערשיעדענע בעגריפע אין דיא אלע אונזערע דרייא טאלענטען פאן ראסע, רעליגיאן אונד נאציאן, האט צוטהיילט

דיא וועלט אין דרייא פערשיעדענע קלאססען אונד בעהויפטונ־
גען. איין קלאססע בעהויפטעט אז מיר דארפען בעצייכנעט
ווערען מיט דיא אייגענשאפט פאן ראסע מעהר וויא מיט רע־
ליגיאן אונד נאציאן, ווען מיר וואללטען אפילו געהאט איין
פאללקאממע זעלבסטשטענדיגע דיפלאָמאטישע רעגיערונג
אונד נאציאנאליטעט, ווייל דיא ראסע איז דיא זיכטבארסטע
צייכען אונד פאָרם אין אונזער פאלק מעהר וויא רעליגיאן
אונד נאציאן, אונד דיא ראסע דארף זיין דיא הויפטבעצייכנונג
פאן אונזער פאלק. דיא אנדער קלאַססע האט דיא זעלבע
בעהויפטונג אויף דיא רעליגיאן, אז דיא רעליגיאן איז דיא
זיכטבארסטע פארם, אונד דער רעליגיאן דארף זיין דער
הויפט בעצייכנונג פאן אונזער פאלק. דיא דריטטע קלאססע
בעהויפטעט אז דיא נאציאן איז דיא גרעסטע אייגענשאַפט
אונד זיכטבארסטער צייכען אונד פאָרם אין אונזער פאלק,
אבוואהל מיר האבען דיא ראַסע אונד רעליגיאן אין איהר
פאללען לעבהאפט, נאך מעהר וויא אין דיא צייט פאן אונזער
נאציאנאליטעט, אונד האבען קיינע דיפלאָמאטישע אונד פאָ־
ליטישע נאציאנאלנע עקזיסטעניץ, אונד אין איינינער מאססען
נאך מעהר ערניעדערט פאן אנדערע פעלקער וואס האבען
אויך קיין זעלבסטשטענדיגע רעגיערונג אונד נאציאנאליטעט.
דאך איז דיא נאציאנאליטעט אויך יעצט זיכטבארעס אין אונ־
זער פאָלק נאָך מעהר וויא דיא ראסע אונד רעליגיאן, אונד
מיר דארפען בעצייכנעט ווערען אלס מעכטיגע נאציאן.

אבער ניט בלאז ווייל אונזער היסטאָרישע נאַציאָנאַלי־
טעט, דאס וואללט גראדע געוועזן גרונדלאָז, אזוי וויא מען

וואַללט איינעם רעכנען אונטער מיללּיאָנערען ווייל זיינע אור־אור־עלטערן מיט הונדערטע דורות צוריק זיינען געווען מילל־יאָנערען, אבער שאן צייט צעהנדליגע דורות וואס זייא זיינען מחוסרי לחם, נור ווייל איך יעצט האבען מיר דיא פאָללקאָמע נאציאָנאַלנע פאָרם אונד בעזיטצען דיא גרעסטע דיפלאָמאַטי־שע נאציאנאלנע מאַכט.

וואס עס האט צו טהאן מיט ארץ ישראל אונד ציון וירושלים, איז ניט ארץ ישראל האט בעשאפען אונזער נא־ציאָנאַלנעם פאַך, אונד ניט זיא שאַפט אָב אונזער פאך, איין ריכטיגער כלי אומנת מיט איהר ריכטיגען פאָרם אונד נאמען דורכצופיהרען מיט איהר איין געוויסע קונסטיגע אַרבייט, איז זיא איין געצייג מיט איהר פאָרם אונד נאמען צו מען טהוט מיט איהר דיא געוויסע ארבייט צו וועלכע זיא איז גע־מאַכט געוואָרען, צו ניט. דיא ארבייט מאַכט קיין ענדערונג אין דעם נאמען אונד דיא פאָרם פאן דיא כלי אומנת, אונד בלייבט אין איהר פאַך ווען מען זאלל אפילו ניט אנהייבען צו טהאן מיט איהר דיא ארבייט.

אונזער אוננאַציאָנאַלנע טהעטיגקייט אין דעם פערגלייך צו דיא נאַציאָנאַלנע טהעטיגקייט פאן אַללע פעלקער, איז וויא איינער זאָלל נעהמען הערייננצוקלאַפען איין נאגעל אדער וועלכע פעולה, מיט וועלכע פשוטי כלי מתכת (שטיק אייזען) וואס עס קאממט פאָר אין האנד, זיא איז אויך איין האַממער ווען מען קלאפט מיט איהר, אבער אבגעטהאָן דעם ארבייט איז זיא איינפאכע שטיק אייזען, אונד דער האממער איז אלל־מאל איין האממער. איך קלאפ שאן הערין וויא עס איז מיט

דיא שטיק אייזען, אבער דער האממער איז דיא ריכטיגע גע־
צייג צו דיא פעולה, אונד דיא שטיק אייזען האט מעהר ניט
געדיענט אלס האממער, אונד דיא פעולה ווערט אויך ניט
ריכטיג אונד גרינג געטהאן.

דיא פעלקער פיהרען זייערע נאציאנאליטעט מיט וועלכע
דיפלאָמאַטישע מיטלען עס קאממט זייא פאר. זייא האבען
קיינע פארגעשריבענע וועלכע דיפלאָמאַטישע פאָרם, נור
וועלכע זייא האבען זיך אַליין געמאַכט, וויא עס פאסט זייא
אונד וויא עס איז זייא פארגעקאממען, אונד פיהרען דערמיט
זייער נאציאנאליטעט. דיא נאציאנאליטעט האט בעשאפען
דיא דיפלאָמאַטיע, זאוויא אלע געזעטצע פאן דיא רעגיערונג.
זאלל דער נאציאנאלער באנד צערשטערט ווערען וכשל עוזר
ונפל עזור, אויס דיפלאמאטען פשוטי מענשען ככל האדם. לא
כן אנחנו, אונזער פריהעריגע פארגעשריבענע דיפלאָמאטיע
אונד געזעלשאפטליכע געזעטצע נאך בעפאָר זיא איז געוועזן
איין נאציאן אונד רעגיערונג, האט בעשאפען דיא נאציאנאַלי־
טעט אונד רעגיערונג, אונד בלייבען מיט דיא פאָרם, צו דיא
געצייג אדער דער אומן איז אין טהעטיגקייט אדער ניט.
וואס עס אנבעלאַנגט צו ציון וידושלים איז ניט מעהר וואס זיא
איז דיא פאַססיגע לאַנד מיט וועלכע דער נאציאנאל אומן זאל
קעננען ריכטיג דורכפיהרען זיין וואונדערליכע נאציאנאליטעט
וויא מיר וועללען וויטער ריידען.

בעפאָר מיר וועללען זעהן דיא ארגומענטס אונד דיא
בעהויפטונגען פאן דיא דרייא קלאַססען, פאן דעם פראַקטיש־
ען שטאַנדפונקט, וועללען מיר געבען איין איבערבליק אין

אלגעמיין דעם פאך פאן אונזער ראסע, רעליגיאן אונד נאציאן, פאן איהר טהעאָרישען שטאַנדפונקט. יעדער קונסט פאן יעדער ארט האט איהר געוויססע פאססיגע מאטריאל אונד מינעראלם מיט וועלבע דיא געוויססע קונסט זאלל קעננען ריכטיג דורכגעפיהרט ווערען. דיא זעלבע ספר התורה וועל־בע האט אונז געפאָרמט מיט דיא געוויססע רעליגיאן אלם דער פאססיגער עצם אונד פאססיגער פאלק, פאן זאלבע זיננונגען אונד בעגריפע אונד געפיהלען, וויא מיר וועללען ווייטער ריידען, וועלבע אזא רעליגיעזישע בילד זאלל קענען אויסגע־שניצט ווערען. דיא זעלבע ספר תורה וועלבע האט אונז געפאָרמט אונד פאן אונז אויסגעמאהלט אזא הומאנישען לאנדשאפט אלם דיא פאססיגע כאראקטער, אזא וואהלטהאט אונד טוגענד סיסטעם צו ערפיללען. דיא זעלבע ספר התורה וואס האט אונז אנגעטרויט זאלבע געזעטצע אלם דיא עהרלי־בע ריכטער אונד ריכטיגע אורטהיילער אונד דעסיידער דיא אלע חוקים ומשפטים ודינים ריכטיג דורכצופיהרען. דיא זעל־בע ספר התורה האט געפאָרמט אונזער דיפלאָמאטיע אונד נאציאנאליטעט אלם דער פאססיגער עצם אונד אדעל־שטיין אזא נאציאנאלנעם בילד אויסצוהאַקען, וויא דער נביא זאגט: „הביטו אל צור חצבתם אל אברהם אביכם“, בעמערקט אויף דעם טהייערען גראניט בלאק פאן וועלבען אייער נאציאַנאל־נעם בילד איז אויסגעהאַקט געווארען, וויא מיר וועללען ווייטער ריידען.

אלזא מיר וועללען זעהן איין וויכטיגע טהייל פאן דער תורה פאן מצות העומדים ברום עולם האנושי, פאן דיא העב־

סטע מידות אונד טוגענד פאן מענשען אלס מענש, דיא גאנ־
צע טוגענד אונד וואהלטהאט אבטהיילונג אין דער תורה,
וועלכע זיינען פערטהיילט אין דרייא אבטהיילונגען, נעמליך:
1) פרייווילליגע; 2) קאנסטיטוציאנאלע געזעצליכע; 3)
פילאַנטהראָפישע. דיא ערשטע קלאססע וועלכע איז נור בין
אדם למקום, האט קיין תנאי, שיעור, חוב, גבול, ערמינטערונג
אונד בעאיינפליססונג צו אָפפענהערציגקייט אין דעם פאך פאן
דיא וואהלטהאט, אונד קיינע צוזאג פאן וועלכע בעלאָהנונג,
ניט פאן יענער וועלט אונד ניט פאן דיא וועלט, וויא דיא פאַך
פאן צדקה דארף זיין, שלא על מנת לקבל פרס, נור ויקחו לי
תרומה, ניט געזאגט ויתנו לי, זייא זאללען געבען צו מיר, איין
קאָממאַנד פאן געבען דארף ניט פארקאממען, נור זייא זאל־
לען נעהמען איין אייגענע פרייע אונטערנעהמונג, נור לי לשמי
דער אונטערנעהמונג וואס איהר וועט זיך אונטערנעהמען,
זאלל זיין אין מיין נאמען, קיין געבאָט זייא זאללען דאס טהאן
אדער מוזען דאס טהאן, נור אב זייא וועללען דאס טהאן מיט
זייער פרייען וויללען, זאלל זיין אויף מיין נאמען אבער אויך פיר
אייערע נוטצען, ווייל כה אמר ד׳ השמים כסאי והארץ הדום
רגלי, איזה בית אשר תבנו לי, נור פיר אייערע גוטעם ושכנתי
בתוככם, איך זאלל זיין אין אייער מיטטע, ככל אשר ידבנו
לבו, מיט איין לחלוטין פרייווילליגקייט ווען אונד וויפיעל זיין
הארץ וועט בעווילינען. דיא געזעטצליכע בקע לגולגלת וועל־
כע איז בין אדם למקום לכפר על נפשתיכם, איז געוועזען פאן
כי תשא את ראש בני ישראל, פיר דעם צעהלען דיא פאלק,
אונד לכפר על נפשתיכם לבל יהיו בכם נגף, דורך דעם מספר.

דיא צווייטע קלאססע, וועלכע איז בין אדם לחבירו, איז שאן קאנסטיטוציאנאלע געזעטצליך, וויא אלע געזעטצע פאן דער תורה, אדער וויא אלע מסים (טעקס) וארנוניות אונד חוקים, ונמוסי המדינה מיט איין געזעטצליכען סיסטעם. פאן חוב, שיעור, גבול, זאל זיין ניט מעהר אונד ניט וועניגער, זא וויא תרומות מעשרות לקט שכחה, פאה, פרט, חלה, אויף וועלכע עס איז דארויף אויך קיין דירעקטע בעלאהנונג צוגע־זאגט, ניט פאן עולם הבא, ניט פאן עולם הזה, זא וויא אלע מסים וארנוניות, וחוקי ונמוסי המדינה, וועלכע זיינען פליכט־ליך פיר דיא פארטזעטצונג פאן דיא עקזיסטענץ פאן דיא לאנד, אונד עס דארף קיין בעלאהנונג קאממען, נור אינדי־רעקט אנגעוויעזען איין רעזולט פאן בענעפיט אונד בעלאה־נונג, זאוויא עשר בשביל שתתעשר, זאלסט געבען מעהר כדי דוא זאלסט רייכער ווערען, זאוויא זאלסט צאהלען דיינע טעקס ריכטיג אונד פונקטליך, אום דוא זאלסט זיין פערזיכערט אין דיין לאנד, וואס דאס מיינט קיין דירעקטע בעלאהנונג, נור זאוויא איין מסובב פאן איין סיבה, איין רעזולט פאן איין אורזאך.

דיא דריטטע קלאססע איז איין פילאנטהראפישע טוגענד אונד וואהלטהאט אין דיא געזעלשאפט אין אללגעמיין, פאן הילפע בין אדם לחבירו אין כלל, וועלכע הומאניטע געפיהלען אונד וואהלטהאט עס זיינען פארגעשריעבען מיט דיא העכס־טע ערמונטערונג אונד ערוועקונג צו דעם העכסטען גראד פאן פרייגעביגקייט אונד אפפענהערציגקייט, אין אזא פילאנ־טהראפישען גראד, וואס דעם העכסטען טוגענד כאראקטער

איז אזא אָפפענהערציגקייט אונד פרייגעביגקייט, העכער וויא זיינע טוגענד־געפיהלען קענען בעגרייפען אונד דערצו איינשטיממען, וויא מיר וועלען ווייטער זעהן. דיא גאנצע ערהאבענע פילאנטהראפישע פרשה פאן אפס כי לא יהיה בך אביון, אבער דיא פאך וואהלטהאט איז שאן מיט דיא העכסט ערמונטערונג אונד בעאיינפליססונג פאן דירעקטע צוזאגונג פאן דיא העכסטע בעלאהנונגען, ואל ירע לבבך בתתך לו, כי בגלל הדבר הזה יברכך ד׳ בכל מעשך ובכל משלח ידיך אשר תעשה, אלס איין אויסנאהמע בעלאהנונג פיר אויסנאהמע פילאנטהראפישע אפפענהערציגקייט, אבער דיא בעלאהנונג איז אויך אויף דיא וועלט אונד קיין צוזאג פאן עולם הבא.

דוא קענסט זיך א מאל גרינג מאכען ניט צו זיין מאַרקזאם אויף דיא קריטיק וועלכע דיינע ארבייט קען זיין אונטערווארפען, ווען דיינע ארבייט איז נור פיר איין געוויססע קלאַס, וועלכע האבען דיא ריכטיגע בעגריפע פאן דיין ארבייט. דוא מוזט אבער וויססען וואס דוא האסט צו טהאן פיר דיא קריטיק ווען דיינע ארבייט איז מסור לכל, אין דיא הענד פאן אלע קלאססען צו דיא וועלכע האבען דיא ריכטיגע בעגריפע צו ניט. דוא קענסט זיך פילייכט גרינג מאַכען אויף דיא קריטיק וואס עס קען פארקאממען, ווען דער בעל מלאכתיך וועלכער גיבט דיא ארבייט איז קיין גראססער מבין אויף דיא אַרבייט אדער איין מבין אונד עקספערט, אבער ניט אליין דער בעל הבית פאן דיא ארבייט, אונד ניט זיינע אַרבייט אונד ניט מיט זיינע געלד ווערט בעצאהלט, נור איין אנגעטרויטער בעאמטער אונד עקזאַמינער. וויא געטרייא ער זאלל זיין איז

אליין נים אליין דער בעל הבית, אבער בעדיינק וואס דוא האסט צו טהאן פיר דיא קריטיק, אז דער בעל מלאכתיך, דער בעל הבית, וועלכער גיבט דיר דיא ארבייט פיר זיינע נוטצען אונד ציעל איז אליין דער גראססער מבין אונד עקספערט אויף דיא ארבייט, אונד ער אליין וועט עקזאמינירען דיא אַר־בייט, אונד פאן דעם בעל הבית, דעם מבין דארפסט קריגען דיא געצאהלט.

הוי שקוד ללמוד תורה, דוא מוזט לערנען דיא תורה מיט איין פיעלפאַכע מאַרקזאמקייט, ווייל זיא איז מסור לכל, אלע האלטען איהר אונד לערנען איהר, צו דיא וואס האבען אין איהר דיא ריכטיגע בעגריפע צו דיא וואס האבען ניט, אונד אונטער וועלכע גראסס קריטיק זיא קען זיין אונטערוואָרפען. ודע מה שתשוב לאפקורוס, מיין ניט צו דענקען וואס האב איך גאר מיט'ן אפיקורוס צו טהאן אונד צו האבען דעבייטס אשר לא קרא ולא שנה, אדער דוא וועסט איהם עפפנען דיא תורה אונד ווייזען שווארץ אויף וויס זיין טעות אונד זיינע אפיקורסות ? זאללסט וויסען אז דער אפיקורוס לערענט אויך דיא תורה וויא דוא, אונד שעפט אויך זיינע אפיקורסות פאן דיא תורה, וויא דוא דיין אמונה, וויא דער עקדת יצחק זאגט, אשר ימרוך למזימה, זייא האבען דיר גראסס געמאַכט אונד דיר ערהאבען, פיר זייער געפעהרליכע געדאנקען אונד אידעען. וויא קאממט אזא גראססער אונד הייליגער גאטט צו האבען צו טהאן מיט אזא נידריגע ערד אונד וועלט, וועל־כע איז אונטערוואָרפען אונטער דיא גרעסטע פעהלערען אונד פערדערבליכקייט ?

אלזא, דוא קענסט זיך ניט פרייא מאכען דעם אפיקורוס
ניט צו ענטפערען, אונד ריכטיג צו ענטפערען מוזט לערנען
דיא תורה מיט איין בעזאנדערע מארקזאמקייט, דאנן איז דיין
נצחון זיכער, ווייל צדיקים ילכו ורשעים יכשלו בה, דער צדיק
מיט זיין אמת ואמונה אין דער תורה וועט געהן פארווערטס
ווייטער אונד טיעפער, אונגעשטערט פאן וועלכען געזונדען
אונד ריכטיגען פערשטאנד, אבער דיא רשעים מיט זייערע
פאלשע, קרומע אונד אפיקורסישע אידעען אין דיא תורה
קענען ווייט ניט פאהרען, אונד מוזען אם ענדע אבגעקלאפט
ווערען, ווען מען האט נור גוט געלערענט וויא איהם צו געבען
דעם ריכטיגען קלאפ, וויא דער בעל הגדה זאגט, הקה את
שניו, אונד דאס איז איין פפליכט פאן יעדען ריכטיגען דענ=
קער צו טהאן.

ודע לפני מי את עמל ומי בעל מלאכתיך שישלם לך שכר
עולתיך, אליין דער בעל הבית, אליין דער עקזאמינער, אליין
ער גראססער מבין אונד עקספערט אויף דיא ארבייט, אונד
ליין ניט דורך וועלכען אגענט אדער בעאמטער וועלכער
ארף דיר בעצאהלען פיר דיין שכר פעולה, אונד זייא מארק=
אם פיר דעם עקזאמען אונד קריטיק וואס עס קען פארקאמ=
ען אז דוא ווערסט דעליווערען דיא ארבייט אונד פערלאנגען
יין געצאהלט.

נאך איין זאך מוזט האבען בעפאר זיך, היום קצר
ומלאכה מרובה והפועלים עצילים והשכר הרבה ובעל הבית
חק, דער בעל הבית צווינגט דיא ארבייט דורכצופיהרען
רך איין צוויא=פאכע נייגעריגקייט, צו זעהן דיא ארבייט

אונד צו זעהן דיין גראססען בעלאהנונג פיר דיא ארבייט, וועל־
כער זארגט פיר דיין שכר אונד דיין בענעפיט זאוויא פיר זיינע
ארבייט.

מיר וועלען זעהן דיא העלדען וועלכע אונזערע חז"ל
האבען זייא פארגעבראכט אין דיא ערהאבענע מאמרים, אונז
צו פיהרען זיכער צו אונזער גליק אונד תכלית, בזה ובבא, אויף
דיא וועלט אונד אויף יענער וועלט, נעמליך: בעל הבית,
בעל מלאכה, פועל, פאן פעולה למודיות טהעארישע טהעטיג־
קייט אונד פעולה מעשיות פראקטישע טהעטיגקייט, אין דיא
בעזאנדערהייט פאן צוועק תכלית אונד בענעפיט פאן דיא
ביידע טהעארישע אונד פראקטישע טהעטיגקייטען, אונד דיא
בעלאהנונגען פאן דיא ביידע פעולות, וועלכע קאממען בעולם
הזה אונד לעתיד לבוא, איין שכר וואס אוכל פרותיהם בעולם
הזה והקרן קימת לעולם הבא, אונד איין שכר איז הקרן
קימת בעולם הזה, ואוכלין פרותיהם בעולם הבא, אין דיא פאך
פאן דיא בעלאהנונגען. הוא היה אומר לא עליך המלאכה
לגמור ולא אתה בן חורין להיבטל ממנה, אם למדת תורה
הרבה, נותנין לך שכר הרבה, ונאמן בעל מלאכתיך שישלם
לך שכר פעולתיך, ודע שמתן שכרן של צדיקים לעתיד לבוא.

זיך פרייא מאכען פאן איין אונטערנעהמונג, איז, אדער
דיא אונטערנעהמונג איז ניט נאך זיינע קרעפטען אונד אייגענ־
שאפטען איהר דורכצופיהרען, אונד פאנגט דיא זאך גאר ניט
אן, אדער איך פיהר דורך דיא אונטערנעהמונג קאמפליט,
אונד האב מעהר ניט אין איהר וואס צו טהאן. דארפסט
דאך וויסען אז מען האט דיר ניט אויפגעגעבען איין אונטער־

נעהמונג פאן איין מלאכה צו מאכען אונד בעשאפען איין תורה, אז דוא זאלסט זיך פאן איהר פרייא מאכען, ווייל דאס איז איין מלאכה ניט נאך דיינע קרעפטען אונד אייגענשאפטען איהר צו מאכען. דער בעשאפער אונד בעל מלאכה פאן דיא תורה איז דיין בעל הבית, אונד ניט דוא ביזט דער בעל מלאכה פאן בעל הבית, נור דער בעל הבית איז דיין בעל מלאכה, וועלכער האט פיר דיר געמאכט אזא כלי יקר ותפארת אונד האט ניט דערלאנגט דיא תורה אין דיינע הענד, דוא זאלסט איהר קאמפליטען אונד פערפאלקאממען, אדער אפילו אין עטוואס איהר אויסבעססערען איהר צו אימפראָווען, אז דוא זאלסט זיך פרייא מאכען פאן דיא אַרבייט, ווייל דוא ביזט מיט דיא מלאכה קאמפליט פערטיג, אונד האסט מעהר אין איהר ניט וואס צו טהאן. מען האט דיר דערלאנגט איין תורת ד' תמימה, איין גאנצע, פאללקאממע, קאמפליטע תורה אונד דיר פערבאָטטען לא תוספו ולא תגרעו, ניט אם מינדעס־טען אין איהר וואס אויפצוטהאן אונד איהר צו ענדערען.

דיין שכר וואס דוא קריגסט פיר דיין טהעטיגקייט אין דיא תורה איז קיין שכר מלאכה, נור שכר פעולה, וואס דיין בעל הבית אונד דערזעלבער דיין בעל מלאכה פאן דיא תורה, מיט ועלכע דוא בענוטצט זיך פיר דיין וואָהל אונד גליק, אויף דיא אונד אויף יענע וועלט, פרייא אָהנע וועלכע בעלאָהנונג פאן דיין זייט, אונד דער בעל מלאכה צאהלט נאך דיר צו איין אונגעהיירע דאָפעלע שכר פיר דעם נוטצען זיין תורה פיר דיין בעגעפיט, אונד וואס נאך פיר איין שכר, איין שכר בלי מצרים, איין בעלאָהנונג פאן איין אונענדליכקייט, וועלכע בע־

לאָהנונג קען גאר קיין מאל אויפהערען, ווייל יעדער תשלומין אונד שכר פאן יעדער מלאכה אָדער וועלכע אונטערנעהמונג האט איין גבול אונד איין פרייז וויא פיעל דיא דורכגעפיהרטע אונטערנעהמונג אונד מלאכה איז ווערטה, וויא גראָס דער פרייז זאָל זיין, אבער אַלץ מיט איין גבול אונד צאהל.

אבער והשכר הרבה, דער שכר פאן דיא פעולת התורה איז זאָ פיעל אשר לא יספר מרוב, וואס האט קיין צאהל אונד קיין גבול, ווייל וואס מעהר איהר געלערענט, אַלץ מעהר נוטצען צו שעפּפען אין דעם דורכפיהרונג פאן פעולות מעשיות, פאן פראַקטישע טהעטיגקייטען, אונד אם למדת תורה הרבה נותנין לך שכר הרבה, וואס מעהר פראקטישע נוטצען געשעפּפט פאן דיא פעולה מעשיות התורה, מעהר דיר צוגעצאהלט פיר דיא פעולת למודיות, פיר דיא טהעאָרישע טהעטיגקייט, אונד אויסלערנען ועסט איהר עוויג ניט, נור עוויג גלערענט, עוויג געשעפּפט נוטצען אונד עוויג געקראגען שכר פעולותיך פאן דיין בעל הבית אונד דיין בעל מלאכה, וואס ד' חפץ למען צדקו, פאן זיינע פראַקטישע נוטצען, אונד יגדיל תורה ויאדיר, אין דיא פראָגרעס אונד ענטוויקלונג פאן דיא טהעאָרישע נוטצען.

אם למדת תורה הרבה נותנין לך שכר הרבה, ונאמן בעל מלאכתיך לשלם לך שכר פעולותיך, ודע שמתן שכרן של צדיקים לעתיד לבוא, איהר דארפט ניט אונד מוזט ניט דענקען, אז איך האב אייך געגעבען איין תורה אונד איין אמונה איהר זאָלט לערנען אונד זיין צדיקים אונד מאמינים, אונד טהאן אַללעס גוטעס אַלץ אויף קרעדיט. איהר זאלט טהאן

אונד טהאן אונד אוועק לעגען אייער גאנצען לעבען, אונד מיר טרויען אונד גלויבען אויף וועלכע בעלאָהנונג פיר אייער גאנ־צע מיהע אויף עולם הבא, אונד קיין מאָל אונד פיר קיין זאך איך צו בעצאהלען מיט מזומן אויף דער וועלט. זאָלכע קרע־דיט מסחר טהוען אללע געמטער אונד אַללע תורות, וועלכע האבען מורא געהאט צו צוזאגען וועלכע בעלאָהנונג, צו בע־צאהלען מזומן אויף דער וועלט, ווייל זייא האבען געוואוסט וויא וויט בעגלויבט זייא קענען זיין צו ערפיללען זייערע הבטחות, אונד האָבען גאַנץ גוט געוואוסט אז מיט׳ן צוזאגען פיר גוטע מעשים, שכר אויף דער וועלט, וועלען זייא מיט זייערע אמונות וויט ניט קענען פאהרען, אונד האבען איך צוגעזאגט גענוג עולם הבא אויף יענער וועלט, ווייל אַז איהר וועט קאממען פאָדערען אייער לאָהן אונד שכר פיר אייערע גוטע מעשים, וועלען זייא איך קעננען זאגען גאַנץ רעכט, שטאַרבט אונד איהר וועט קריגען אייער געצאהלט אין פאָלל, אבער זיך ניט געוואַגט איך צו זאגען וועלכע לאָהן וואס אייערע אויגען זאָלען זעהן.

ניט אזוי איז אבער דער פאַך מיט מיר אונד מיט מיין תורה וואס איך האב איך געגעבען. וואס עס האט צו טהאן מיט דיא טהעאָרישע טהעטיגקייט, מיט׳ן לערנען פיעל תורה אונד אַלע מצות שבין אדם למקום, אפילו דיא וואָהלטהאַט פאן נדרים אונד נדבות, אונד זיין איין צדיק אונד איין מאמין וואס האט נור צו טהאן מיט מיר אַליין אונד ניט מיט דיינע מיט־מענשען אויף דער וועלט, איז והאמן בד׳ ויחשבה לו לצדקה, וויא דער עקדה לערענט, אז גאָטט האט גערעכענט

פיר איין צדקה וואס אברהם טהוט מיט איהם מיט זיין אמונה. אמת, מיר זיינען אין דער צדקה פערפפליכטעט כעבדים המשמשין את הרב, אבער שלא על מנת לקבל פרס, וויא דער דרך פאן צדקה איז, צו געבען אָהנע צו ערוואַרטען וועל־כע פרייז צו ערהאלטען. אבער אזוי פיעל דאַרפט איהר פערשטעהן אונד וויסען אז וויא פיעל צדקה איהר וועט טהאן מיט מיר אויף אייער וועלט, וועל איך טהאן מיט אייך כהנה וכהנה צדקה אונד חסד אויף מיין וועלט, אונד צדקה אונד חסד פאן לומדי תורה לשמה, אונד צדיקים אונד מאמינים לעתיד לבוא, דאס איז גאר עין לא ראתה אלהים זולתיך יעשה למחכה לו, דיא וואס וואַרטען אונד טרויען איהם, ווייל צדקה אונד חסד מוז זיין אויף גלויבען אונד קרעדיט, ווען ניט הייסט עס קיין צדקה.

אבער דיא פראקטישע טהעטיגקייט פאן פעולת שכר שכיר, דיא טוגענד אונד וואָהלטהאַט וואס דוא טהוסט מיט דיינע מיט־מענשען אויף דער וועלט, וועל איך דאָך ניט טהאָן אַנדערס וויא דער דין, אונד איבערטרעטען מיינע אייגענע וויכטיגסטע געזעטצע, לא תעשוק ולא תלין פעולת שכיר, איינצוהאַלטען דיין שכר אויף לעתיד לבוא, אונד בין בעגלויבט אונד אים שטאַנד געגוג צו ערפיללען פינקטליך מיין אייגענע געזעטצע, ביומו תתן שכרו ולא תבוא עליו השמש, אין דיינע לעבענס־טעג דיר צו געבען דיין שכר פעולה, ניט צו וואַרטען אונד איינהאַלטען דיין לאָהן ווען דיא צייט אונד דיא טעג פאן דיינע בראַווע טהעטיגקייט וועלען אוועק געהן. דער שכר טאָר אויף קיין קרעדיט זיין אונד וואַרטען אויף עולם הבא.

עס וועט ניט זיין אויסגעצאהלט אין גאַנצען אויף דער וועלט, הקרן קימת לעולם הבא, דער הויפט פרינציפּ פאַן דעם שכר בלייבט נאך אויף יענער וועלט, אבער דוא מוזט געניסען דיא פרוכט פיר דיינע עהרליכע אונד בראַווע טהעטיגקייט גלייך אין דיינע טעג אויף דער וועלט.

אלזאָ, שכר פעולה, דיא פערפפליכטעטע שכר פאַן פעלת שכר שכיר, דאס מוז קאממען איהר דייטליכע אונד אָפּפענע הבטחה אין דער תורה, אונד איהר באַלדיגע ערפיללונג פאַן זיינע טעג אויף דער וועלט. אבער מתן שכרן של צדיקים, דער שכר וואס איז אַלס מתנה אונד חסד של צדיקים, וחסידים, ומאמינים, אונד שכר מצוה בין אדם למקום, איז בהאי עלמה ליכה, קען אויף דער וועלט ניט קאממען, נור לעתיד לבוא, אשר עין לא ראתה אלהים זולתיך יעשה למחכה לו (ישעיהו ס״ד), וועלכע שכר פאַן צדקה אונד חסד ער וועט טהאָן לעתיד לבוא מיט דיא צדיקים אונד מאמינים, וואס האבען איהם געגלויבט אונד געטרויט אונד געוואַרט מיט זייער צדקה פאַן אמונה אויף דער וועלט, אונד מתן שכר פאַן לעתיד לבוא דאַרף פאַן זייא קיין דירעקטע וואַרט פאַן וועלכע הבטחה אין דיא תורה קאממען, ווייל פאַן גאָטט איין וואָרט איז מזומן, כי כאשר ירד הגשם והשלג מן השמים ושמה לא ישוב וכו׳, כן יהיה דברי אשר יצא מפי לא ישוב אלי ריקם וכו׳ (ישעיהו נ״ה), אונד איז שאַן קיין ריכטיג קרעדיט אונד קיין על מנת שלא לקבל פרס, אונד אַם ענדע קיין צדקה אונד ריכטיגע אמונה, אונד איין שכר וואס עין לא ראתה אלהים זולתיך, וואס מיר קענען אין דעם קיין שטראַהל פאַן בעגריפע האבען, אונד פאַן

דיא בעהאלטענסטע נסתרות פאן אונז אונד אונזערע קינד־ער אונד דורות איז דאס פיר אונז ניט פארצובריינגען, נור לד' אלהינו, פיר אונז איז גענוג דער נאמען גאָטט, וועלכער כח מיינט אמת, צדקה אונד חסד, אונד גלויבען אין גאטט איז געגלויבט אין אלע אמונות, צדקות אונד הבטחות. דיא אמונה אונד צדקה פאן אברהם איז נאך ניט געוועזן אויף איין פאלל־קאָמע הבטחה, ווארום קיין פאללקאממע הבטחות ד' דארף קיין צדקה פאן אמונה האבען.

1) ואם ישאלני השואל, ווייזט אונז וועלכע היסטאָרישע פרוף וועלכע זאָלל דייטליך איבערצייגען אז מיר האבען אַמאָל געהאַט אין אונזער פאָללקאָממע דורכפיהרונג אַלע פפליכטען פאן אונזער זייט, ככל הכתוב בתורה, זאָלכע אויסנאַהמע טובות ארציות, אירדישע וואָהל, וואס קיין עם ולשון האט נאך זאָלכע וועלטליכע עושר והצלחה געהאַט, וואס זאָלל אונז פיהרען צו דעם בעשלוסס, וויל זאָלכע הצלחות קען פאן דיא אירדישע קוועללע אונד איהרע סיבות אונד תחבולות ניט שטראָמען, ווען ניט איין מתנת אלהים פאן ברכות אונד הבטחות מן השמים ממעל. ?

2) ווען דיא דעסיידינג זאָלל שאן בלייבען בעשטיממט, ווא איז דיא פרוף אַז דיא ברכות אונד הצלחות וואס מען האט אונז מבטיח געוועזן, איז געוועזן דער צוועק אונז צו געבען איין עקסטרא אויסנאַהמע עונג עולם הזה מעין עולם הבא, וואס דיא אלהי העמים אונד זייערע תורות האבען דאס ניט געגעב־ען צו זייערע פעלקער, אונד אבגעקאָממען נור מיט עולם הבא, אז דער מוכר גיבט דעם קונה גוטע סחורה, מיינט ער ניט

דיא טובה פאן דעם קונה, נור זיין טובה, ער זאלל קריגען איין גוטען פרייז, אונד דער קונה גיבט דעם מוכר איין גוטען פרייז אום ער זאלל קריגען גוטע סחורה, נתן תתן לו כי בגלל הדבר הזה יברכך ד׳ וכו׳, דער צוועק פאן דעם געבען דיר איין גוטען פרייז, אז דער אביון זאלל זיין גוט פערזארגט אונד ניט דארפען נאָטה ליידען ?

3) אַם ענדע, זיינען דאָך כל העמים העבער וויא מיר. וויא וועניג זייא זאָללען געבען, גיבען זייא זייערע. זייא האבען קיינע ברכות אונד הבטחות אויף דער וועלט. מיר אבער, וויא פיעל מיר זאללען געבען איז אַלץ ניט אונזערע, אונד ווערט אונז אַלע מאָל אבגעגעבען דאָפּפּעלט ?

אבער מיר זיינען בערייט צו ענטפּערען יעדער פראַגע על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון. איך וועל ניט זאַממלען זאָננען־שטראַהלען וועלכע זיינען פערשפּרייט אין רוים פאן דיא אַטמאספּערע. מען קען זייא נור זעהן אונד פיהלען זייער ווירקונג אין דיא פערזאַממלונג פאן איין צענטער; דער צענטער קען זיין איין פונקט אין דעם ברייטעסטען שטח, אונד ניט זאַממלען פרופּס פאן פרטים, הורות אונד פעריאָדען וועלכע זיינען פערשפּרייט אין דעם רוים פאן דיא וועלט גע־שיכטע, נור ברייגגען איין צענטער אין וועלכען עס איז געוועזן פערזאַממעלט אלע גליק שטראַהלען פאן יעדער פאַך, וועלכע זיינען פערשפּרייט אונטער דיא מענשהייט, וועלכע שטראַהלט איין ליכטיגע אונד ריכטיגע איבערצייגונג וויא דיא ליכט פאַן דיא זון. ווען איהר זאָלט פערזאַממלען אַלע הצלחות פאַן דער גאַנצער וועלט מיט אַלע היסטאָריעס שבעולם, פאן דיא

צייט וואס פעלקער האבען אנגעהייבען צו עקזיסטירען עד היום הזה, וועט איהר ניט געפינען אזא אירדישען גן עדן, וויא וישב יהודה וישראל לבטח איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו מדן ועד באר שבע כל ימי שלמה.

בעמערקט וויא דיא געשיכטע שרייבט פאר זייער עושר אונד הצלחה, ניט הצלחה פאן בעזיטצונג פיעל רייכקייט, עהרע, גראָססהייט אונד נאך זאָלכע זאַכען, נאך וועלכע דער מענש שטרעבט צו מאַכען גליקליך זיין לעבען, וואס דיא ערווערבונג אונד בעזיטצונג פאן דיא אלע עושר הזמן, גאַראַנטירט נאך קיין מנוחת ושמחת הלב, קיין רוהיגע, פרעהליכע, עהרליכע האַרץ, נור געזעססען זיכער אונד רוהיג אונטער זיין פייגען בוימער אונד ווינשטאָקען פאן זיין וויינגארטען, וואס שטעלט פאָר איין עונג ועדן פאן מנוחת ושמחת הלב מעין עולם הבא, וואס דאס קען דיא אירדישע קוועללע מיט אַלע איהרע עצות ותחבולות אזא אירדישען גן עדן ניט פערשאַפפען אב ניט פאן מתנת אלהים מעוצר השמים ממעל. דיא וועלכע האבען זיך בעקלאגט פאן דעם לאַסט פאן דיא שווערע טעקס וואס שלמה האט אויף זייא הערויפגעוואָרפען, ווייסען מיר וויא ווייט גערעכט זייער בעקלאגונג איז געוועזן, ווען שלמה האט זייא געבראכט אזא פראספעריטי (הצלחה), וויא ויתן המלך שלמה את הכסף בירושלים כאבנים ואת הארזים בשקמים, זילבער וויא שטיינער אונד צעדערס וויא דערנער, אין כסף נחשב למאומה בימי שלמה, אונד וואס פיר איין שווערער לאַסט דיא טעקס האט געקענט זיין.

עס איז איין פאַקט, מרבה נכסים מרבה דאגה. עס איז איין פאַקט והשבע לעשיר איני מניח לו לישון, דיא איבער־פליססיגע רייכקייט לאזט דעם רייכען קיין נאַכט שלאפען רוהיג, אונד ווען דער גליק אונד דיא רייכקייט זאל שאן זיין אין דעם גרעסטען ליכט איז אַלץ במקום האור שם הצללים, ווא ליכט מוז זיין שאַטען, אונד מוז הערייגדרינגען וועלכע דונקעל־הייטען. דאס איז אַלץ ווען דוא שעפסט דיין רייכקייט אונד גליק פאן דיא סיבות ותחבולות ותהפוכות התבל, פאן דיא ענערגישע טהעטיגקייטען פאן דיא אירדישע קוועללע, אבוואָהל דער אירדישער קוועללע פאן הצלחה איז אויך מיט זיין השגחה והנהגה. אבער אז דוא שעפסט וואססער פאן טייך מוז זיך מיטשעפען וועלכע קוואַנטיטעט פאן מוטנעקייט אונד אונריינהייט, פאן וועלכע דיא וואססער איז קיין מאל ריין אונד פרייא פאן זייא, ווערט דיא וואַססער ווען זיא איז שטילל אונד רוהיג, אין איינגער מאַססען אבגעשטאַנען אונד אבגעזעטצט פאן דיא מוטנעקייט, ווערט זיא מיט דיא בעריה־רונג אונד בעוועגונג פאן דיין שעפען צוריק געבראַכט אין פערמישונג אונד מיטשעפונג.

וואס מעהר געשעפט, מעהר דיא קוואַנטיטעט פאן דיא מוטנעקייט אונד אונריינהייט אין מיטשעפונג, פערשלינגסט דוא אם וועניגסטען דיא קוואנטיטעט מוטנעקייט אונד אונ־ריינהייט. מיט דיא פערמישונג, אונד דיא גאנצע מאס וואַס־סער וואס דוא האסט אנגעשעפט איז נאך ניט אזוי שלעכט. פערשלינגסט דוא אבער דיא זעלבע מיט איין גראַדענפאַביגע אבגעשטאַנענהייט אונד אבגעזעצטהייט, איז וואס ווייטער

אַלין ביטערער. דענקסט דוא דיא אבגעזעצטע אונריינהייט ניט אויסצוטרינקען אונד הערייננגיסען צוריק אין טייך, דאַרפסט וויססען אז דוא פערניכטעסט זייא ניט אונד וועסט זייא אויס־שעפּען דעם צווייטען מאל מיט איין גרעסערע קוואַנטיטעט וויא דעם ערשטען מאל. שעפּסט דוא דיין הצלחה פאן דיא אירדישע קוועללע, אָבוואָהל עס איז אויך מיט מיין השגחה, אבער שעפּענדיג דורך דיא בעוועגונגען פאן דיא עצות ותחבולות ותהפוכות החיים, מוזט אויך מיטשעפּען איין קוואַנטי־טעט פאן דיא אירדישע טרויער, פאן וועלכע דיא אירדישע הצלחה אונד שמחה איז ניט פרייא אונד ריין פאן איהר, אונד וואס מעהר. געשעפּט דיא שמחות התבל, דיא אירדישע פריי־דע, מעהר אונד גרעססער איז מיטגעשעפּט דיא קוואַנטיטעט פאן דיא תוגת התבל, פאן דיא אירדישע טרויער.

ביזט דוא פערשעפּט אונד זא פערפלייצט מיט דיא איר־דישע הצלחה אונד שמחה עד אפס מקום, אז עס קען שאן גאר ניט זיין א פליים וואס זאלל דיר פאַרקאממען וועלבען מאַנגעל, דארפסט וויססען אז דוא ביזט אויך פערשעפּט מיט דיא גרעסטע קוואנטיטעט פאן דיא אירדישע טרויער, וואס דער גרעסטער אונגליקליכסטער קען זיין גליקליכער פיר דיר. מתוקה שנת העובד, דער וואס וויים פאן קיינע אירדישע פער־געניגען, וויים אַם וועניגסטען פאן איין זיעסען אונד רוהיגען שלאף בייא דער נאכט אונד בייא טאג, אם מעט ואם הרבה יאכל, וואס ער עסט אונד וויא פיעל ער עסט איז מיט גע־שמאַק אונד אַפּעטיט, אונד וויים פאן קיינע פארשטעלונגען וואס זאלל פייניגען אונד שטערען זיין רוהע. והשבע לעשיר

אונד דיא איבערפליססיגע זאַטקייט פיר דעם רייכען, ניט אזוי וואס עס איז איהם אַוועקגעגאַנגען דער טאג, ניט צו האבען אפילו דעם תענוג אַמאָל אבצועססען מיט איין טעם אונד גע־שמאַק וואס דעם אָרעמסטען פעהלט דער פערגעניגען ניט, ער קריגט וועניג עססען אבער וואס ער עסט איז מיט געשמאַק, נור אויך איננו מניח לו לישון, קאָממט בייא נאַכט לאזט איהם ניט שלאפען פאן דיא דונקעלע פארשטעלונגען. וואס האט ער פאן זיין רייכקייט ? ער האט קיין פערגעניגען פאן זיין לעבען, אפילו וויא דער גרעסטער אָרעמאַן האט. גאָלד וואס דערצו האט ער אפעטיט, קען ער ניט עססען, אונד וואס מען קען עססען האט ער קיין אַפעטיט. אלעס וואס עס איז איהם געבליבען דיא מוטנעקייט, אונריינהייט אונד טרויער, וואס דיא פלייצענדע אונד דיא שטראָמענדע רייכקייט האט אנגעטרא־גען, אונד דאס וועט מוזען בייא איהם בלייבען. דיא מוטנע־קייט אונד אונריינהייט בלייבט אבגעזעצט ווען דיא וואססער געהט אוועק, אונד דאס מוז ער געניססען איבער געוואַלד, אונד איז אין איין לאַגע פאן איין דאָפפעלטע פיינונגען, דיא זיין ניט געטרונקען אונד דיא הייוועץ פערשלונגען ביז דעם לעצטען טראָפפען.

פערשטעהט ער נאך אם וועניגסטען דיא מיטגעשעפטע קוואנטיטעט טרויער צו פערשלינגען, אין קליינע טהיילען, אין דעם טומעל פאן זיין שמחה, איז נאך ניט אזוי שלעכט. בע־שליסט ער זיך אבער צו לעבען איין ריינעס פערגעניגענדעס לעבען, אונד שטויסט אב פאן זיך אונד מאכט זיך ניט וויסענ־דיג פאן דיא אלע טרויער־סצענעס וועלכע מישען זיך אונד

דרייען זיך אונטער זיין גוטע אונד פערגעניגענדע צייט, דאַנן מוז פאַרקאממען דיא ביטטערסטע. ואחרית שמחה תוגה, נאך דיא ריינע פערגעניגענדע צייט מוז קאממען דער טרויער. ער וועט דיא טרויער מיט'ן אבשטויסען פאן זיך ניט פערניכ־טען, ניט מעהר, אנשטאט וואס ער האט זייא געקענט פער־שלינגען אין קליינע דאָזעס אין זיין כוס מלא שמחה, וועלען זייא דיא אלע טרויער צונויפזאַמלען אונד צונויפזעטצען אלע צוזאממען, אונד מוזען אם ענדע טרינקען אין פאַללען ביט־טערען בעכער.

אזוי קען עס פארקאממען מיט דיא גליק אונד רייכקייט פאן דיא אירדישע קוועללע, אבוואהל עס איז אויך מיט מיין השגחה, אונד קענסט מיט דיא קוועללע אויך זיין גליקליך, אבער ניט אין גאַנצען, עטוואס מוזט פערשלינגען פאן טרוי־ער, אבער דוא קענסט געניססען אויך גענוג גוטעס, נור דוא מוזט זיין פאַרזיכטיג אין דיינע בענעהמונגען, אונד ווען ניט קענסט בלייבען דער אונגליקליכסטער מיט דיין גרעססטע רייכקייט.

ניט אזוי איז אבער מיט דיא עושר אונד גליק וועלבע דוא זאלסט שעפען פאן ברכת ד' ממעל. ברכת ד' היא תעשיר ולא יוסיף עצב עמה, דיא ברכה פאַן גאטט, זיא מאכט רייך אונד וועט קיין טרויער מעהרען מיט איהר. מרבה נכסים מרבה דאגה איז ניט מעהר ווען דיא רייכקייט קאממט, אב־וואָהל מיט דיא הילפע פאן גאטט, פאַן דיא אירדישע קוועל־לע, אבער דיא ברכת ד' ממעל, איז שאן איין ליכט אהנע איין שאטען, איין ריינע קריסטאלנע קוועללע אָהנע עטוואס

מוטנעקייט אונד אונריינהייט, איין ריינע שמחה אהנע וועלכע פערמישטע טרויער, אונד דארפסט קיין בעזאָנדערע פאַר־זיכטיגקייט האבען, נור רוהיג אונד זיכער איהר צו געניססען, ברכת ד׳ היא תעשיר ולא יוסף עצב עמה (משלי י״א). דיא ברכה פאָן גאטט ווען זיא מאכט שאָן וועמען רייך אונד גליק־ליך, וועט ער שאָן מיט זיין שעפּען דיא עושר ועונג קיין קווינט טרויער מיטשעפּען מיט איהר, אונד מיט זיין מעהרער שעפּען דיא עושר והצלחה, ניט אזוי ער וועט ניט מעהרען דיא מיטשעפּונג פאָן וועלכע עצב ותוגה מיט איהר, וויא דער פאַך בייא דיא שעפּונג פאָן דיא אירדישע קוועללע, נור אין געגענטהייל וואס מעהר געשעפּט אלץ מעהר ריינער, ליכטיג־ער אונד זיססער, ביז אזא קלאַרהייט, ליכטיגקייט, זיסקייט אונד רוהיגקייט, וויא לישב לבטח איש תחת גפנו ואיש תחת תאינתו, אזא ריינע, קלאָרע מנוחת ושמחת הלב, ועונג בשר ורוח כאור ועונג מעין ועידן ועונג העולם שכלו טוב.

דער אביון אונד דער אינסעקט, אונד דיא בליהונג.

כי תפק לרעב נפשיך, הלא פרס לרעב לחמיך, אז יבקע כשחר אורך וארכתך מהרה תצמח.

ישעיהו נ״ח.

אז דוא ווערסט ערפיללען דיין פפליכט זיך פארצושטעללען דיא לאגע פאן דעם הונגעריגען, מיט וועלכע ערנסט איהם אויסצושטרעקען דיינע ברויט, דאנן וועט אויפשיינען וויא דער מאָרגען דיין ליכט פיר איין באלדיגע אויפשפראָטצונג אונד אויפבליהונג דיין וואָהל אונד דיין גליק.

דיא צווייטע פראגע, וואס איז דער צוועק פאן דיא ברכות צו דיא וואהלטהאט, צו אונז צו געבען איין הצלחה ארציות, איין אירדישע וואָהל?

עס איז קיינעם ניט פרעמד דיא נאטור טהעטיגקייט פאן דיא בליהונג סיסטעם, אונד וויא דיא בליהונג ווערט דורכגע־פיהרט. מיר האבען אויף דיא טהעמע איין בעזאנדערע ברייטע ווערקע. מיר וועללען דא פערברייגגען נור איינינע ווארטען וועלכע אנבעלאנגט צו אונזער אינהאלט, צו זעהן וויא דיא תורה לערענט אונז, אז דיא אויפבליהונג אונד ענט־וויקלונג פאן דיא ברכות אונד דיא טובת ארציות, דיא אירדי־שע וואָהל אין אַללגעמיין, איז נור דורך טוגענד אונד וואָהלטהאַט.

נתן תתן ואל ירע לבבך בתתך לו, כי בגלל הדבר הזה יברכך ד׳ בכל מעשך ובכל משלח ידיך (רש״י, ראה ט״ו).

נתן תתן אפילו מאה פעמים, זאל דיר ניט זיין צו פיעל אונד צו שווער איהם צו געבען אפילו הונדערט מאל, אונד אין דיא צייט פאן געבען זאלל ניט זיין מיט איין אונצופריעדענהייט, נור מיט דיא גרעסטע פריינדליכקייט אונד מילדהייט, ווייל דורך דעם וועט דיר גאטט העלפען אונד בענטשען אין אלע דיינע אונטערנעהמונגען. כי לא יחדל אביון מקרב הארץ, על כן אנכי מצוך לאמר פתוח תפתח את ידך לאחיך לאביונך לעניך בארציך, איין אביון קען קיין מאל אויפהערען אין דיין לאנד אונד דיין געזעלשאפט, דאס איז דיא אורזאך וואס איך האב דיר געבאָטען דוא זאלסט זייא געבען מיט איין אפענע האנד, אפענע הארץ אונד גוטע אויג.

דער אויסדריק פאן בגלל איז ניט אין דעם געדאנק וויא למען אונד בעבור, וואס אלע האבען דעם זעלבען איבער-זעטצונג „פאן וועגען,“ „צוליעב.“ בעבור אונד למען איז פאן צווייא תנאים, וואסביידע תנאים זיינען סיבות (אורזאכע). איינע אויף דיא אנדערע, אונד מסובבים (רעזאָלטס) איינע אויף דיא אַנדערע, אונד זייער ערפיללונג איז ביידע אדער קיינע. ואברהם היו יהיה לגוי גדול וכו׳, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ד׳. גוי גדול, איין אורזאך אויף למען אשר יצוה. למען אשר יצוה, איין אורזאך אויף גוי גדול. צודה לי ציד בעבור תברכך נפשי, דיא ברכה איין אורזאך אויף דיא צודה. דיא צודה איין אורזאך אויף דיא ברכה. אז ניט דיא ברכה איז קיין צודה. אז קיין ציד איז קיין ברכה. דיא זעלבע איז בייא גוי גדול אונד למען אשר יצוה.

אבער דער בגלל מיט דעם געדאַנק פאָן וועגען וועלכער פערבינדעט דיא הילפע דעם עני ואביון מיט דיא ברכות, איז דיא הילפע איין אורזאַך אויף דעם רעזאָלט פאָן דיא ברכות, אז אָהנע דיא הילפע פאָן דיא אָפענע האנד דעם עני ואביון, קען דיא ברכות ניט קאָממען. אבער דיא ברכות איז קיין אורזאכע אויף דעם רעזאָלט פאָן דיא הילפע, דיא הילפע קען זיין אָהנע דיא ברכות אונד פיללייכט נאך איין גרעססערע הילפע. כי לא יחדל אביון מקרב הארץ, דער אביון וועט ניט אויפהערען צו עקזיסטירען, אונד וועל איהם ניט לאזען שטאַרבען פאָן הונגער, ווען דוא וועסט איהם ניט העלפען. פיר איהם וועט זיין געננג איין גאנץ קליינע פראצענט פאָן דיא ברכות וואס איך גיב דיר. וועט ער ערהאַלטען קיין הילפע פאָן דיין האַנד, וועט ער האבען דיא הילפע פאָן מיין האַנד. דוא האסט דעם אביון ניט בעשאַפען, וויא מיר וועללען ווייער ריידען, אונד וועסט איהם ניט אבשאַפען. לא מרוב רעה ולא מרוב טובה, ניט מיט דיין זיין צו שלעכט איהם קיין הילפע צו געבען, אונד פערלאַנג ניט פאָן דיר אז דוא זאָלסט זיין צו גוט אונד איהם רייך מאַכען, אום אבצושאַפען איין אביון, עס זאָלל בלייבען מיט איין אביון וועניגער. אז ער וועט דאַרפען זיין רייך קען איך איהם אויך אזוי רייך מאַכען וויא דיר. דוא דאַרפסט נור טהאָן דיין פפליכט, די מחסורו, איהם צו געבען וואס איהם פעהלט (רש״י, ואי אתה מצוה להעשירו).

דיא אביונים זיינען מיינע נבחרים אונד אהובים, מיינע ליעבלינגם, פיר זייערע אַדעלע אונד ערהאַבענע געפיהלען, וועלכע נור איך, היודע רוח האדם, האב זייא אויסערוועהלט

פיר דעם געוויססען ערהאַבענעם צוועק, וואס דער נביא שטעללט אונז פאָר (ישעיהו נ״ח), הלא זה צום אבחרהו, דאס איז מיין פערלאַנג וועלכע איך ערוואַרט פאן אייערע פערזאַממלונגען, פתח חרצובות רשע, עפענען דיא בונט, קניפ אונד שלעססער וועלכע זיכערען דיא שלעכטעס זאללען פאַרגעזעטצט ווערען אונגעשטערט, האַלטען וויא אונטער אייזערנע ריגלען יעדער אַדעלען געפיהל, יעדער ריכטיגען אונד עהרליכען מיינונג, ער זאָל ניט הערוים אָפפען אונד פרייא אונד שטערען זייער שלעכטהייט, וויא דער נביא זאגט פריהער, הן לריב ומצה תצומו ולהכות באגרף רשע, אייערע מיטינגס אונד בעשליססע דורכצופיהרען אייערע פלענער איז ניט וויל איהר האט זייא איבגעפונען ריכטיג אונד ווירדיג, איינשטיממונג מיט דעם אַללגעמיינעם מיינונג זייא רוהיג אונד פריעדליך דורכצופיהרען, נור צו פייטען אונד צו שלאגען יעדערען באגרף רשע, ווער עס וועט נור וואַגען איך צו שטעהן אין וועג אונד היידען דיא ריכטיגקייט. התר אגדות מוטה, מאַך לאָז דיא פעראיינגונגען וואס ווייסען אונד האבען פיר זיך קיין אנדער צוועק אין זייערע אונטערנעהמונגען וויא אלעס וואס נור הערויב פאן גלייבען וועג. ושלח רצוצים חפשי, לאָז דיא ריכטיגע אונד עהרליכע מיינונג אונד געפיהלען וועלכע זיינען אונטער דיינע שלעכטע, בערויבט אונד פערשטויסען פאן זייער רעכט פרייא. וכל מוטה תנתקו, יעדער געדאַנק וואס איז נור אבגעניגט פאן דיא ריכטיגע וועג אונד פאן געזונדען פערשטאַנד אויסרייסען פאן וואָרצעל.

אם ענדע צו ענטוויקלען דיינע טוגענד געפיהלען, וועלכע

זיינען אין דיר פערזאממעלט, פערדעקט אונד פערוויקעלט אין דעם שאון והמון ועלוז התבל והחיים, אונד דעם גערויש אונד טומעל פאן דיינע וועלטליכע איינענניצליכע שטרעבונגען, פיר דיא אויפשיינונג פאן דיין גליק, מיט דיא עפפנונג פאן דיין הארץ אונד האנד דורך דיא אביונים, צו מאכען דיא אלע ערהאבענע טוגענד אונד וואָהלטהאט געפיהלען פרייא זייער גאנג, פיר דיא אויפבליהונג אונד בעפרוכטערונג, הלא פרום לרעב לחמיך, דעם אינטעליגענטען נאטהווענדיגען דארפסט ניט ווארטען ער זאלל קאממען אין דיין הויז נאך זיינע געברייכע, נור דוא מוזט איהם בריינגען אין זיין הויז בדרך כבוד. ועניים מרודים תביא בית, דער בעטלער אונד טראַמפּ וועלכער קאממט קלאפּען אין דיינע טיהרען, מוזט דיא טיהרען פיר איהם עפּפנען אונד איהם בריינגען אין הויז אונד בייא דיין טיש, אזוי וויא דער געפאַלענער אריסטאקראט האט זיין רעכט אז דוא זאלסט איהם געבען סוס לרכוב עליו ועבד לרוץ לפניו ויין ישן ותרנגולת פטומים, אָב ער איז דער־צו געוואָהנט, אונד דוא ביזט זוכה געוועזען אז גאטט האט דיר געהאלפען אויף אזא וואָהלטהאַט, אונד בדרך כבוד צו בריינ־גען אין זיין הויז, אזוי האט דער פראפעססיאנאלער בעטלער אונד טראַמפּ וועלכער איז געוואָהנט צו דעם פראפּעססיאן, זיין רעכט צו קאממען אין דיין הויז אום צו זעטיגען זיין אַפּע־טיט מיט וואס נור דוא ביזט פערמעגליך. אָב דוא ביזט ניט זוכה אונד פערמעגליך, בודקין לכסות ואין בודקין למזונות, פיר הונגער צו שטילען זוכט מען ניט נאך פאַך אונד קלאַסס, כי תראה ערום וכסתו, ניט ווארטען ער זאל קאממען צו דיר ווען

דער נאָטה טרייבט איהם דערצו, נור דיין פפליכט איז נאַבצו־זוכען אז ער זאל ניט דארפען קאממען צו דיר, ומבשרך לא תתעלם, זיך ניט מאַכען ווייסענדיג פאן יענעמס לאַגע, וויא פאן דיין אייגענעם מאנגעל.

אז יבקע כשחר אורך וארכתך מהרה תצמח, דאַן אז דוא וועסט עפפנען דיין הארץ אונד דיין האנד פיר דיא פרייע טו־גענד, וועט פיר דיר געעפפנעט ווערען דיין ליכט וויא דיא ליכט פאן מאָרגען, פיר דיין באַלדיגען אויפבליהונג דיין גליק אונד וואָהל. רש״י: בעמוד השחר הבוקע בעבים, וויא דער מאָרגען ליכט וועלכער שטראַהלט דורך דיא וואָלקענס. דוא וויַסט שאן דיין גליק ניט דאַרפען זוכען, דער גליק וועט שאן קאממען צו דיר, אונד קיין זאך וועט איהם שטעהן אין וועג, אונד וועט דורכברעכען אלע אייזערנע ווענט דיר צו גרייכען, והלך לפניך צדקך, אבער דיא בליהונג פאן דיין גליק קען ניט אויפשפראָצען ווא עס זאל ניט בעפאָר אויפשיינען דיא שטראַ־לען פאן דיין גערעכטינקייט.

דער אינסעקט איז בעשאַפען צו זויגען דיא זיסע זאַפט פאן דיא קנאָספען בלומען, פיר דעם צוועק צו עפפנען אונטער־דעססען דיא בליהונג באַללס, אום פרייא צו מאַכען דיא אין זייא פערזאַמעלטע אונד בעהאַלטענע שטויב בליהונג, פיר דיא בעפרוכטערונג, אבער דיא בלומען מיט איהרע זיסקייט אונד בליהונג אונד דיא גאַנצע בעפרוכטערונג איז ניט בעשאַ־פען צוליעב דיא עקזיסטענץ פאן דעם אינסעקט. דיא אביונים זיינען בעשאַפען צו זויגען דיא זיסקייט פאן דיין וואָהלטהאַט, צו עפפנען דיין האַרץ, אום צו בעפרייען אונד ערשיינען דיא

אין איהר פערזאמעלטע אונד בעהאַלטענע טוגענד אונד גע־רעכטיגקייט געפיהלען, וועלכע זיינען דיא אויפבליהונג פאן דיא בעפרוכטערונג פאן דיא ברכות אין דיין גליק, אבער ניט דיא ברכות צוליעב דיא עקזיסטענץ פאן דיא אביונים, אונד דיא ברכות האט איהר וויטערען ערהאבענען צוועק, וויא מיר וועלען וויטער ריידען.

אביון אביונה אבנים. אביון, רש"י: דל מעני, ולשון אביון שהוא תאב לכל דבר, איין אביון איז נאך פיעל ארימער וויא איין עני. אביון מיינט וועלכער געלוסט אלעס אונד האט קיינעס. אֲביונה, רש"י: חמדת תאות נשים כמו ולא אביתם תאבתי לישועתך, אויך דער זעלבער מיינונג געלוסטען. דער שכל פאן דעם מיינונג געלוסטען איז נור דיא צוויא אותיות „אב," אונד עס איז נאך ניטאָ נאך אזא וואָרט מיט דעם זעל־בען שרש, וואס זאל אזוי האבען דעם געדאַנק פאן נייגעריג־קייט, געלוסטיגקייט אונגעדולדיגע ערוואַרטונג, וויא איין גע־ווינערין היושבת על האבנים, אין דער צייט ווען זיא זיצט אויף דעם געווינער־שטול צו ערוואַרטען דיא געזונדע געבורט, וועלכע וועט ברייננען איין דאָפעלטע הילפע, זעהן איהר קינד אונד פרייא ווערען פאן איהר פייניגליכע, לעבענס־געפעהרלי־כע שמערצען, אונד דיא זעלבע על האבנים בייא איין אומן וואָ דיא אומנות האלט בייא איהר דורכפיהרונג, וואס דאַ־מאלס איז דיא גאַנצע געדאַנק אונד געפיהל אין דיא העכסטע נייגעריגקייט צו זעהן דיא כלי דורכגעפיהרט אין איהר פאָלל־קאָממענהייט.

זאָלסט ניט דענקען אז דער אביון איז קיין חרוץ ומהיר

במלאכתו, ער איז ניט געגוג טהעטיג, ענערגיש אונד פלייסיג אין זיינע אונטערנעהמונג, אדער האט פיר זיך קיינע אויפגאַבע, ציעל אונד שטרעבונג אין זיין לעבען, אונד ווייס ניט וואס גוט איז אונד וואס צו ווינשען אום אנצווענדען צו ערווערבען פאן דיא אלע גוטעס אונד פערגעניגען, וועלכע דוא געלוסט אונד זוכסט. געה אונד זעה דיא מקשה לילד, דיא שווערע געווינערין היושבת על האבנים, וועלכע זיצט אויף דעם געווינער־שטול, וכח אין ללדת אונד האט קיין קרעפטען דעם קינד צו געווינען, אונד איז מתהפך בציריה, געקוועלט אונד געפייניגט אין איהרע קרעמפפע, אין דער צייט וואס איין צווייטע געווינערין וועלכע איז אין גלייכער צייט מיט איהר אנגעפאנגען דיא געווינונג אונד שאן איבערגעקאָממען, אונד שאָן פרייא פאן דיא פיין אונד פרעהט זיך שאָן מיט איהר קינד ביי'ן ברוסט, אונד זיא קוועלט זיך נאך אין איהרע וויַיטאַגען אונד קיין אַנדער געדאַנק אין זינען, וואָלט שאן גאטט שיקען זיין הילף איבערצוקאממען, איז יענע געווינערין איין פלייסיגע אונד ענערגישע דורכצופיהרען איהרע ווינשע, אונד דיא איז איין אונטהעטיגע אונד איין נאכלעססיגע, אונד ניט ענערגיש אין שטרעבונג גענוג נאך ווינשע אונד ווינשע צו ערווערבען, אונד קיממערט זיך ניט צו ווערט דער קינד געבארען אדער חלילה ניט, צו ווען ער ווערט געבאָרען, אונד ניט פיעל בעזארגט פאן איהר יעצטיגע לאַגע וויא יענע פרייא.

כי לא יחדל אביון מקרב הארץ, דער אביון התאב לכל דבר, וואס געלוסט אלעם וויא דוא, אונד ווייס וואס גוט איז וויא דוא, אונד האט פיר זיך אויך האָפפנונגען, אונד וועגדעט

אָן מעהר קרעפטען וויא דוא אום וואס דורכצופיהרען אונד צו ערוועֿרבען, אונד מוזען אבער בלייבען זיצען על האֲבנים וכח אין להוליד, ניט אום עטוואס דורכצופיהרען אונד צו גע־ווינען אונד צו געבאָרען מיט אלע זיינע אנוועֿנדונג, אונד בליי־בען אלעס געלוסט אונד קיין זאך געהאט, אין דעם גרעסטען נאָטה, אום דיא געבורט, וואכסונג, בליהונג אונד פראגרעס־סירונג פאן דיא וועלט אונד איהר גליק. זאל ער הערֿאב געהן פאן זיין געווינער־שטול מוז דיא וועלט נעמען זיין פליים.

דיא אביונים זיינען מיינע נבחרים אונד אהובים, מיינע ליעבלינגע וועלכע נור איך היודע רוחת בני אדם, האב אויס־געפונען זאלכע ערהאבענע אונד עהרליכע כאראקטערע אונד זאלכע אַדלינגע צו שטעהן בעפאָר דיר אין דיא שרעקליכסטע פערצווייפלונג, בין תקוה ופחד, צווישען האָפפנונג אונד שרעק, פיללייכט ווערט דיין הארץ פערפרעסט אונד מוז אוועק געהן פאן דיר, זיך געזעגענד מיט זיין לעצטען שטראַהל האָפ־נונג, שרעקליכער אונד געפייניגטער וויא ער איז צו דיר גע־גאַנגען, אונד דיא שוידערליכע פאָרשטעלונג צו קאממען אַהיים מיט איין פערדריקטע הארץ אונד לעדיגע האַנד צו זיין פאַמיליע, וועלכע וואַרטען אויף איהם בכליון עניים ער זאל זייא וואס ברייננען להשיב נפשם, צו שטילען זייער הונגער, אונד האבען איין געלעגענהייט צו נעהמען עטוואס אונגעשטערט פאן דעם אבזר'ס אוצרות, וואס וואַלט איהם זא פיעל שאדען געטהאן וויא איין טראָפפען פאן ים, אָהנע זיין נאָבע אונד ער־לויבניסס, אונד דאך ניט אנגעריהרט דיא מינדעסטע אונד ווערטהלאָזעסטע וואס צו איהם ניט אנבעלאַנגט אונד איהם

ניט ערלויבט (וויא מיר האבען דיא סצענע אונד דיא פאַללע דראמא פאן דיא טהעמאַ), אונד וויים גאנץ גוט לא יבוזו לגנוב כי יגנוב למלאו נפשו כי ירעב, אז קיינער וואָלט איהם דערפאַר בלאַמירט ווען ער וואָלט עטוואס גענאממען פאן דעם טיראַן, נאכהער וויא ער האט פערלאָרען יעדער האָפפ־נונג פאן מיטלייד צו שטילען זיין פיינינגליכען הונגער, אונד דאך ניט גענאממען.

דער לא תגנוב אין דיא עשרת הדברות מאכט קיין אוים־נאַהמע פאן וועלכען מצב אונד פערהעלטניססע, אונד דער לא יבוזו גנב, אבוואהל מען וועט איהם ניט פערדענקען אונד פעראַכטען, דאך וועט ער דארפען בעצאהלען כפל, וויא דער וואס דארף בעצאהלען זיעבען מאל אזוי פיעל, אדער כל הון ביתו, ווען ער גנב׳ט וועלכע לוקסוס, וויא מיר האבען אין דעם פרק פאן גנב וגזלן מן התורה, אונד גנב וגזלן מהמדינה. פקוח נפש איז דוחה שבת, וויל וחי בהם ולא שימות בהם, מען זאל מיט דיא מצות לעבען אונד פערלירען קיין לעבען, אבער אויף קיינע פאַך לעבען פאן גנבות וועלכער לעבען עס זאל זיין, וויל געזונד איז בייא קיין אנדערען דא צו בעטען, אונד קיינער קען געבען, מעהר ניט וויא גאטט. גאטט האט געזאגט ורפא ירפא, איהר זייט ערלויבט צו ניצען איין דאק־טאָר, אבוואהל דיא הילף איז דירעקט פאן מיר, אבער דער דאקטאר קען זיין מיין שליח, אונד שיקען דיא הילף הורך איהם, אונד מיט איין דאקטאר מוז מען מחלל שבת זיין, אבער הילפע פאן וואָהלטהאט האב איך איבערגעגעבען צו בעטען בייא מענשען, אונד דיא מענשען קענען העלפען, אונד ולא

אלמן ישראל מרחמנים וגמלי חסדים, ווען עס געפינט זיך אונ־
טער אידען איין אכזר, אונד עס איז קיין מאל ערלויבט צו
גנב'נען אין דעם גרעסטען נאָטה.

זאלכע זיינען דאס דיא אביונים, ועלכע מוזען זיין תאב
לכל דבר, אלעס געלוסטען אונד צו אלעס צו שטרעבען, אונד
דאך בלייבען אין גרעסטען נאָטה, אונד אין דיא העכסטע
אדעלקייט אונד עהרליכקייט, זיינען דיא ריכטיגע אביונים
וועלכע מוזען בלייבען זיצען על האבנים וכח אין להוליד פיר
דיא בליהונג צוועק, אונד וועלכע מען האט דיא אונטער־
נעהמונג געקענט אנטרייען, וויא מיר האבען דיא ריכטיגע
פאַרשטעלונג אין דעם מאמר פאן דיא טהעמאַ, אונד קיין
אנדערער, נור איך, קען זייא אונד דארף זייא פראדוצירען
אונד בעשאפען פיר אביונים.

אם ענדע, דער ווארט „אפס“ קאממט אויף איין רעזאָלט
וועלכער איז געגען דיא בעפאָריגע הקדמות אונד ארגומענטס.
דיא מרגלים האבען פארגעלעגט דיא שטאַרקסטע ארגומענטס
אז מען זאל דארפען געהן אין דיא לאנד מיט'ן גרעסטען
מוטה. דער רעזאָלט איז געוועזען אפס כי עז העם הזה, אז
מען מוז פאן דיא לאַנד וויבען, הן גור יגור אפס מאותי
(ישעיהו נ"ד), פירכטען דארפען זיך מעהר ניט וויא פיר מיר
אבוואָהל ווען דוא וועסט עפעס טהאן וועלכע אונרעכט געגען
מענשען אונד דיין געזעלשאפט, וועסט באלד אנגעגריפען
ווערען אונד ניט פערשוויגען ווערען אונד פאָלגען איין באלדי־
גע שטראף, אבער געגען גאָטט, נור וואס עס איז ניט אנגע־
גריפען דיא געזעלשאפט, אדער אין פערבאָרגענהייט ווא קיינע

מענשען זעהען, אבער גאטט זעהט דאך. קענסט אבטהאן די גרעסטע פערברעכען, וירא און ולא יתבונן (איוב י״א), אונד גאטט זעהט דאס אלעס אונד מאכט זיך ניט מערקענ־דיג אונד לאזט דיר פרייא דורכפיהרען דיין פערברעכען, ער וועט דיר נימאלס אבהאלטען, דאך דארפסט דוא מורא האבען ניט מעהר וויא פיר מיר וועלכע פערברעכען צו טהאן.

דער אביון, וועלכער דארף זיין נאך ארימער וויא דער עני, אין דעם גרעסטען מחסור אונד דער טהייערסטער פראָדוקט פיר דיא וואָהל פאן דיא עקזיסטענץ אונד איהר פראגרעסס, האב איך מיט אייך געשלאָססען איין טראַקטאַט, איך זאל פראדוצירען אונד צושטעלען אביונים, אונד איהר זאלט פרא־דוצירען אונד צושטעלען פיר זייא פראוויזיאן, אונד מיר זאלען זיך ניט מישען איינער אין דעם אנדערענס אונטערנעהמונג. ניט איך זאל איהם צושטעלען פראָוויאַנט, אונד ניט איהר זאלט פראדוצירען אביונים. איך וועל שאן זיין קאָררעקט, אונד וועל דעם טראַקטאַט ניט ברעכען. איך וועל שאן זעהן וויא איין אביון פאַלט פאַר אייערע פיס, אונד איך וועל שוויינ־ען. איהר זאָלט ניט ברעכען דעם טראקטאט אונד פראדו־צירען אביונים, וויא דער אביון איז דער וויכטינגסטער עקזיסטענץ אויף דער וועלט אונד אין דיא נאטור, אונד זיין מחסור איז דער וויכטינגסטער אייגענשאַפט אונד פרינציפ אין זיין פאַך דורכצופיהרען זיין צוועק. וואס מעהר דל, וואס מעהר תאב לכל דבר, אלעס געלוסטען אונד קיין זאך האבען, אלעס וויכטיגער צו זיין ציעל. דאך אפס כי לא יהיה בך אביון, איהר זאלט דעם אביון מיט זיין פאַך פאן מחסור אונד תאב

לכל דבר, ניט פראָדוצירען. אייער פפליכט איז צו טהאן מיט איהם געגען זיין פאַך, אונד איהם געבען דיא מחסורו אשר יחסר לו, ער זאל ניט זיין איין תאב לכל דבר, געלוסט־ער צו אלעס, ווייל איהר מוזט איהם געבען אלעס וואס איהם פעהלט, רש״י: אפילו סוס לרכוב עליו ועבד לרוץ לפניו.

דיא הייליגסטע אונד פרעהליכסטע נאַציאָן אויף דער וועלט.

קדושים תהיו והיתם לי קדושים, ושמחת לפני ד׳ והית אך שמח.

איהר זאָלט זיין הייליג אונד פרעהליך, אייער פרעהליכקייט איז פיר מיר זאָ וויא אייער הייליגקייט.

כל התורות מכל העמים האבען זיך געהיט הערויס צו לאַזען איין פרייען העפליבען וואָרט פיר זייערע פעלקער, זייא צו ערלויבען איין פרייא מוטה, אום זיך צו פערגנינען אין עטוואס צו געניססען פאן דיא וועלטליכע פערגעניגען, אין געגענטהייל זייא געלערענט אונד געוואַרענט וואס מעגליך איז זיך צו ערווייטערען פאן קניני עולם הזה, אונד אָפט זייא געראַטה צו פרשות אונד נזירות, אַלס דער העכסטער צוועק פאן מענשען אויף דער וועלט, וואס דערמיט איז איין פאָרבערייטונג אויף דעם גייסטליכען לעבען פאן יענע וועלט, אונד האבען געגעבען זאָלכע מעלאַנכאָלישע לעהרע, זא וויא זייא וואָלטען זייערע פעלקער דעם לעבען ניט פערגונען, וויל זייא האבען קיין אַנדער זאך פערשטאַנען אין דעם געדאַנק פאן תענוגי העולם (וועלטליכע פערגעניגען), וויא קערפערליכע עמפפינדונגען, אונד תענוגי בשרים (קערפערליכע ליידענשאַפטען), אונד אזוי וויא קערפערליכע ליידענשאַפטליכע געניססע פאן דיא וועלט איז איין שטערונג צו דעם גייסטליכען

עונג פאן יענע וועלט, האבען זייא דערוויל פאן זייא אוועק גענומען דעם לעבען פאן דיא וועלט, אונד האבען געגלויבט אז זייא טהוען דיא ריכטיגקייט, ווילביידע וועלטען צו האבען אין זייער ריכטיגען פאך איז פאן אונמעגליכקייט, אונד איין וועלט מוז זיין געאָפּפּעֶרט פיר דיא אנדערע. אַלזא איז דיא ריכטיגע טהעאָריע אז דיא קורצע קערפּערליכע וועלט זאָל זיין געאָפּפּעֶרט פיר דיא גייסטליכע עוויגע וועלט.

נור מיט איין אויסנאַהם איז דיא טהעאָריע פאן אונזער תורה, וועלכע לערענט אונז צו האבען אונד צו לעבען אויף ביידע וועלטען אונד ניט אזוי אום עטוואס צו אָפּפּערען דיא דיא תענוגי העולם הזה פיר יענע וועלט, נור אין געגענטהייל אויסצושעפען גאר דיא זיסקייט וואס דיא וועלט האט אין איהר נאַטור, אונד ניט אזוי דאס זאל זיין איין שטערונג צו דעם לעבען פאן יענע וועלט, נור אין געגענטהייל אז דער עונג ארצי דיא פערגעניגען פאן עולם הזה זאָל זיין איין פּרזדור, איין קאָררידאָר פיר פאָרבערייטונג לטרקלין, צו דיא גייסטלי־בע עונג פאן עולם הבא.

דער סיסטעם וויא צו לעבען אויף ביידע וועלטען האט מען אונז איבערגעגעבען אין צווייא אדער זעקס ווערטען. קדושים תהיו, קדש עצמך במותר לך, דוא זאָלסט אויף דיין מאַראַל קיין פינקטליכען גרענעץ האַלטען, אזוי וויא אויף דיינע שבתים ויום כפורים וואס דוא דאַרפסט מוסיף זיין מחול אל הקדש, ניט וויל גאָטט פערלאַנגט פאן דיר איין הוספה אדער הכרעה. אין דער תורה איז דייטליך ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתיך, וואס מיינט אויך גאַנצע פאָללע זעקס

טעג וויא דער גאַנצער טאָג שבת, נור איך מיין דיין טובה, וויל בידי אדם אי אפשר לצמצם, פינקטליכקייט בייא איין מענשען איז פאן אונמעגליכקייט, אונד קענסט אמאל ניט דערגעהן ביז דעם ריכטיגען גרענעץ, אונד מיט איין ווילע פערלירען דעם גאַנצען שבת אונד יום כפור. אַלזאָ בעססער פערלירען איין האלבע שטונדע ארבייט וואס דעם שאדען קען איך דיר אומקעהרען, איידער צו פערלירען איין האַלבע שטונדע פאן שבת אונד יו"ט וואס דעם שאדען קען איך ניט ערפיללען. דיא האלבע שטונדע אבגערעכנעט, האָסט איין גאַנצע וואך פרייא לכל מלאכתיך.

דיא איינינע אונבעדייטענדע קורצע צייטען וואס עס וועט דיר פארקאממען אין דיינע טעג אונד יאהרען, אין דעם פער-לויף פאן דיין גאַנצען לעבען צו זיין איין קדש ונזהר ונבדל באסור לך, זאלסט ניט האַלטען פינקטליך דעם גרענעץ פאן דיא קדושה פאן אסור, אונד זאָלסט א גאַנץ קליינע טהייל מוסיף קדושה זיין מהמותר על האסור. עס זאל ניט פאָרקאָממען צו מינדערען דיא קדושה פאן אסור, וויא דיא חז"ל ערקלעהרען דיא זעלבע, כל מקום שאתה מוצא גדר ערוה אתה מוצא קדושה, ווען דוא קאממסט צו דעם גדר פאן דעם אסור ערוה וואס ביז אהער איז דער גרענעץ פאן הרחקת והפרשת האסור, בלייבט פיר דיר נאך איין טריט צו געבען איבערען גדר אונד גרענעץ אין קדש עצמך במותר לך (ועין עקידה פ' קדושים), אבגערעכנעט דיא אָפפערונג פאן דעם קווינט ערלויבטע געניססע בייא דעם גרענעץ פאן דיא קורצע צייט אונערלויבטע געניססע, בלייבט פיר דיר דיא

גאַנצע וועלט ערלויבטע פערגעניגען אין דיין גאַנצען לעבענס־לויף וואס דוא דאַרפסט זייא געניססען, אונד טאָרסט זיך ניט דיין לעבען פערטרויערען, כל המצער עצמו נקרא חוטא, דער וואס קוועלט זיך אונד פערטרויערט זיך ווא ער קען לעבען פרייא אונד פרעהליך פאן ערלויבטע פערגעניגען, איז ער איין זינדיגער, אונד מוז דאַרויף ברייגגען איין קרבן, ושמחת והית אך שמח, מיט איין אויסנאַהם דיא אייניגע קורצע צייטען, וויא מיר האבען גערעדט. דארפסט געניססען דיא פאָללע ערלויבטע זיסקייט פאן דער נאטור, אשר לא לתוהו בראתיו, איך האב ניט בעשאַפען אזא גארטען מיט זאלכע אַראָמאַ־טישע פריכטע אונד בלומען זייא זאלען צוטריקענט ווערען, אהנע וועלכע גוטעס צו טהאן פיר וועמען, כי אם לשבת יצרה, מען זאל איהר בעזיצען אונד געניססען. געוואָהנליך, מען קען ניט פערצעהרען אלע גטוויקסע פאן דער נאטור, אונטער וועלכע עס געפינען זיך גיפט אונד ווילדע דערנער, אבער דיא געזונדע אונד זאַנפטע פרוכט איז בעשאַפען צו ניצען אונד צו געניססען.

לך אכל בשמחה לחמך, ושתה בלב טוב יינך, כי כבר רצה אלהים את מעשיך (קהלת ט׳). איך האב דיר ניט גע־הייסען אָפפערען איין קווינט פאן דיינע ערלויבטע פערגעניגען, אונד איין איבריגע האַלבע שטונדע פאַסטען וויל איך פער־לאַנג פאן דיר איין הוספה, אונד דיין ליידען איז בייא מיר וואס ווערטה. דיינע ערלויבטע פערגעניגען איז בייא מיר זא טהייער וויא בייא דיר, אונד נאך מעהרער. בצרתך לי צר, איך פיהל דיינע אַנגסטען וויא דוא, נור דיא ווייליע אָפפערונג

פאן דיין ערלויבטע געניססע, איז וויכטיג פיר דיר אז דיין אונטערנעהמונג זאל זיין פאָלקאָם דורכגעפיהרט. האסט דוא דיא האַלבע שטונדע הונגער דיא ווילע ערלויבטע פערגעניגען געאָפפערט, איז דיין אונטערנעהמונג, דיין שבת, יו״ט, יו״כ, פארטרעפליך דורכגעפיהרט, אונד פאן מיר מיט צופריעדענ־הייט עמפפאנגען, אונד מיין איננערליכע ווינשע איז זאָלסט זיך נעהמען דיא איבריגע ערלויבטע געניססע אונד פערגעניגען פאן דיא וועלט, וועלכע איך האב געבענשט צוליעב איך והית אך שמח, צו לעבען איין חיי עונג ארצי זאוויא איין חיי עונג רוחני. איהר זאָלט רוהיג קענען דורכפיהרען אייער אויפגאבע פיר דיא וואָהל אונד פראגרעס פיר דיא גאַנצע וועלט אונד מענשהייט.

ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, איהר זאָלט זיין דיפלאָמאטישע נאציאנאליסטען, ריינע אונד זינניגע רעלי־גיאָניסטען, אונד אונטער דעססען זיין איין פראקטישע גוי מיט אלע גוים צוגלייך, בישבו של עולם, אין יעדער בעוועגונג אונד צווייג פאן יעדער אינדוסטריע פאן דיא וועלטליכע פאָרדערונ־גען אונד איהרע ענטוויקלונגען אונד פראגרעס, ניט מעהר מיט דעם אונטערשיעד פאן אייער בעוואוסטען אויסנאַהמע נאציאנאלע בעצייכנונג פאן קדושה ושמחה. איהר דאַרפט זיין קדוש ונבדל מכל העמים אין אייער טהעטיגקייטען אונד פראדוקציאן פאן דיא אירדישע פראגרעס.

רש״י, קרח: בדרכי של עובדי כוכבים יש נימוסים הרבה וכומרים הרבה. ס״א ואין כלם מתקבצים בבית אחד, אנו אין לנו אלא ד׳ אחד, ארון אחד, ותורה אחת, וכהן גדול אחד, ומזבח אחת, וכלם מתקבצים בבית אחד. בייא אונז

עקזיסטירט קיינע בעזאָנדערע אבטהיילונגען, פּרינציפּס, טהעטיגקייטען פאָן מאטריאליש אונד גייסטליך וויא בייא כל העמים. בייא אונז איז קיין אבטהיילונגען אונד בעזאנדער־הייט אין דער טהאט אונד פרינציפּ, פאָן בתי תפילה אונד בתי משפט, פאן פּריסט אונד ריכטער, פאן בית המקדש אונד מזבח, אונד פעלד אונד וויינגארטען, פאן כהן גדול אונד עובד אדמה, פאן כלי שרת אונד כלי מחרישה, אלס איז פער־זאַמעלט אין איין בית ד׳, דיא עזרה, מזבח, סנהדרין אונד בית העם והמלך, איז אלץ געווען אין דעם היכל ד׳, אונד דיא זעלבע כהנים והלוים זיינען געווען דיא מורים אונד שופטים, בין דם לדם, ובין דין לדין, ובין נגע לנגע, ודברי ריבות בשעריך, מי מנה עפר יעקב, רש״י: אין חשבון במצות שהן מקיימן בעפר, לא תחרוש בשור וחמור, לא תזרע כלאים, אפר פרה ועפר סוטה, תרומה, מעשרות, בכורים, לקט, שכחה, פאה, פרט, עללות.

דער אידישער אגריקולטורער מיט׳ן אַקער אויף׳ן פעלד, איז אזוי הייליג וויא דער כהן גדול מיט דיא כלי שרת, אונד זיין עבודה אין בית המקדש, אונד נאך הייליגער אין בית המקדש שטעה איך דורכאויס פיר מיינע נוטצען, צו בעטען בייא גאָטט פיר דיא ערפיללונג פאן מיין פערלאַנג, אדער צו דאנקען פיר דיא ערפיללונג, אדער סליחה וכפרה אויף דיא אונרעכט וועלכע איך האב בעגאַנגען. דער עובד אדמה מיט זיין אקער אויף׳ן פעלד איז ניט בלאָז פיר זיינע אייגענע נוטצען, נור אויך פיר גאָטט אונד זיינע מצות, אונד פיר הומאַניטע אונד הילפע פיר זיינע מיטמענשען.

אם ענדע, דער הר הבית, דער בית המקדש, מזבח, כהן גדול, דיא פעלד אונד וויינגארטען, דער עובד אדמה אונד דער בעל השדה וכרם, ווערען אלע צוזאמען צונויפגע־שטראַמט אונד צונויפגעגאָסען אין איין ברייטען אונד טיעפען ים פאן איין שמחת הלב, וואס מעהר ניט וויא אזא געטטליכ־ער פראָפעט אונד פאָעט וויא ישעיהו האט דיא שמחה גע־קענט פארשטעלען ברוח קדשו. אז ישעיהו האט געוואָלט ערקלעהרען דיא גראָסע שמחה ועונג, פאן זיין ערהאַבענע פארגעשטעלטע ישועה אונד גאולה פאן דיא עם בציון ישב בירושלים ביום חבש ד׳ את שבר עמו, אונד דעם גרעסטען אונד העכסטען טרייסט אונד ליכט וואס אור הלבנה וועט זיין כאור החמה, ואור החמה שבעתים כאור שבעת הימים, האט ער דיא זיסקייט אונד טיפקייט פאן דיא שמחה מיט קיין אנדער פארשטעלונג ערקלעהרט, וויא השיר יהיה לכם כליל התקדש־חג ושמחת לבב כהולך בחליל לבוא בהר ד׳ אל צור ישראל (ישעיהו ל׳).

אז דיא זיסקייט פאן געזאנג וועט זיין וויא דיא זיסקייט פאן דעם געזאנג אין דיא נאכט פאן דיא פערהייליגונג דעם יו״ט פאן דיא עולי רגלים אין בית המקדש, אונד דיא פריידע פאן דיא הערצער וועט זיין וויא דיא פרעהליכע הערצער פאן דיא בעלי שדות וכרמים, ווען זייא פלעגען ברינגען דיא בכורים אין גאָלדערנע קערב, מיט גאָלד געטרימט אונד גע־צירט דיא הערנער פאן דיא אָקסען ועלכע פלעגען דאס פיה־רען אין איין געצירטען וואגען מיט איין באַנד פאן פויקען אונד טראָמפייטען פאָרויס, אונד מיט דיא הערליכע פראָצעססיאָן

געמאַרשירט אויף דעם הר הבית ביז אין דיא הענד פאן כהן צום מזבח, אונד דאס אַלעס אוועק געגעבען אויף'ן בית המקדש, וויא דיא גמרא שטעלט פאַר דיא גאַנצע הערליכע פראָצעססיאן אונד געטטליכע צערעמאָניע.

דיא עולם הזה איז אויף קיינער פאַך איין גאַנץ לחלוטין, בעזאָנדערע, מאַטעריאַלישע אַבטהיילונג פאן דיא גייסטליכע עולם הבא, וויא דער תנא אין אבות ערקלעהרט אונז דיא פערבאַנד פאןביידע וועלטען איינע צו דיא אַנדערע. העולם הזה דומה לפרוזדר בפני העולם הבא, התקן עצמך בפרוזדר כדי שתכנס לטרקלין. דיא עולם הזה איז וויא איין קאָרידאָר אדער פאָרהויז צו דעם הויפט פאַלאַסט, וואס דער פרוזדר אדער פאָרהויז איז זיך פאָרצובערייטען צו דעם הערייןקאָממ= ען אין איננערליכען פאלאסט, וועלכע פרוזדר אונד טרקלין זיינען קיין לחלוטין, בעזאנדער אבטהיילונגען, נור אונטער איין אומפאנג אונד אונטער איין געביידע, אונד פאָרבערייטונג צו איין תכלית מוז דיא פארבערייטונג זיין מעין התכלית, פאן דיא זעלבע ליין פאן צוועק, אונד ניט געגען דיא פרינציפען פאן תכלית.

איין פאָרבערייטונג פאן איין תכלית פאן איין עולם הבא, איין וועלט פאן עונג ועדן בלי מצרים, קען ניט זיין עצב ויגון ותוגה, נור אויך איין שמחת הלב ועונג מעין עולם הבא, אונד דיא תורה דער הויפט מיטטעל פיר דיא פאָרבערייטונג פיר עולם הבא, וועלכע איז איין מכתב אלהים אונד איין אש דת. רש"י: כתובה אז לפני באש שחורה ע"ג אש לבנה, וועלכע איז געגעבען נור פיר דיא עולם הזה, קען דיא עולם הזה ניט

זיין לחלוטין מאַטעריאַליש מיט איין אבזאנדערהייט אונד אב־
טהיילונג מן הקצה אל הקצה פאן דיא גייסטליכע עולם הבא,
נור וויא דער תנא פאן אבות לערענט אונז, התקן עצמך
בפרוזדר, זיך פארבערייטען בעולם הזה מיט איין ריינע עונג
ושמחת הלב נאך דעם דרך התורה והמצות, אז זאל זיין והלך
לפניך צדקך, אז דיין גערעכטיגקייט זאל אויפשטראַהלען אונד
אונד אויפשיינען פאַראוים פיר דיא אויפבליהונג פאן דיין עונג
ושמחה והצלחה אויף דער וועלט, וויא דער נביא בריינגט
פאַר אונד וויא מיר האבען דיא רייד אין דעם מאמר, דאַן איז
כבוד ד׳ יאספך, ועט דיר דיא עהרע פאן גאָטט פערזאמלען
אין דעם טרקלין פאן עולם הבא פיר איין עונג ועדן בלי
מצרים.

דיא עונג ושמחת הלב פאן דיא עולם הזה, איז ניט אזוי
איין שטערונג אונד גענען גאטט אונד עולם הבא, נור פיר
גאָטט, ושמחת לפני ד׳ אלהיך אתה ובנך ובתך ועבדיך
ואמתך והגר והיתום והאלמנה וכו׳. כי יברכך ד׳ אלהיך
בכל תבואתך ובכל מעשי ידיך (ראה ט״ז), בגלל דורך
דיא וואָהלטהאַט לאחיך לאביונך לעניך, איז דיא ברכה
ניט צוליעב דעם צוועק פאן זייער עקזיסטענץ, נור צוליעב
דעם צוועק פאן והית אך שמח, צו לעבען מיט איין ריינ־
עם געוויססען אונד ריינעם פרעהליכען האַרצען, וואס איין
רוהיגע פרעהליכע האַרץ איז דער איינציגער צייכען אויף
איין רוהיגען עהרליכען אונד ריינעם געוויססען, אונד ווען
דיא בני ישראל זיינען געוועז אין זייער העכסטען גליק
פאן זייער נאַציאָנאַליטעט אונד הייליגטהום. ווען שלמה

האט דיא פאָלק אין דעם אַכטען טאג פאן דעם חנוכת בית ד׳ געשיקט פריעדליך צו זייער היימאַטהען, איז קיין אנדער בעגייסטערונג פאָרגעבראַכט, וויא וילכו לאהליהם שמחים וטובי לב וכו׳, אויף וועלכע מיר האָפפען אויף דיא צוריקקעהרונג פאן דיא שמחה, במהרה בימינו אמן.

דיא תורה פיר דיא נאַציאָן אונד דיא נאַציאָן פיר דיא תורה.

שלשה סמנים יש באומה זו רחמנים בישנים גומלי חסדים.

יבמות.

מיט דרייא אייגענשאַפטען ווערען דיא נאַציאָן ערקענט: מיט זייערע מיט־לייד לעני, לאביון, לגר, ליתם ולאלמנה, מיט זייער מאָראַל פאן קדש עצמך במותר לך, אונד מיט זייערע פילאַנטהראָפּישע וואָהלטהאַט.

דיא דריטע פראַגע צו דיא אומות העולם קענען זיין בערעכטיגט אויף דיא טענה: ווען זייא וואָלטען געהאַט זאָ פיעל הבטחות אונד ברכות אויף איין אירדישע הצלחה, פיר וואָהלטהאַט אונד טוגענד, וואָלטען זייא אויך געוועזען זאלכע רחמנים אונד פילאַנטהראָפּען. מיר ווערלען נעהמען אין בעטראַכט דיא דעסיידינג פאן ביידע שטאַנדפונקטען אונד גרינדע, פאן וועלכער דער גאַנצער אירדישער גליק איז אויפגעבליהט געוואָרען. פאן דעם אינסעקט אדער אביון וועלכע פיהרען דורך דיא בליהונג אונד בעפרוכטערונג, אונד פאן דיא זיסע זאַפטיגע בלומען אדער דיא פילאַנטהראָפּישע טוגענד אונד וואָהלטהאַט, וועלכע ברייגגען דעם אינסעקט אונד דעם אביון צו דיא דורכפיהרונג.

וויא מיר האבען אין פאָריגען פרק, הן לריב ומצה תצומו ולהכות באגרף רשע לא תצומו כיום להשמיע במרום קולכם, איהר פערזאמעלט זיך ניט צו מאַכען הערען אין הימעל אייער

גערעכטיגע שטיממע אום צו שטעהן פיר אייערע רעכטע, נור זיך צו נעהמען אייערע רעכטע אַליין מיט געוואַלד, ניט צו נעהמען אין אַכט אָב איהר זייט גערעכט אין אייערע וועגען, וואָס אונזער פּרינציפּ הקול קול יעקב איז זיך ניט צו נעהמען אונזער רעכטע אַליין מיט געוואַלד, אפילו וואו מיר זאָלען זיך פיהלען בערעכטיגט אונד מעכטיג דערצו, וויא אבגיל האט דעם וויכטיגען פונקט אויפמערקזאם געמאַכט צו דוד חי ד׳ וחי נפשיך אשר מנעך ד׳ מבוא בדמים והושע ידך לך, אונד וויא דיא ערהאבענע נאַציאָנאַליסטען פאַן דור מצרים ווערען בעריהמט דערמיט. ראו ראיתי את עני עמי אשר במצרים, איך האב געזעהן דעם פיין פאן מיין פאָלק אין מצרים, אבער ניעמאַלס געהערט דאס מינדעסטע פראָטעסט פאן דיא פאָלק, ווייל איין מאל האט דער פאטער אברהם געשלאָססען איין טריעטי ועבדים וענו אותם, מוזען מיר דיא טריעטי רעספּעקטען אונד ניט ברעכען, אונד טראגען מיט דיא גרעסטע בראַוועהייט וויא אונערטרעגליך זיא זאל זיין, אבוואָהל זייא זיינען געוועזען בערעכטיגט פיר איין פראָטעסט, וואָרום ניט אזא עני האב איך געמיינט, ואת צעקתם שמעתי, דעם פראָטעסט אונד געשרייא וואס איך האב פאן זייא געהערט איז געוועזען מפני נוגשיו, פאן דיא באַרבאַריזם אונד נגישות פאָן דיא בעאַמטע אין דעם דורכפיהרונג דעם ענוי, כי ידעתי את מכאוביו וויא גערעכט זייא זיינען, וארד להצילו, איין גערעכטיגע שטיממע צו מיר מוז בריינגען דיא באַלדיגע רעטטונג.

מציל עני מחזק ממני, דער עני וועלבער זאל אפילו פערמאגען הונדערט־ניין־אונד־ניינציג גילדען, נור קיין פאָללע

צווייא הונדערט, הייסט ער נאך אלץ איין עני, אונד איז בע־בערעכטיגט אויף הילפע, אבער דאך ניט אזא נצרך צו ברייננ־גען אין וועלכע פעראנטווארטליכקייט דיא וואהלהאבענדע וועלכע ענטזאגען זיך איהם צו העלפען, אבער ועני ואביון מגוזל דער עני וועלכער איז אויך דערצו איין אביון, איין מחוסר לחם, אונד זיין מחסור איז אויף דעם מאל, דער האט זיין רעכט אונד קליים אויף דעם וואהלהאבענדען, אב ער ענטזאגט זיך פאן דיא הילפע, זא וויא איין נגזל אויף זיין גזלן, דאך האט ער קיין רעכט זיך אליין צו העלפען, אין דיא אונבע־דייטענדע הילפע פאן דעם מאל אבעססען דעם הונגער צו שטיללען, ווען ער זאל אפילו זיין אונגעשטערט אין דיא זעלבסט הילפע, אונד מוז בעטען זיין רעטטונג בייא מיר, אב יעדער האפפנונג איז פערלארען פאן מיטלייד דורך מענשען אונד וועט זיין הצלחה פאן מיר ערהאלטען (וזה לשון העקידה פ׳ ראה), באחיך האביון כי האביון יצטער מאד מגדל צרכו ומתוך הדחק יצעק וישוע לפניך אל ד׳, אם היות שאין אתה חייב לו כלום, והוא חטא למסור דין על מי שאין עליו מן הדין, והחטא הזה יהיה מוטל עליך, והיה בך חטא כי את חובו מידך יבקש.

אלזא דיא חז״ל ערקלעהרען דעם אויסדריק, כי לא יהיה בך אביון בזמן שעושין רצונו של מקום אביונים באחרים ולא בכם, צו וועלען דיא אביונים פאן דיא אומות העולם אויך זיין זאלבע אביונים וויא אונזערע? צו וועלען זייער אביונים אויך בייִשטעהן בייא אזא נסיון פאן אזא גראד עהרליכקייט וויא מיר האבען אונזערע אביונים אין בעפארינגען פרק, אונד וויא

דער געדאַנק ואביון מגוזלו, אונד דאך ניט עטוואס צו נעהמען אָהנע ערלויבניסס ? איז דער געזעצליכער לא תגנוב פאן כל העמים אויך אזוי וויא דער לא תגנוב פאן דיא עשרת הדברות? אז שבת וואס איז אסור סקילה, אונד ווען עס זאָל האַלטען בייא איין נאָטה, דאַרף איך ניט שרייען צו גאָטט פיר הילפע. שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבוא, איך זאָל רופען איין דאָקטאָר אונד זאל מחלל שבת זיין אָב מען דאַרף, אונד גאָטט וועט שיקען דיא באַלדיגע רפואה דורך דעם דאָקטאָר אונד אז דער אביון שטעהט אין זיין הונגער נאָטה בעפאָר זיין גזלן פיר זיין בערעכטיגטען ביססען בראָד אויף דעם מאל, טאר ער דעם לא תגנוב ניט איבערטרעטען, וואס עס איז נור איין שטראף פאַן כפל, אדער גאר קיין שטראף ווא ער האט ניט געלייקענט אונד געשוואָרען, אדער דער גאַנצער כפל איז ניט איין פרינציפ פאן איין דין, נור איין קנס, וויא דיא חז״ל זאגען, אונד מוז שרייען צו גאטט פיר הילפע אונד מוסר דינו זיין לשמים, אבער אליין דיא רעכט זיך ניט צו נעהמען, אבוואָהל ער איז אין שטאַנד פיר זיין זעלבסט הילפע.

אזוי איז שבת אונד אזוי יום כפורים, אונד דיא זעלבע מיט אלע אסורים וועלבע איז נור בין אדם למקום, אונד קיין מענשען אנגעגריפען מיט׳ן איבערטרעטונג דיא מצוה, אבער דיא מצות שבין אדם לחבירו וואס מיט איהר איבערטרעטונג ווערט אנגעגריפען דיא רעכט פאן דיינע מיטמענשען, איז וויא דער נאָטה זאל זיין גראָסס זא וויא איין אביון, אויף דעם מאל זיין הונגער צו שטילען, דארף דיא קלענסטע מצוה ניט איבער געטרעטען אונד געאָפפערט ווערען, אונד קיין אנדער וועג וויא

צו פאָדערען דיא הילפע דירעקט פאן גאטט, אונד ער וועט שאן זארגען פיר דיין רעכט אונד הילפע אונד פיר דיא אונ־רעכט פאן דעם גזלן, אונד ווען ניט זאָלכע אביונים וויא אונזערע, איז אויף קיינער וועג איין עקזיסטענץ אונד סוביעקט פיר איין בליהונג אונד בעפרוכטערונג דורכפיהרונג.

היינט וועלען מיר זעהן פאן דעם אַנדערען שטאַנד־פונקט: צו האבען כל העמים אזא זיעסע פילאַנטהראָפישע וואָהלטהאַט אונד טוגענד־זאַפט, פאן דיא קוואליטעט אונד קוואַנטיטעט צו בריינגען דיא בליהונג טהעטיגער צו זייער פאַללע טהעטיגקייט, וויא דיא גאַנצע פילאַנטהראָפישע פרשה פאן אפס כי לא יהיה בך אביון, לא תאמץ את לבבך, רש״י: יש לך אדם שמצטער אם יתן ואם לא יתן, לכך נאמר לא תאמץ לבבך, ולא תקפץ את ידיך מאחיך האביון, פתוח תפתח את ידיך, אפילו כמה פעמים, והעבט תעביטנו, אם אינו רוצה במתנה, תן לו בהלואה, די מחסורו, ואי אתה מצווה להעשירו, אשר יחסר לו, אָב ער איז איין געפאַלענער אריסטאָקראַט איז אפילו סוס לרכוב עליו ועבד לרוץ לפניו, אונד וויא דיא גמרא בריינגט, אָב ער איז געוועזען געוואָהנט דערצו, איז אפילו יין ישן ותרנגולת פטומים, רש״י: נתן תתן, אפילו מאה פעמים, לו, בינו לבין עצמו, ולא ירע לבבך בתתך לו, אונד דאס מוז אַלעס זיין געגעבען מיט דיא גרעסטע צור־פרידענהייט, כי בגלל הדבר הזה יברכך ד׳ בכל מעשיך ובכל משלח ידיך, אונד אַלעס איז געזאָגט געוואָרען אין דעם אב־האַנג פאן דיא לאַנד, כי יברכך ד׳ בארץ אשר ד׳ אלהיך נתן לך נחלה לרשתה, ובאחד שעריך בארציך, לאחיך לאביונך

בארציך, איז דאס דער כח אונד איינפלוס פאן דיא לאנד אונד איהרע ברכות אויף דעם געוואלטיגען וואהלטהאט אונד טוגענד סיסטעם ? ווען מען זאל אוועק געבען איין אנדער פאלק דיא גאנצע לאנד ארץ ישראל מיט אלע איהרע ברכות אונד נאך א האלבע וועלט דערצו, וואלט זיא דאס אפילו אין דמיון זיך קענען פארשטעלען איינצושטיממען אונד דורכצו־פיהרען אזא קאנסטיטוציאנאלע הומאנישע סיסטעם, אונד אזא איבערפליססיגע פילאנטהראפישע וואהלטהאט מיט אזא בעשלאססענהייט אונד צופריעדענהייט ? הלא כל עיר ועם ומדינה על תלה בנויה, יעדער פאלק בעזיצט בשלום ובשלוה איהר אייגענטהום, לאנד, רעגיערונג, נאציאנאליטעט, רעליג־יאן פאן גאטט׳ס גנאדע, האבען זייא אזא קאנסטיטוציאנאלע אונד אזא פילאנטהראפישע וואהלטהאט אונד טוגענד ? צו וועלען דיא אלע גליקליכע פעלקער ניט צו געבען אז אפילו וואו מיר זיינען צווישען זייא מושפלת עד שאול תחתיה, איז נאך אלץ בייא אונז מעהר וואהלטהאט אונד טוגענד וויא בייא זייא ?

וואס עס האט צו טהאן מיט דיא לאנד אונד איהרע ברכות, איז אדער וויא דיא חז״ל זאגען אין הברכה שורה אלא בארץ, אדער וויא מיר וועלען ווייטער ריידען. אבער דיא לאנד אונד דיא ברכות האט ניט בעשאפען אונזער בעראק־טער אונד אונזערע מדות, מעהר ניט דיא לאנד איז דער לאקיישאן וואו מיר זאלען קענען אונזערע געבארענע אייגענ־שאפטען פאן רחמנות אונד גמילת חסדים דורכפיהרען, אונד רחמנים ביישנים גומלי חסדים זיינען מיר געבארען אונד מיט דיא מדות וועלען מיר בלייבען צו אהנע אדער מיט דיא לאנד.

נאכהער וויא מיר האבען געזעהן דעם גאנצען בילד פאן אונזער טוגענד אונד הומאנישע אבטהיילונג, וועלען מיר נעה־מען אין בעטראכט דיא אבטהיילונג פאן אונזער לאנד געזעצע אונטער דיא געזעלשאפט. תורה אחת יהיה לאזרח ולגר הגר בתוככם. חוקה אחת יהיה לכם ולגר הגר בתוככם. כאזרח מכם יהיה לכם הגר הגר אתכם ואהבת לו כמוך, כי גרים הייתם בארץ מצרים. ואהבתם את הגר כי גרים הייתם בארץ מצרים. וגר לא תונה ולא תלחצנו, וכו'. וגר לא תלחץ ואתם ידעתם את נפש הגר. רש"י: כמה קשה לו כשלוחצים אותו, המאנה והלוחץ את הגר עובר בשלושה לאוין. אמר רבי אליעזר הגדול שהזהירה התורה על הגר בעשרים וששה, ואמרי לה במ"ו מקומות (בבא מציעה, דף נ"ט). כל לשון גר אדם שלא נולד באותה מדינה, אלא בא ממדינה אחרת לגור שם (רש"י, משפטים).

דער פרעמדער פאן איין אנדער לאַנד געבארען וועלבער קאממט וואהנען צווישען איך, זאל האבען גלייכע רעכטע אונד גלייכע בעשיצונג מיט דעם אייגענעם צו גלייך. זאלסט ליעבען דעם גר אזוי וויא זיך, ווארום איהר זייט אויך געוועזן גרים אין מצרים. איהר זאלט דעם גר מילד בעהאנדלען, איהם ניט נאַררען, בעטריגען, אדער בעדריקען, וויל איהר ווייסט דיא לאַגע אונד דיא געפיהל מיט וועלכע פיינונגען אונד שמערצען דער גר פיהלט אז מען דריקט איהם. לא תונו איש את עמיתו, איהר זאלט ניט נאררען איינעם דעם אנדערען אונד ווער עס נאַרט דעם אנדערען איז עובר אויף איין לאו, אבער דער ווער עס נאַרט אונד בעטריגט איין גר, איז ער

עובר אויף דרייא לאוין. זעקס=אונד=צוואַנציג מאל האט דיא תורה אנגעזאגט אונד געוואַרענט אויף דיא רעכטע אונד פראָ=טעקציאן פאן איין גר.

אזא געזעצע פאן גאראנטירטע רעכטע אונד פראטעקציאן פיר דעם פרעמדען גלייך מיט דעם איינגעבארענעם, איז נאך בייא קיין לאנד אונד פאלק דורכגעפיהרט געווארען אונד וועט ניט דורכגעפיהרט ווערען, אונד איז גאר ניט אין נאטור זאל ווען דאס זיין אין עקזיסטענץ.

פאַרצושרייבען אזא געזעצע פיר איין פאלק, אז פרעמדע זאלען האבען גלייכע רעכטע אונד גלייכע בעשיצע וויא איינגע=נע, מיינט מען זאל נעהמען איין בלאָק פאן איין פוס סקווער מעטאַל אונד איין בלאק פאן איין פוס סקווער האלץ, אונד וועלען אזביידע זאלען האבען איין גלייכע וואג. צו האבען דיא זעלבע וואג מוז דיא בלאק האלץ זיין פאן צעהנדליגע פוס נעגען דעם איין פוס מעטאַל. אז דיא תורה האט פארגע=שריעבען תורה אחת וחוקה אחת יהיה לכם ולגר הגר בתוככם וכאזרח מכם, האט זיא געוואוסט וואס זיא האט צו טהאן אונד וויא דיא געזעצע צו גרינדען. אז איין בירגער איז בע=גאנגען וועלכע אונעהרליכקייט געגען זיינע מיטבירגער, איז ער עובר אויף איין לאו, אונד ווען איין בירגער האט גענאַרט אונד בעטראגען איין גר, איז ער עובר אויף דרייא לאוין, אונד צעהנדליגע מאל מעהר אנגעזאגט אונד געוואַרענט אויף ליבעראַלע, עהרליכע אונד פריינדליכע בענעהמונגען פאן איין תושב צו איין גר, וויא איין תושב אונד אזרח צו איין תושב, אונד דאנן קען יעצט דער גר מיט'ן תושב קאממען צו איין

גלייכען באלאנס, צו זיין גאַראַנטירט אויף גלייכע רעכטע אונד גלייכע בעשיצונג מיט'ן תושב צו גלייך.

גלייכע געזעצע אונד געזיכערטע גלייכע רעכטע אונד בעשיצע פיר דעם פרעמדען, מוז האבען אויסנאהמע געזעצע פיר דעם איינענעם. ווען איין פרעמדער זאל בעגעהן איין אונרעכט געגען איין איינענעם, דארף דער שטראף זיין רעגעל וויא איין איינענער געגען איין איינענעם. אבער ווען איין איי־גענער בעגעהט איין אונרעכט געגען איין פרעמדען, דארף דער שטראף זיין פיעל גרעססער, ווען מען זאל וועלען זיכערען דעם פרעמדענס רעכטע. אלזא בלייבט דיא פראגע, צו קענן געבען איין געזעצע פיר איין פאלק מיט אזא פרינציפ אז דער פרעמדער זאל האבען מעהר טייטעל אונד רעכטע פיר דעם איינענעם איינגעבארענעם בירגער, וויא זיינער איין מיטבירגער וואס דיא חז"ל אליין האבען דאס ערקלעהרט פיר אונפאַסיר־ענד, אז עס זאל זיין יציבא בארעא וגיורא בשמי שמיה, אז דער פרעמדער זאל זיין אין איין העכערע רעכט וויא דער איינגעבאָרענער בירגער. עס איז נאטירליך דעם פרעמדען צו דולדען אויסנאהמע געזעצע צוליעב דעם איינענעם. עס איז אבער פאן דיא זאכען שאין דעת העם סובלתו, וואס איז פיר איין פאלק אונערטרעגליך אז דער איינענער זאל האבען אויסנאַהמע געזעצע צוליעב דעם פרעמדען.

צוטרייען, פרופען, איינפיהרען אונד איינצופלאַנצען פאן וועלכע יד המושל, פאן איין הערשענדע צוואנג, אזא אויס־געהמליכקייט, פיר דעם פרעמדען מעהר רעכטע וויא פיר דעם איינענעם, איז ניט בלאז וואס דאס וועט זיין איין פלאַנצונג על

צחית סלע, אויף איין האַרטען שטיין, וואס קען עוויג ניט איינ־
געוואָרצעלט ווערען אזא בעשטיממונג אין דיא הערצער פאן
דיא געזעלשאפט, אונד קען לאנג ניט עקזיסטירען. וועט עס
נאך בריינגען דעם זיבערען רעזאַלט, אז אנשטאט צו שאפען
דעם פרעמדען איין זיכערע בעשיצונג אין פריינדליכע בע־
נעהמונגען פאן דיא קאמיוניטי פיר איין רוהיגע עקזיסטענץ
מיט דעם אייגענעם צו גלייך, וועט דאס בריינגען אויף איהם
דיא גרעסטע האס אונד פעראכטונג אונד פיינדליכקייט פאן
דיא גאנצע געזעלשאפט, וואס מוז פיהרען אם ענדע צו דיא
געפעהרליכסטע פערפאלגונג.

אלזא פארצושרייבען פיר איין נאציאן כאזרח מכם יהיה
הגר הגר בתוככם, מיט גלייכע רעכטע אונד גלייכע בעשיצע,
מיט אזא אויסנעהמליכקייט פאן יציבא בארעה וגיורא בשמי
שמיה. אז איין תושב נעגען איין תושב, אדער איין גר נעגען
איין תושב, אדער איין גר נעגען איין גר, זאל בעגעהן איין אונ־
רעכט, זאל זיין דער שטראף בלאו אחד, אונד איין תושב
נעגען איין גר זאל זיין דרייא מאל אזוי פיעל, אונד דיא וואַר־
נונג מיט צעהנדליגע מאל אזוי פיעל, וואס דאס איז דיא
גרעסטע אורזאך פאן ענטוויקלונג אונד פערשפרייטונג פאן
קנאה אונד שנאה, פעראַכטונג אונד פיינדליכקייט צווישען
דעם אזרח אונד דעם גר, אונד דאך ואהבת לו כמוך, איהם
צו ליעבען מיט איין אינגערליכע ליעבע וויא זיך אַליין, קען
מעהר ניט געגעבען ווערען צו אזא נאציאן וועלכע בעזיצט
דיא העכסטע בענאבענהייט פאן געבורט אונד נאַטור, פאן
מיטלייד, ליבעראל טאָלעראַנץ אונד אהבת אדם בכלל, וואס

העכער קען ניט זיין אין דעם מענשענס טוגענד.

דאס איז נאך ניט אלעס. דיא נאטירליכע בעגאבענהייטען אליין וואלט נאך ניט געוועהן מעכטיג גענוג דורכצופיהרען דעם פרינציפ אין איהר ריכטיגקייט, וואו עס זאל ניט זיין אויך צו דיא בעגאבענהייט פאן דער נאטור, איין פראקטישע ערציהונג, צו האבען איין פאללע סימפאטהיע מיט איין ניעדער געשלאגענעם, איהם צו געבען זיין פאללע הילפע, מוז איך האבען דיא פאללע בעגריפע אונד אנטהייל צו פיהלען זיינע שמערצען, אונד צו האבען דיא ריכטיגע בעגריפע אונד אנטהייל, קען אנדערס ניט זיין וואו איך זאל אליין זיין געפרופט מיט זיין לאגע אונד האבען איין פראקטישע ערפאהרונג אין זיין שיקזאל, כי ידעתי את מכאוביו וארד להצילו. קיינער קען אזוי פיהלען דיין ווייטאג וויא איך, אונד קיינער קען וויססען דיר צו געבען דיא ריכטיגע רעטטונג אונד פאללע הילפע וויא איך, וויל עמך אנכי בצרה, בצרתך לי צר, קיינער נעהמט אזא אנטהייל אין דיינע פיין אונד שמערצען וויא איך בביכל.

אלזא וגר לא תלחץ ואתם ידעתם את נפש הגר. רש"י: במה קשה לו כשלוחצים אתו, כי גרים הייתם בארץ מצרים. דיא גרעסטע אונטערדריקונג אונד פערפאלגונג איז צו דולדען, ווען איך זאל האבען וועלכע אויסזיכטע אונד האפפנונג אויף זעלבסט פערטהיידיגונג, אדער אין פערבאנד מיט וועלכע מאכט פיר וועמען צו שרייען אונד בעטען צו שטעהן פיר מיין רעכטע אונד רעטטונג, אונד דיא קלענסטע פערפאלגונג אונד אונטערדריקונג איז אונערטרעגליך, ווען איך פיהל מיר מאכט-

לאָז פאַן זעלבסט־פערטהיידיגונג אונד שוצלאָז, ווער זאל שטעהן פיר מיין הילפע. ראו ראיתי את עני עמי אשר במצרים ואת צעקתם שמעתי מפני נוגשיו, איך האב געזעהן דעם פיין פאַן מיין פאלק אונד זייער עבודת פרך, דאך האבען זייא געטראגען זייער שווערען לאַסט מיט געדולד אונד זיך ניט בעקלאגט, אונד דעם געשרייא וואס איך האב פאַן זייא גע־הערט איז געוועזן פאַן דיא אונערטרעגליכע שוצלאָזיקייט אין וועלכע זייא האבען זיך געפונען אונטער דיא ברוטאַלישע נוגשים, אונטער וועלכע אויפזיכט זייא זיינען געוועזן אין זייערע עבודת פרך, וואס האבען מיט זייא קיינע סימפּאַטהיע אונד מיטלייד געהאט אין זייערע ביטטערע לאַגע.

ווער עס איז ניט געפּרופט געווארען מיט אזא טרויעריגען שיקזאל פאַן אזא דאַפּעלפאַכיגע הילפלאָזיגקייט, פאַן מאַכט־לאָז אונד שוצלאָז, דער קען ניט וויססען אונד פיהלען דיא פייניגליכע שמערצען וואס אזא הילפלאָזער פיהלט פאַן יעדער אנגריף אונד אונטערדריקונג, אונד ניט צו האבען איין ריכטי־גע ערפאהרונג, איז ניט צו געבען דיא ריכטיגע הילפע.

קיין נאַציאָנאַלע היסטאָריע קען ווייזען אזא נאַציאָנאַלע היסטאָריע וויא אונזערע. זאָלכע טרויעריגע עפּאָכעס וועלכע מיר האבען דורכגעלעבט, וואס עס איז אונז קיין וועג געבלי־בען אויף דיא קלענסטע האָפפנונג פיר איין ווייטערע עקזיס־טעניץ, מעהר ניט וויא צו שרייען צו גאָטט, כמטרה לחץ, הפקר פיר יעדער אומזאָנסטיגע פיינדליכע אנגרייפונג אונד אונטערדריקונג, געבונדען פיר יעדער מעגליכקייט פאַן זעלבסט פערטהיידיגונג, אונד ענטזאַגט פאַן יעדער שוטץ אונד רעט־

טונג פאן וועלכע מאַכט, אונד מעהר ניט אזא נאציאן פאן זאלכע ערפאַהרונגען האט מען געקענט פארשרייבען ואהבתם את הגר, ואהבת לו כמוך, מיט אזא אויסנאהמליכקייט פאן יציבא בארעא וגיורא בשמי שמיא, אונד דאך זאל קיין קנאה אונד שנאה זיין פאן דעם תושב אויף דעם גר, אונד איהם ליעבען מיט איין איננערליכקייט וויא זיך אליין, ווייל כי גרים הייתם בארץ מצרים. ואתם ידעתם את נפש הגר, איהר ווייסט אונד פיהלט וויא שמערצליך עס איז יעדער ערנידערונג אונד פערפאָלגונג, פיר איין הילפלאָזען אונד שוטצלאָזען, אונד זיין עלענד אונד מוטהלאָזהייט אין דער פרעמד, אז וויפיעל פריווילינגעס אונד רעכטע איהר ווערט איהם געבען ווערט ער נאך אַליין ניט הייבען דיא קאָפף מיט אייך צו גלייך, אונד האט איהם פיר זיינע פריווילעגעס אונד רעכטע ניט מיט וואס צו בענײדען, אונד איהם מיט מיטלייד אונד סימפאַטהיע ליעבען מיט אייער גאנצען האַרצען אונד גאַנצען קראַפט פאן אייער אהבת האדם מיט וועלכע איהר זייט בעגאבען.

אזוי וויא בלעם, דער גרעסטער שונאי ישראל, האט אין זיין בעגייסטערונג אויסגעשריען מי מנה עפר יעקב, עיין רש״י, זא מוז יעדער שונאי ישראל פאן יעדער דור צו געבען, מי מנה עפר יעקב, מי ימנה וישקל ויספור, ווער קען אויפנעהמען אויסוועגען אונד אויסצעהלען דיא היסטאָרישע ערהאבענהייט פאן דיא נאציאן, ניט אזוי פאן דיא צייטען אונד פעריאדען ווען זייא זיינען געוועזן הויך בכוכבי השמים, נור אויך דיא ערהאַבענע היסטאָרישע פרינציפען פאן זייער פעריאָדס, ווען זייא זיינען געוועזן כעפר הארץ, געטרעטען אונד גערדיקט, פער־

פאלגטע גרים, אונד נידריגע שקלאַפען, וועלכע ערנידערונג איז געווען דיא קוועללע אונד הרת רחם, וועלכע האט בעשאַפען אונד געבּארען דיא טהייערסטע איינענשאַפטען, זא וויא מיטלייד, ליבערטי, טאָלעראַנץ, אונד אם ענדע דיא מוטער פאן אזא הערליכע געזעצע, חוקה אחת לגר ולתושב, אונד ואהבת לו כמוך, דיא טהייערסטע, אדעלסטע אונד ערהאבענסטע בעשאַפונג פאן ציוויליזאַציאָן אונד מענשהייט, וואס העבער קען ניט זיין, וואס נאך אזא געבורט פאן חוקה אחת ואהבת לו כמוך, קען קיין אנדער נאציאן אונטער דיא זון בעשאפען.

ווען אפילו מיר זאלען אננעהמען אז עס קען זיך געפינען נאך אזא נאציאן מיט עהנליכע בעגאבענהייטען וויא אונזערע, קען זיא דיא געזעצע מיט איהרע אלע פרינציפען, נעמליך: 1) גלייכע רעכטע אונד גלייכע בעשיצונג; 2) מיט דיא אויסנעהמליכקייט פאן מעהר פריווילעגעס פיר דעם פרעמדען וויא דעם אייגענעם; 3) איהם איננערליך ליעבען וויא זיך אליין. ניט דורכפיהרען, וויא באַלד זיא האט ניט געהאט דיא פראקטישע ערפאַהרונג פאן איין גר, אונד אָהנע דיאביידע תנאים פאן בעגאבענהייט אונד ערפאַהרונג איז איהר דורכפיהרונג פאן אונמעגליכקייט אין דער נאַטור.

ראה למדתי אתכם חוקים ומשפטים כאשר צונו ד' אלהינו לעשות כן בקרב הארץ אשר אתם באים שמה לרשתה, ושמרתם ועשיתם אותם וכו' (ואתחנן ד'). מערקט איך האב אייך געלערענט געזעצע אונד גערעכטיגקייט וויא גאטט האט מיר געזאגט, וויא איהר זאלט זיך פיהרען אין אייער לאַנד

וועלכע איהר קאממט איהר צו בעזיטצען אונד רעגיערען, אונד איהר זאלט היטען פינקטליך אונד ריכטיג דורכצופיהרען דיא אלע חוקים ומצות ומשפטים ככל הכתוב בתורה, אין אלע אייערע וועגען, פאן נאציאנאליטעט, רעליגיאן, הומאניטי אונד לאנדס־געזעצע, וויא דיא תורה לערענט אייך.

עס זאל אייך ניט העריינקאממען אין אייער געדאַנק צו וועלען מאכען אליין אייגענע חוקים ומשפטים ככל הגוים, כדי איהר זאלט ניט אויסקוקען אין דיא אויגען פאן דיא פעלקער אלס איין אונפעהיגע פאלק, וועלכע קען זיך אליין ניט רעגיע־רען, אונד מוז זיין געדיקטירט אונד קאָנטראָלירט אויף יעדער טריט פאן איין אנדער מאַכט, כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים, אמת, איך האב אייך דאס געלערענט, אבער אין דיא אויגען פאן דיא פעלקער וועט דאס זיין אנערקענט פיר אייער אייגענע חכמה ותבונה. דיא חכמה ותבונה פאן זאלכע חוקים ומשפטים וועט געהן אויף אייער נאמען ניט אויף מיין נאמען. אשר ישמעון את כל החוקים האלה, ואמרו רק עם חכם ונבן הגוי הגדול הזה, דיא פעלקער וועלכע וועלען הערען דיא קלוגע אונד גערעכטיגע חוקים ומשפטים ככל התורה הזאת, וועלען זייא ניט זאגען וואס פיר איין קלוגען אונד גראססען גאטט זייא האבען, וועלכער האט זייא געגעבען זאלכע קלוגע אונד גערעכטיגע געזעצע אונד לעהרע. נור וואס פיר איין קלוגע אונד פערשטאַנדיגע פאלק דאס איז דיא גראססע ראַסע, וועלכע האבען זאלכע ערהאבענע חוקים ומשפטים צדיקים, אונד מיין נאמען וועלען זייא גאר ניט דער־מאָנען, נור אייער נאמען, וויא איהר וואָלט געוועזען אליין דיא

פערפאַססער פאַן דיא ערהאַבענע לעהרע.

אונד איך וועל דאס הערען מיט דיא גרעסטע שטאַלץ אונד פריידע. ווען איין לעהרער פערהערט זיין תלמיד אונד האַלט אויס איין גוטען עקזאַמען, וויל דער לעהרער ניט הערען מען זאל זאגען „וויל דער תלמיד איז איין גוטער.“ ער וויל הערען אז מען זאל זאגען אז דער לעהרער איז איין גוטער, וועלכער קען אזוי גוט אויסלערנען. אבער ווען דער פאטער איז אליין דער לעהרער פיר זיין קינד, געפינט ער זיך בעליידיגט אז מען זאָל זאגען „וויל דער פאטער האט מיט איהם געטרייט אונד גע־גורט.“ ער וויל הערען אז מען זאל זאגען אז דער קינד איז א גוטער, אונד דער פערהערען איז צו וויזען דיא גוטסקייט אונד מעלות פאַן קינד, ניט דיא מעלות פאַן פאטער.

אונד איהר זייט אין דער טהאַט בערעכטיגט פיר דעם קרע־דיט אונד נאמען. אמת, טאקע עס איז מיין לעהרע וואס איך האב אייך אויסגעלעהרענט. דיא פראגע איז אבער, צו האט מען איין אנדער פאלק געקענט געבען אזא לעהרע? צו וואָלטען זייא אזא לעהרע בענאממען אונד בעגריפען? צו וואלטען זייערע כאראקטערע געשטיממט מיט אזא לעהרע צו עקזיסטען? צו וואָלטען זייא אזא לעהרע געקענט דורכפיהרען?

וידעת היום והשבות אל לבביך, כי ד׳ הוא אלהים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד, דוא זאלסט וויסען אונד נעהמען אין זינען אז גאטט איז איין גאָטט אויף׳ן הימעל אונד אויף דער ערד, אונד ניט דאָ נאך אזא גאטט וואס זאל זיין אויף׳ן הימעל אונד אויף דער ערד. הלא עם אלהיו ידרוש,

יעדער פאלק האט איין גאָטט מיט איין תורה, אבער אלץ איין גאטט פיר׳ן הימעל אונד ניט פיר דיא ערד. אלע געטטער אונד זייערע תורות האבען צוגעזאגט זייערע פעלקער איין ליכטיגען עוויגען לעבען אויף יענער וועלט, אבער זייא ניט צו־געזאגט אונד געזיכערט איין איינציגען ליכטיגען אונד פרעה־ליכען טאג אויף דער וועלט, וויא אונז אונזער גאטט, למען יטב לך על האדמה אונד ושמחת לפני ד׳ והית אך שמח, אין געגענטהייל, זייא געלערענט אבצוגעבען דיא תענוגי עולם הזה אין גאנצען, ווייל פאן איין עונג אויף דער וועלט וועלכע זאל הארמאָנירען מיט דעם עונג רוחני פאן יענער וועלט האבען זייא ניט געוואוסט אונד ניט אויסגעפונען, אונד דיא תענוגי העולם וואס דיא פעלקער האבען זיך אליין אויס־געפונען איז שעדליך פיר יענע וועלט. אַלזאָ איז קיין אַנדער וועג וויא דיא אירדישע וועלט צו פערוואַרפען, וויא מיר האב־ען אין בעפאָריגען פרק, נור איין גאטט וועלכער איז אויף׳ן הימעל פיר איין חיי ענג ועדן נצחי, אונד פיר איין אירדישען פערגעניגען אונד פרעהליכען לעבען וואס זאל הארמאָנירען מיט׳ן גייסטליכען עונג פאן עולם הנצחי, עס זאל זיין ושמחת לפני ד׳, זא וויא דיא שמחת הלבב כהלך בחליל לבוא בהר ד׳ אל צור ישראל, וויא מיר האבען אין בעפאָריגען פרק.

אַלע געטטער אונד תורות זיינען נור פיר׳ן הימעל, צו פערזאָרגען זייערע פעלקער מיט עולם הבא, האבען אבער קיין טריט געשטעלט אייך צו פערזאָרגען מיט וועלכע גוטע געזעצע וואס קאממט פאר אויף דער וועלט אויף יעדער טריט, וואס מען קען אָהנע זייא איין טאג ניט אויסקאממען, אונד

מוזען זארגען אליין זיך צו שאַפען חוקים ומשפטים וויא דורכ־
צופיהרען זייער עקזיסטענץ, אונד דאנן קיין מאל גאַראַנטירט
אב דיא געזעצע זיינען אין דער טהאַט ריכטיג אונד פראַקטיש
פיר זייער צוועק. נור איין גאָטט אונד איין תורה וועלכע איז
פיר דיא וועלט, פיר אלעס וואס עס קאָממט פאר אין דעם
אירדישען לעבען, וויא פיר יענע וועלט, כי מי גוי גדול אשר
לו אלהים קרובים עליו, כד׳ אלהינו בכל קראנו אליו, ווער
איז נאך אזא גראססע נאציאָן וואס זיין גאָטט זאל זיין אזוי
נאהענט צו זיינער הילפע אין יעדער הינזיכט, פאַך, פאָדערונג
אונד רופונגען? אונז פערזאָרגט אונד פערשאַפען מיט גוטע
געזעצע וויא זיך צו פיהרען אויף יעדער טריט אונד אלע אונזע־
רע בעוועגונגען, נאַציאָנאַליטעט, דיפלאָמאַטיע, געזעלשאַפט,
רעליגיאָן, הומאַניטי, וואס מיר דארפען־ פיר קיינע געזעצע
זארגען אונד שאפען, אַלעס פיר אונז פאָרגעשריעבען אויף
עוויג. ומי גוי גדול אשר לו חוקים ומשפטים צדיקים ככל
התורה הזאת אשר אני נותן לפניכם היום, וועלכע געזעצע
זיינען גאַראַנטירט אין זייער פראַקטישע ריכטיגקייט אונד גע־
רעכטקייט, מיט זייא דורכצופיהרען איין גליקליכע אונד פריד־
ליכע עקזיסטענץ.

אלזא אלעס אייך פערזאָרגט אונד פאָרגעשריבען וויא זיך
צו פיהרען אויף יעדער טריט אין אלע אייערע בעוועגונגען
אונד פאָדערונגען, אונד דיא בעסטע אונד גערעכטיגסטע גע־
זעצע וואס דיא גאַנצע וועלט מוז דאס צוגעבען, וועלכע זיינען
גאַראַנטירט אייך צו פיהרען צו איין גליקליכע עקזיסטענץ,
אונד אויף אייער נאמען, קרעדיט אונד נאַציאָנאַלע עהרע.

טו פאן וועלכע אורזאַכע זאלט איהר זוכען זיך צו מאכען אליין חוקים ומשפטים ככל העמים, וועלכע זאלען זיין פעהליג אין דיא אלע וויכטיגע פרינציפען ?

עס איז נאך ניט דא אזא תורה וויא אונזערע, וועלכע איז זא לעדיג פאן פילאזאפישע מליצות פאן מוסר, מאָראַל אונד מדות, אונד זאָ פאָלל פאן אונז, אין דיא בתי כנסיות ובתי מדרשות, אונד ניט דא אזא תורה וואס זאל זיין אזוי פאָלל פאן דינים ומשפטים פאן דיא קלענסטע ביז דיא גרעסטע פער-ברעכונג, פאן אונאות, גנבות, גזלות, חבלות, נזקין, רציחה, אונד לעדיגער פאן אונז וויא פאן אלע פעלקער אין דיא בתי אסורים ובתי פריצים. פערקעהרט, איז ניט דא איין תורה מכל העמים וואס זיא זאל ניט זיין פאָלל פאן פילאזאפישע מליצות פאן דיא העכסטע מוסר, מאָראַל, מדות טובות, אונד אזוי לעדיג פאן דיא פאָלק אונד זייער בתי תפלות אונד רעלי-גיעזע פערזאַממלונגען, אונד אזוי לעדיג זייערע תורות פאן דינים ומשפטים פאן וועלכע פערברעכערשע טרעפונגען, אונד געפינען זיך מעהר וויא פאן אונז אין דיא בתי אסורים אונד בתי פריצים.

דיא ערקלעהרונג פאן דיא געגענדע ערשיינונגען איז גאַנץ איינפאַך. דיא תורה האט אונז ניט געדאַרפט געבען צו גראססע אָפפענע לעהרע פאן מאָראַל, מדות אונד טוגענד, ווייל רחמנים ביישנים גומלי חסדים זיינען מיר אין דער נאַטור מיט דיא אייגענשאַפטען געבאָרען, אונד אונז ניט געדאַרפט לערנען צו זיין דאס וואס מיר זיינען, נור אונז געגעבען איין טהעאָרישע לעהרע אונד סיסטעם, וויא דיא אונזערע געבאָרע-

נע מדות פאָן מיטלייד, מאָראַל אונד וואָהלטהאַט, זייא דורכ־צופיהרען אין איין ריכטיגע פראַקטישע וועג, וויא זיא זאָל בריינגען איהרע פראַקטישע נוצען.

ווייטער דיא מחוקקים פאן אלע תורות האבען געגעבען צו זייערע פעלקער איין אַלגעמיינע לעהרע, פאן מוסר, מאָראַל, מדות אונד טוגענד, וועלכע זייא האבען געדיינקט אונד גע־גלויבט נאך זייער געפיהל אז זייא זיינען גוט אונד ריכטיג אין זייער פאַך, אונד גוט צו יעדער צייט, ווארום וואס קען איין גוטע מדה ווען זיין שעדליך ? האבען אבער ניט געקענט געבען איין בעשטיממטע געזעלשאַפטליכע געזעצע פאן וועל־כע דינים ומשפטים, צו סיוויל צו קרימינאַל, וויל זייא האבען ניט לערנען געקענט דעם ריכטיגען כאַראַקטער אונד גייסט פאן זייערע פעלקער, אונד ניט געקענט וויססען דיא ענדערונ־גען וועלכע עס קען פאָרקאָממען אין דיא פערלויף פאן צייט, פלייס, פערהעלטניססע, זייא צו געבען בעשטיממטע געזעצע אין זייער געזעלשאַפטליכע בעוועגונגען, וויא מאָראַל אונד מדות, וועלכע האבען געגלויבט דיא מדות אונד מאָראַל וואס זייער פאַנטאַזיע האט פארגעשטעלט, אז גוטע אונד ריכטיג אונד גוטע מדות אונד שטרענגע מאָראַל קען אין קיינע צייט שעדליך זיין, וואס דער טהאט אונד דער פאַקט איז אז זייערע מאָראלישע אונד זיטטליכע תורות מיט דיא פאלק זיינען גאנץ אונד גאר צווייא בעזאָנדערע זאכען, זייא האבען געלערענט הויכע מאָראל אונד מדות, וואס הייסט מעהר זייא האבען גע־לערענט פיר זיך וואס זייא האבען געדיינקט ריכטיג אונד דורכפיהרליך וויא וויט זייער פאַנטאַזיע האט זייא געטראָגען

אבער ניט פיר דיא כאַראַקטער אונד עמפפינדונגען פאָן דיא פאָלק.

מיר וועלען נעהמען אין בעטראַכט איין פונקט פיר איין ביישפיעל: עס גיבט איין געזעץ געגען אונזער תורה, וכתב לה ספר כריתות ושלחה מביתו והית לאיש אחר, אויף דיא גרונד פאָן אונמאָראַל אונד אונאָרדער אין דיא קאָמיוניטי. לאָז שאָן זיין אז דיא אידעע זאָל זיין ריכטיג אין א פאַך. ביי אונז גיבט אויך אזא עהנליכע אידעע, נימ מיט דיא גרונד וויא זייערע, כל המגרש אשתו ראשונה מזבח מוריד עליו דמעות, אבער איין אידעע וואס איז ריכטיג אין א פאַך איז נאָך ווייט צו געבען איין געזעצע פיר איין פאָלק, וועלכע קען האבען געגען דעם איין גוטען פאַך צעהנפאַכיגע שעדליכקייט, אונד וואס זעהען מיר דעם רעזאָלט אונד דעם פאַקט? מיר זיינען מקיים ביידע, דיא געזעצע אונד דיא אידעע, מען גט זיך אין נאָטהיגע אונד געהעריגע פעררהעלטניססע אונד גאַנץ זעלטען. אונד זייא דיא וועלכע האבען ניט געבראכען, איז דער ניט ברעכען, וויא איינער זאָל ניט ברעכען דיא אייזערנע קייטען מיט וועלכע עס איז געשמידט, אונד דיא וועלכע האבען געבראכען, האבען זייא געבראָכען ביידע, דיא געזעצע אונד דיא אידעע. מען גט זיך אונד מען הייראַטהעט אנדערע, טאַקע צו פיעל אונד צו אָפט, אָבער דאָך האבען זייא געפונען איין איינטריט אין וועלכע פאַך צו בעשטימען מדות אונד מאָראַל. האבען אבער קיין וועג געפונען איין טריט צו שטעלען אין דיא בעשטימונג פאָן געזעלשאפטליכע געזעצע, אונד האבען געמוזט איבערלאָזען אין דיא הענד פאָן דיא

פאָלק, זייא זאלען זיך בעשטימען אַליין דינים ומשפטים נאך זייער גייסט פערהעלטניססע, ענדערונגען פאן מקום אונד זמן.

אונזער גאטט פאן אונזער תורה איז איין אלהי הרוחות לכל בשר, אונד איין צופה ומביט עד סוף כל הדורות, אונד וויים בידיעה לאין תכלית אונזער גייסט אונד אונזער כאַראַקטער אונד אונזערע מדות, מיט וועלכע מיר זיינען געבאָרען, אונד נאך אונזערע געבאָרענע אייגענשאַפטען פאן רחמנים ביישנים גומלי חסדים, דיא דרייא עמודים וועלכע דיא מענשהייט איז אויף זייא געבויט, האט געקענט געבען בעשטימטע חוקים ומשפטים וועלכע זיינען פאַססיג צו דיא דרייא אייגענשאַפטען, וואס דארפען עווינ ניט געענדערט ווערען וויל זייא זיינען געגעבען געוואָרען נאך אונזער געבאָרענע נאַטור, אונד וואס מיטגעבאָרען ווערט קיין מאל געענדערט, אונד דיא געזעצע דארף ניט געענדערט ווערען, אונד וויים אַלע ענדערונגען וואס קען פאָרקאָממען תחת השמים כל ימי הארץ, זייא צו גרינדען זייא זאָלען שטימען צו יעדער צייט, פליים אונד פערהעלטניססע, מיט איין אויסנאַהם פאן דיא כללים וועלכע עס איז איבערגעגעבען געוואָרען ביד החכמים פיר איין הוראת שעה, אבער אויף קיינע פאל אין דיא ענדערונג פאן וועלכען פרינציפ פאן דיא אלע חוקים ומשפטים, וועלכע מוזען בלייבען אין זייער קראַפט אויף עוויג וויא דער פאַקט צייגט אונז עד היום הזה.

פיר גנבים אונד גזלנים גיבט מען קיין געזעצע, והשיב את הגזלה אשר גזל, אונד דאס אלעס, קיין אנדער שטראף. אונד כפל איז אויך ניט מעהר אז ער האט געלייקענט, אדער

מעהר ניט וויא קגם נאך דיא חז״ל, ווייל גאָטט וויים גאַנץ גוט וואס איין אידישער גזלן איז, וויא בותלי בתי אסורים זאגען עדות דארויף. פיר אונמאָראַלישע כאַראַקטער גיבט מען קיין געזעץ, אנוס ומפתה חמשים כסף, וואס דאס איז פאן דיא גרעסטע פערברעכען אונד שטראף ביי יעדער פאָלק, אדער ולו תהיה לאשה לא יוכל לשלחה, דאס איז אז זיא איז צו־פריעדען, ווייל דיא תורה וויים אונזער מאראל וויא דיא טירען פאן דיא בתי פריצים זאגען עדות, יין ותרוש יקח לב, וואס דאס איז דיא געפעהרליכסטע זאך וואס רואינירט יעדערען, אונד וואָ איז דאס נאך זא געפעהרליך וויא ביי אונז, וואס איז פער־בונדען מיט טאָדט־שטראַף, שתויי יין במקדש איז במיתה, אונד האט אזא קליפה זיך ניט צו קענען אבגעריסען דערפאַן, וואס דאס האט עשו אבגעשראָקען פאן דיא בכורה, גיבט מען קיין געזעצע והיביא קרבנו אשר חטא, איין נזיר זאל ברייגגען איין כפרה אין בית המקדש אויף זיין זינד, וואס איז פיר איין זינד על שציער עצמו מן היין, וואס ער האט זיך גע־פייניגט גאַנצע דרייסיג טעג קיין וויין צו טרינקען (עיין רש״י, פ׳ נזיר). פיר דעם זינד מוז ער קאָממען אין בית המקדש אונד בריינגען איין קרבן, ווייל דיא תורה וויים אידישע שכורים וויא דיא בתי יין אונד בתי מרוח זאגען עדות. מיט פייער אונד טאָדט־שטראף שפיעלט מען זיך ניט איבערצו־געבען צו פרייא אין דיא הענד פאן פאלק. וואָ איז נאך דא אזא תורה וואס זאל האבען זא פיעל טאָדט־שטראַפע פאן ארבע מתות בית דין וויא מיר? וואס וואָלט געווען ווען אַנ־דערע פעלקער וואָלטען געהאט חלילה זאָפיל טאָדט־שטראַפע?

אבער גאטט וויס אידישע קרימינאלס אונד אידישע ריכטער, אונד סנהדרין אונד בתי המשפט. אז איין מאל אין זיעבציג יאהר האט מען פעראורטהיילט איין מענשען צום טאָדט־שטראף, האט דאס דיא פאלק עוויג ניט געקענט דיא האַרץ שטיללען, וויל אויך דער האט געהאט איין געלעגענהייט פרייא צו ווערען, אונד האבען א נאמען געגעבען דיא ב״ד, ב״ד קטילה, ב״ד וואס זיינען ניט געשטאַנען אום איין מענ־שענס לעבען, אונד ווער עס וויס אונזער גאַנצען דיני נפשות סיסטעם, פאָן ושפטו והצילו את העדה, אונד זא בייא ספר בריתות, וויא מיר האבען גערעדט, והרבה כאלה.

דיא גאַנצע אבטהיילונג פאן דיא דינים ומשפטים פאן יעדער פערברעכונג, איז ניט פיר דעם צוועק פיר פראקטישע טרעפונגען, אונזער פאַך כאַראַקטער אויסצובעססערען, נור איין פאָרגעשריבענע טהעארישע לעהרע, עס זאל צו קיין פראַקטישע טהעטיגקייט פאָרקאָממען, אום מיר זאלען פאן אונזער נאטירליכקייט ניט הערויסטרעטען, כי הם חיינו וארך ימינו ובהם נהגה יומם ולילה, דיא תורה איז ניט בלאס איין מעדיצין איהר צו געברויכען אין איין טרעפונג פאן איין קראַנקהייט געזונד צו מאַכען, נור איין סם חיים פיר איין שטענדיגע געניססע אין דיא בעסטע געזונדהייט, מען זאל ניט קראַנק ווערען. והיה אם שמוע תשמעו אל מצותי וכו׳, כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך, כי אני ד׳ רופאיך, אלעס, איין פאַמיליע אונד הויז־דאָקטאָר, אין איין שטענדיגע בעזוכונג דיא געזונדע זאלען ניט קראַנק ווערען, אונד וויא דער נביא זאגט אני ד׳ נצרה לרגעים אשקינה פן

יפקוד עליה לילה ויום אצרנה, איך היט איהר טאג אונד נאכט מיט דיא געהעריגע אויפפאססונג זאל קיין שלעכטעס פאָרקאָממען (ישעיהו כ״ז). דרכיה דרכי נועם, גיין אין דיא וועגען צו וויססען דיא פרוכטבאַרע פפלאַנצונגען אונד בלומען, צו שעפען אין זיך זייער אַראָמאטישע דופט, האט נאך מעהר ערקוויקונג אונד ערפרישונג וויא פאן דעם געניססען דיא פרוכט. דעם לערנען דיא דינים ומשפטים פאן דער תורה פאן דיא אלע פערברעכערשע טרעפונגען האט מעהר איהר ווירקונג, אז דיא פערברעכונג זאל ניט פאָרקאָממען אין דער טהאַט, וויא דער למען ישמעון ויראון ולא יזידון לעשות עוד פאן איין פראַקטישע דורכפיהרונג, וכל נתיבותיה שלום, אונד אַלע איהרע שטעגען זיינען פריעדליך. ווען איך זעה דעם שיין אין איין בתי משפט, קרימינאַל אבטהיילונג, נעממט עס אָן איין שרעק, ווייל עס ווערט באַלד פאָרגעשטעלט וואס דאָרטען קאָממט פאָר. אבער אז דוא קאָממסט בייא דיא אבטהיילונג פאן דיני נפשות אין דער תורה, דאַרף דיר קיינע שרעק פאָרקאָממען, ווייל דיא אַבטהיילונג פאן דיני נפשות איז אזוי שלום אונד פריעדליך וויא דיא סיוויל אַבטהיילונג. דיא פערהאַנדלונג פאן דיני נפשות איז אַז עס זאָל ניט פאָרקאממען איין פראַקטישע טהאַט פאן טאַדט־שטראף, אפילו איין מאל אין זיעבציג יאהר, אונד עוויג ניט ווען מען זאל לערנען דיא תורה ריכטיג אונד ערנסט, וויא דיא חכמים האבען דערנאך געזאגט, אז מיר וואָלטען געוועזן אין דיא ב״ד וואָלט קיין טאָדט־שטראַף עוויג געוועזן (גמרא מכות, פרק ראשון). אם ענדע, נור איין איינציגער גאָטט וועלכער איז בשמים

ובארץ, האט געקענט געבען איין איינציגע תורה בארץ מן השמים, פיר איין איינציגע פאָלק וועלכע איז בשמים ובארץ, צו לעבען אויףביידע וועלטען מיט איין עונג ארצי, וואס זאל הארמאָנירען מיט׳ן עונג רוחני לעתיד לבוא, אונד איין נאַציאן אויף דער וועלט פיר וועלכע עס האט געקענט פארגעשריבען ווערען דער גאַנצער געטטליכער טהעארישער פלאַן, פיר איין פינקטליכע דורכפיהרונג אונד איין פראַקטישע ערשיינונג, פאן דעם וואונדערפאללען עוויגען נאציאנאַלע געביידע פאן בית ישראל, פיר איין צענטער אונד קוועללע פיר דיא וואהל אונד פריעדען פיר דיא גאַנצע וועלט אונד מענשהייט, וויא דער נביא שטעללט אונז פאר באחרית הימים נכון יהיה הר בית ד׳. . . ., ונהרו אליו כל הגוים . . ., ואמרו לכו ונעלה אל הר ד׳ אל בית אלהי יעקב ויורינו מדרכיו ונלכה בארחתיו . . ., ושפט בן הגוים והוכיח לעמים רבים . . ., לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה, אז דער תכלית פאן דיא בתי משפט אונד שופטי ומוכיחי בני ישראל איז צו בעשיצען דעם מענשענס לעבען, ושלום על ישראל וכל העמים.

דיא גוטע אונד פראַכטפאָללע היים פאָן דיא שבטי ישראל.

וירא ישראל שכן לשבטיו . . ., ותהי עליו רוח ד' . . ., ויאמר מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל, כנחלים . . ., כגנות . . ., כאהלים, כארזים, עלי מים.

וויא גוט אונד פראכטפאָלל זיינען דיינע געצעלטען יעקב אין דיא אבטהיילונגען פאן דיינע שבטים, וויא שטראָמען, וויא דיא בלומענגאַרטען, וויא צעדערען געפפלאַנצט בייא דיא וואַסערען.

צו האָפפען אויף איין גליקליבען אונד רוהיגען לעבען אין דעם ריכטיגען געדאַנקען, מוז מען אויך זיין דערצו געבאָרען בעגאַבען פאן דער נאטור, זאָוויא צו יעדער טאלענט, וויא צו זיין איין בעריהמטער קינסטלער, ארטיסט, מוזיקאַנט, פאָעט, ליטעראַט, העלד. ווער עס איז ניט געבארען צו זיין איין נאפאליאן, וואשינגטאן, שעקספיר, ראפעל, מענדעלכזאָהן, דער וועט קיין מאל זיין וואס זייא זיינען געווען. אונד ווער עס איז ניט געבארען מיט דעם טאלענט פיר איין שטילען רוהיגען לעבען, דער קען קיין מאל האפפען דארויף, ווייל ער וועט קיין מאל ווינשען אונד שטרעבען דערצו.

דער פנת יקרת, דער פונדאמענט אונד וואורצעל פיר איין גליקליכען, רוהיגען אונד זיסען לעבען, איז דיא ליעבע אונד צובונד צו היים אונד פאמיליע, אונד ליעבע צו דיא וועלט אונד מענשהייט אין אלגעמיין, אונד דיא ליעבע צו היים אונד פאמיליע אונד אהבת האדם והתבל, איז אויך אזא גע־

בארענער טאַלענט אונד כאראקטער, וויא יעדער טאלענט אונד פאך, פאן וועלכע איסנעהמליכקייט אונד בערימהייט, אין אנדערע ווארטען דער העכסט אייגענשאפט אין דער נאַטור איז ליעבע. דיא אהבה איז דער העכסטער אונד ערהאבענסטער גראד פאן פערבאנד אונד פערא‍יינינונג דיא מענשהייט אונד גאָטטהייט. ואהבת את ד׳ אלהיך, וואס דער גראד פאן פערבאנד פאן אהבת ד׳ איז העכער וויא דער פערבאנד פאן יראת ד׳, אונד מיט אזא גראד טאלענט מוז מען זיין בעגאבען פאן דער נאטור.

אלזא, אזוי וויא דער כח ד׳ איז דיא קוועללע פאן יעדער ערהאַבענע אייגענשאפט, וויא דער נביא זאגט, כי בזאת יתהלל המתהלל השכיל וידוע אותי חסד ומשפט צדקה ורחמים, וויא דיא חז״ל ערקלעהרען הדבק במדותיו, מה הוא חנון אף אתה חנון, מה הוא רחום אף אתה רחום וכו׳, אזוי איז אויך דיא אהבת ד׳ דער מקור אונד קוועללע פאן דיא גאנצע עקזיסטענדע ליעבע־קראפט פאן נאטור, פאן אהבת האדם והתבל והמשפחה, אונד וואס נור אהבה פאן איין ערהאבענען אונד אדעלען צוועק, אונד אזוי וויא דיא געזעצע פאן דער נאטור צו ערגרייכען יעדער כח צו איהר העכסטע שטופע, מוז האבען בעפאריגע ענטוויקלונגען דורך פראקטישע סטודירונג אונד איבונג פאן שטאפעל צו שטאפעל, איז דיא ליעבע צו דיא היים אונד פאמיליע אונד וועלט אונד מענשהייט אין כלל. דיא איבונגען אונד ענטוויקלונגען צו דיא ערגרייכונג דיא העכסטע שטופע פאן אהבה צו אהבת ד׳ וויא דיא חז״ל לערנען אונז אין פרקי אבות, כל שרוח הבריות

נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו, וכל שאין רוח הבריות וכו׳, ביזט דוא אין איין ליעבליכען אונד פריעדליכען פער־באנד מיט דיא וועלט אונד מענשהייט, דאנן ביזט אין איין פערבאַנד פאַן אהבת ד׳. האסט דוא קיין ליעבע אונד פער־באנד מיט דיא וועלט, קענסט מיט גאטט קיין פריינדליכע אונד פריעדליכע פערבאַנד האבען.

אזוי איז דיא אהבה בת השמים אין איין צירקולירענדע שטראָמונג פאַן דיא קוועלע אין דיא אירדישע נחלים, קאנאלס אונד פאָנטאנס פאַן אהבה טהורה צו דיא היים, משפחה, וועלט אונד מענשהייט, אונד פאַן דיא נחלים צוריק אין דיא קוועלע פאַן אהבת ד׳, מיט איין שטענדיגע שטראָמונג, וואס דיא אהבה איז דיא נשמה פאַן דיא וועלט, אונד איהר זים־קייט מיט דיא צירקולירענדע פעראייניגונג מיט דעם כח אונד צענטער אונד קוועלע הנתן נשמה לכל חי. דיא פאָלק אדער איין פרט וועלכער וועלכע האבען קיינע ליעבע קאַנאַלס אונד פאנטאנס, וואָ דיא ליעבע זאָלען אין זייא שטראָמען אונד צירקולירען, דיא קענען אויף קיין גליקליכע אונד זיסע עקזיסטענץ האפפען, אונד עס איז נאך ניט דא נאך אזא נאַ־ציאָן מיט אזא היים־ליעבענדע בעגאבענהייט פאַן נאטור, אונד מיט פראַקטישע איבונגען אונד ענטוויקלונגען וויא דיא בני אברהם, וועלכער זאמען אונד וואורצעל פאַן דיא איגענשאַפט איז געפרופט געווארען מיט דיא גרעסטע פרוף אונד איבער־ציינונג, וויא מיר האבען אין וייטערע פרקים.

אלזא, כל מקום שאתה מוצא, ווא דוא געפינסט דער־מאַנט וועלכע הבטחה אונד ברכה פאַן דעם גליק פאַן דיא

נאַציאָן אין כלל צו אין פרט, אדער וועלכע אזהרה אין דעם מקיים זיין דיא תורה ככל הכתוב בה. שם אתה מוצא, גע־פינסט דוא בעצייכנונג פאן דיא היים בצידה, כי ברך יברכך ד׳ בארץ אשר ד׳ אלהיך נותן לך נחלה לרשתה בכל מעשיך ובכל משלח ידיך, אשר אנכי מצוך היום לאהבה את ד׳ אלהיך ללכת בדרכיו ולשמור מצותיו וחקתיו ומשפטיו, וחיית ורבית יברכך ד׳ אלהיך אשר אתה בה שמה לרשתה, ווייל אין דיא היים ביי׳ן כלל אדער ביי׳ן פרט, איז ניט דא אין נאַ־טור וואס זאל קייפען ריכטיגע גליק, אונד קיין פלאַטץ איז דא אין דער וועלט וועלכע זאל האבען דיא אלע מעלות אונד פרינציפען פאן איין ריכטיגע היים, צו פערשאפען דיא ריכטי־גע רוהיגע אונד גליקליכע עונג ארצי זאל האַרמאָנירען מיט׳ן עונג רוחני, וויא דיא בעצייכענטע לאַנד, וויא מיר וועלען ווייטער זעהן, וויא דיא חז״ל זאגען איין הברכה שירה אלא בארץ, ווייל זיא איז דיא ריכטיגע היים, אונד איין ריכטיגע ברכה קען ניט זיין אָהנע ברכת הבית.

איין היים וועלכע זאל אנגערופען ווערען אין איהר ריכ־טיגען גערדאַנקען, מוז האבען דיא צוויא הויפט תנאים: 1) זעלבסט הערשונג אונד זעלבסט קאנטראלינג, צו זיין איין אב־זאָלוט פרייער בעל הבית, זיך צו רעגיערען פרייא נאך זיינע איננערליכע געפיהלען, ווינשע אונד עמפפינדונגען. ווען ער זאל האבען וועלכע אויסערליכע קאָנטראָל אין זיין הויז אונד בעוועגונגען, הייסט שאן קיין ריכטיגע היים. 2) דער פלאַטץ אונד גרענעץ פאן זיין היים מוז זיין געבויט מיט דעם פלאַן אונד פאַרם, אונד האבען אין זיך אַלע מעלות נאך זיינע

ווינשע אונד געפיהלען זייא פאלקאם דורכצופיהרען. מיט איינעם ווארט, היים מיינט פרייע בעוועגונגען אונד געוויססע מעלות נאך זיינע געוויססע געפיהלען, אונד אהנע דיא צווייא תנאים איז קיין פאלקאמע היים.

קיין פרט קען דורכפיהרען זיין עקזיסטענץ צו ערגרייכען זיינע אלע פאדערונגען אהנע געזעלשאפטליכע פערבאנד אונד געזעלשאפטליכע הילפע איינע צו דיא אנדערע. אלזא איין פרט מוז האבען איין כלל, אונד איין כלל איז איין צוזאמענשטעלונג פאן פיעל פרטים צו איין גאנצע אלגעמיינליכע קערפערשאפט. קיין כלל אדער אלגעמיין אין זיין ריכטיגען זינען, אז דער כלל זאל בריינגען זיינע געזעלשאפטליכע נוצען אונד הילפע איינע צו דיא אנדערע, קען אנדערס ניט אנגערופען ווערען, ווא יעדער פרט זאל זיין אין איין אלגעמיינע בעשטימונג אונד בעשליעסונג פאן געוויססע טערמס אונד תנאים, ווען ניט הייסט עס קיין כלל, נור איין מיינגע אדער פערזאמלונג פאן בעזאנדערע פערשיעדענע פרטים, וויא איין קבוץ פאן וועלכע אבגעזאנדערטע געגענשטענדע פאן דוממים. דיעזע אלגעמיינע בעשטימונגען אונד בעשליעסונגען זיינען דיא תקנות אונד געזעצע אונד ארגאניזאציאנען אין וועלכע אלע פרטים זיינען בעשלאסען אונד פערפפליכטעט זייא אבצוהיטען אונד זייא ניט איבערצוטרעטען אדער צו ענדערען אהנע דיא איינשטימונג פאן דיא גאנצע געזעלשאפטליכע קערפערשאפט, וועלכע תקנות זיינען פארגעשריעבען אין איין ספר החוקים פיר אלעמען גלייך.

דער געזעלשאפטליכער קערפערשאפט אדער כלל איז

אבער איין צוזאמענשטעלונג פאן פיעלע פערשיעדענע דענקונגען, אידעען, כאראקטער, בעוועגונגען, שטרעבונגען אונד צוועקען, וואס דער אלגעמיינער בעשטימליכער פערבאנד פאן דיא געזעצע אין דיא פערפפליכטונג פאן יעדערען איינצעלנדען, מוז אנגרייפען אונד טהיילענווייס דיא פריוואט אינטערעסען אונד פערזענליכע פרייהייט פאן יעדערען פרט, אונד מוז אין טהיילענווייס זיין קאנטראלירט אונד בעגרענצט אין זיינע פרייע ווינשע אונד בעוועגונגען, אונד אם ענדע שאן אויף קיינער וועג איין פאלקאמע פרייע היים.

נור איין נאציאנאלנע אונד געזעלשאפטליכע קערפערשאפט אויף דער וועלט, דיא עם בני ישראל, וועלכע האט איין פערפעקט היים, אום ניט צו זיין אין עטוואס געשטערט פאן דיא אלגעמיינע נאציאנאלנע געזעלשאפטליכע פערבאנד אונד איהרע פערזעהנליכע פרייהייט, פאןביידע שטאנדפונקטען, פאן דעם שטאנדפונקט פאן דיא גלייכהייט פאן פאלק וועלכע זיינען איין ממלכת כהנים וגוי קדוש, פאן איין ראסע, רעליגיאן, נאציאנאליטעט, וואס אב אחד לכולם, פאן איין פאטער אונד מוטער געבארען, מיט דיא זעלבע כאראקטער, ארט, דענקונגען, אידעען, שטרעבונגען, צוועקען, אונד פאן דעם שטאנדפונקט פאן דיא געזעצע, וועלכע איז געגעבען פאן איין אלהי הרוחות לכל בשר (רש״י), גלוי לפניך דעתו של כל אחד ואחד ואינן דומין זה לזה (בתכלית השווי והדמיון) מנה עליהם מנהיג שיהא סובל כל אחד ואחד לפי דעתו, צו געבען איין אלגעמיינע פערבאנדליכע געזעצע זאל שטימען מיט דיא ווינשע פאן יעדערען איינצעלנדען מיט זיינע

איננערליכע געפיהלען בפרטי פרטיות, צו האבען אונטער דעם אלגעמיינעם פערבאנד איין פאלקאממע פערזעהנליכע פרייהייט אונד איין פרייע פריעדליכע היים וויא פיר היים ליע־בענדע כאראקטערע.

אם ענדע, צו דיא בעפאָריגע שטאנדפונקטען פאן גע־בורט, דענקונגען אונד געזעצע. דער דריטער פונקט וועל־כער איז שקול כנגד כולם, אין דעם פרינציפּ אונד צוועק פאן איין פריעדליכע אונד רוהיגע היים, נעמליך, דיא האַרמאָ־נישע פעראייניגונג אין דיא קאָמיוניטי, דיא נאטירליכע פריינדליכקייט אונד נייגונגען איינע צו דיא אנדערע אין זייערע פערזעהנליכע פערטראגונגען אונד בענעהמונגען, וועלכער פונקט בעשטעהט אין דעם פלאן אונד ארדער אין דיא אב־טהיילונגען פאן זייער לאנדשאפטליכע וואהנונגען.

דער מאַנגעל פאן דיא אלגעמיינע געזעצע פערפפליכ־טונגען אין דעם שטערונג פאן פערזעהנליכע פרייהייט האט געלאסטעט אויף יעדער פרט אונד יעדער צייט, מימות עולם, פאן דיא ערשטע גרינדונג פאן עם וממשלה, ביז דיא פרשה ואתה תחזה אונד שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך . . . לשבטיך, רש"י, לשבטיך מלמד שמושיבין דיינים לכל שבט ושבט ולכל עיר ועיר, פיר איין איינפיהרונג פאן רעגיערונגען אונד לאנד אבטהיילונגען פאן גבוה מעל גבוה, וגבוה על כולם, איינע אין דיא אנדערע, פלכים אונד דיא לאנד שערים אדער ערים, אונד דיא פלכים, כפרים אין דיא ערים, אדער פראווינצעס אין דיא לאנד, שטעהט אין דיא פראווינצעס, דיסטריקטס אין דיא שטאאטס אונד נאך זאלכע אבטהיילונגען,

וואס יעדער אבטהיילונג האט אליך אין טהיילוויים געמאַכט פרייער פאן דיא אַלגעמיינע פפליכטען, דיא פראווינץ אין איהרע אבטהיילונג פאן דיא גאנצע לאנד, בעפרייט אין טהיילוויים פאן דיא נאציאנאלע געזעצע אונד פפליכטען, דיא שטעדט פאן דיא פראווינצעם פפליכטען, דער דיסטריקט פאן דיא שטאדט, אונד וואס איין אבטהיילונג מעהר, אליך מעהר פערזעהנליכע אונד היים פרייהייט, יעדער לאנד נאך איהרע קאָנסטיטוציאנאלע ליבעראלע פרינציפען פאן פרייהייט אונד ליבערטי.

דאס האט פיעל געטהאן פיר דיא פערזעהנליכע פריי־הייט, אבער נאך גאנץ ווייט צו דיא ערגרייכונג פאן איהר העכסטע שטאפעל, צו געניססען דיא ריכטיגע היים פריידהייט, וויא דיא דיפלאָמאַטישע חכמים יודעי העתים האבען ער־קלעהרט, להיות כל איש שרר בביתו, יעדער מענש זאל זיין איין אונבעגרענצטער הערשער אין זיין הויז, אונד אונטער־דעססען ומדבר כלשון עמו, זיין אונטער דעם אלגעמיינעם נאציאנאלנעם פערבאנד, אונד דער פערבאנד מיט דיא היים־פרייהייט זאלען זיין אין איין ריכטיגע האַרמאָניע, דאס איז נאך ניט געוועזן אונטער דיא זון אונד דאס וועט עוויג ניט זיין, ווייל דער העכסטער היים שטאפעל איז דיא האַרמאָנישע פריינד־ליכקייט אונד נייגונגען איינע צו דיא אנדערע אין דיא קאָמיוני־טי, אונד דאס מוז שאן זיין אין דער נאטור, געבארען אונד געפפלאַנצט פאן ערשטען אורשפרונג, אז דיא לאנד־אבטהיי־לונגען פאן גרעססער צו קלענער זאלען זיין זו לפנים מזו, איינע אינסייד דיא אַנדערע, אונד אליך איין פפלאנצונג הערוים

געוואכסען איינע פאן דיא אַנדערע, דער שטאַם פאן וואָרצעל, דיא גראָססע צווייגען פאן שטאַם, דיא קליינע צווייגעלעך פאן דיא גראָססע צווייגען, דיא בלעטעלאך וועלכע האַלטען פערזאַמעלט אין זיך דיא זאַפט, דיא נעכסטע האנד צו דלי ווערען צו דיא פרוכט אויף דיא קליינע צווייגעלעך, אונד אם ענדע דיא פרוכט בראש אמיר אויף'ן הויפט פאן דיא צווייגען, אין וועלכע עס ווערט דעליווערט אונד פערזאַמעלט דיא גאַנצע זאַפט אונד זיעסקייט פאן גאַנצען בוים, פאן וואָרצעל, שטאַם אונד צווייגען, פיר דיא פאָרטרעפליכע געניססע, אונד וויא איין בלומענגאַרטען, וואס יעדער בלום מוז זיין געפפלאַנצט מיט איין געוויססען פינקטליכען אָרדער פאן איין טיעפע באַטאַנישע וויסענשאפט אין בעזאָנדערע בייטען, אונד יעדער מין בלומען אין איין בעזאָנדערע ערוגה, אונד מיט איין שאַרפע אויסרעכנונג אונד אבמעססטונג דיא וויטקייט יעדערען בלום איינע פאן דיא אנדערע, דיא וואָרצלען זאָלען ניט זויגען איינע פאן דיא אנדערע אונד זיין פערמישט אין זייערע זאַפט אונד פערפיום, אום יעדער בלום זאל בלייבען בייא זיין נאַטירליכען אַראָמאַט.

אזא נאציאָנאַלנע פפלאַנצונג, אזא נאציאנאלנע לאנדשאַפט, איז מעהר ניט וויא איינע אונטער דיא זון, דאס איז דער כרם ישראל פאן הבאים ישרש יעקב יציץ ופרח ישראל ומלאו פני תבל תנובה, וועלכע לאנד אבטהיילונגען איז געפפלאַנצט מיט דעם אגריקולטור אונד באָטאַנישען סיסטעם, פאן וואָרצעל דיא שבעים נפש הבאים מצרימה, ביז דיא צווייגען אונד פרוכט אן דער הויפט, פאן לשבטיהם, לנחלתיהם

למשפחתיהם לבית אבותם. דיא שבטים אבטהיילונגען פאן דיא גאנצע נאציאנאַלע קערפערשאפט, וואס דיא שבטים צווישען זיך האבען מעהר נאַטירליכע האַרמאָנישע נייגונגען איינע צו דיא אַנדערע וויא מיט איין אנדער שבט. דיא משפחות אונד נחלות אבטהיילונגען פאן דיא שבטים, וואס דיא משפחות האבען שאן איין גראַד מעהר נייגונגען איינע צו דיא אַנדערע וויא צו אנדערע משפחות פאן איין אנדער שבט, אונד וואס מיט איין אבטהיילונג ווייטער אלץ מעחר דער פראָגרעסס אונד נאַטירליכע פריינדליכקייט אונד נייגונגען איינע צו דיא אַנדערע אין זייער פערזעהנליכע פערטראַגונגען, אונד אם ענדע דיא בתי אבות, דיא הויז פאַטערס, מיט זיין פאַמיליע פאן פאטער, מוטער אונד קינדער. דיא היים אב-טהיילונג אן דער הויפט אדער צענטער, וועלכער פערזאַמ-עלט אין זיך דיא גאנצע זיעסקייט פאן האַרמאָניע אונד פריי-הייט פאן דיא גאַנצע נאַציאָנאַלע לאַנדס-פפלאַנצונג פיר איין פריעדליכע אונד גליקליכע עקזיסטענץ וואס גליק אונד זיעס-קייט הייסט אין לעבען. אם ענדע, דיא פפלאַנצונג פאן יעדע איינציגע היים אין דעם גאַנצען נאַציאנאל גארטען, אַלעס יעדען בלום אין זיין בעזאָנדערהייט אין דעם בלומען-גאַרטען, מיט איין געוויססע אבמעססענהייט דיא וויטקייט איינע פאן דיא אנדערע, מיט איין געוויססען שאַרף אויסגערעכענטען פלאַן יעדער פענסטער, יעדער טיהר פאן יעדער היים, עס זאל קיין פרעמדע אויג העריין בליקען אונד הערייננמישען אין זיין היים אום ניט צו שטערען זיינע נאטירליכע היים-פרייהייט, צו גע-ניססען איהר פאַללע נאַטירליכע זיסקייט, וויא דיא פפלאַנצענ-

דע בעזאַנדערהײט פאָן יעדער מין בלום אונד גארטען. דיא אראמאַט פאן איין בלום זאל ניט פערמישט ווערען אין דעם מין פאן דעם אנדערען בלום, יעדער בלום זאל בלײבען בײא זײן נאטירליכע זיעסקײט אונד אראמאַט פאן זײן מין.

וישא את עיניו וירא את ישראל שוכן לשבטיו, שראה פתחיהם שאינן מכוונים זו מול זו (רש״י), ותהי עליו רוח אלהים, דיא הערליכע פאראדיזישע לאנדשאפט װעלכע עס האט ערשײנט פיר זײנע אויגען, האט איהם אבגעריסען פאן דיא גאַנצע אירדישע נאַטור אונד איהר שעהנהײט, אונד איהם פערשוואומען אונד פערטיעפט אין גײסטליכע אונד געטטליכע זעהונגען אונד פארשטעלונגען, אונד אין דיא שוועבענדע גײסטליכקײט האט ער אויסגערופען, מה טובו אהליך יעקב משכנתיך ישראל, וויא גוט אונד פראכטפאלל זײנען דײנע געצעלטען יעקב, אונד דײנע װאָהנונגען אין זײער אבטהײלונגען ישראל. דאס איז קײן אירדישע פלאן אונד סיסטעם אונד אירדישע שעהנהײט. כל עם ולשון ומדינה האבען זײערע לאַנד=אבטהײלונג סיסטעם פיר הײם=רול אונד הײם=פרײהײט, אבער ניט לשבטיו, אלץ אין דער פלאן פאן בירגערליכע געזעצליכע שטאַנדפונקט, אונד דיא געזעל=שאַפטליכע אבטהײלונג, סיסטעם אונד פראגרעס, האט דיא מינדעסטע געטהאן פיר קאָמיונישע נאטירליכע האַרמאָניע פיר נעהנטערונגען אונד נײגונגען, פערזעהנליכע פערטראגונג-ען אײנע צו דיא אנדערע, אונד אם ענדע צו איין ריכטיגע, גוטע, פרײע הײם. דיא אײנוואָהנער פאן דיא פראָווינץ זײנ=ען אזוי פרעמד אײנע צו דיא אנדערע וויא מיט דיא אײנוואָהנ=

נער פאן איין אנדער פראָווינץ, אונד דיא זעלבע מיט דיא שטעדט אונד קלענערע אבטהיילונגען. דיא איינוואָהנער פאן דיא קלענסטע כפר זיינען אזוי פרעמד וויא מיט דיא גאַנ־צע נאַציאָן, אונד אם ענדע דעם שאַרפען, טיעפען פלאַן פאן יעדער היים, עס זאל ניט זיין געשטערט דיא נאַטירליכע היים־פרייהייט, ניט זא פאן איין קאָנטראָל פאן וועלכע צוואַנג אדער מאַכט, אדער וועלכע וואָרט, אויך ניט פאן איין אויגענבליק.

דיא שעהנהייט פאַרצושטעלען מיט וועלכע מאָדעל שעהנהייט פאן דער נאַטור, קען מעהר ניט זיין וויא לשבר את האזן, וויא ווייט דעם מענשענס פאנטאזיע קען בעגרייפען וויא דיא מאָדעל פאן נאטור מיט וועלכע עס איז פארגע־שטעלט געווארען דיא קראַפט פאן גאָטטהייט, קול ד׳ בכח, קול ד׳ שבר ארזים, וישבר את ארזי הלבנון, אבער קיינע דמיון אונד מחשבה תפיסה כלל אין דער טהאַט, מעהר ניט וויא דיא העכסטע וואס איין מענש קען הערוים ברייננגען מיט זיינע קערפערליכע געפיהלען, פארצושטעלען פאן יעדער שעהנסטע אונד מעכטיגסטע נאַטור געגענשטענדע, דיא קריסטאַלענע בעוועגליכע שעהנסטע אונד קרעפטיגסטע שטראָמע אין דוממים, אונד פאן דיא אַדעלסטע בלום ביז דעם מעכטיגסטען צעדער אין צמחים, אונד אם ענדע וויא דער גן עדן. כנחלים נטיו, וויא שטראָמס וועלכע שטראָמען אוים איינע פאן דיא אנדערע, אונד שטראמען איין כגנות עלי נהר כאהלים נטע ד׳, רש״י: כאהלים כתרגומו לשון מור ואהלות, נטע ד׳ בגן עדן, מצינו נטוע באהלים ויטע אהל

אפדנו, כארזים עלי מים, תרגום, כנחלין דמידברין כגנת שקיה דעל פרת כבוסמיה דנציב ד׳ כארזין דנציב עלמיה.

אם ענדע, דעם פיערטען שטאַנדפוקט, דיא מעלות וועל־בע איז אין דיא לאַנד פאן פרוכטבארקייט, מינעראלס, קליים, צענטער, מעססינקייט, אלעס וואס עס איז אנבעלאַנג צו איין פאָלקאָממע זעלבסטשטענדיגע אונבעשרענקטע היים־פריי־הייט דורכצופיהרען, אָהנע מינדעסטע אבהענגיגקייט אַן ווע־מען, אין אלע פאָרדערונגען, ארץ זבת חלב ודבש, ארץ חטה ושעורה וגפן ורמון ותאנה, ארץ הרים וגבעות אשר מהרריה תחצוב נחושת וברזל, ארץ אשר לא ממטר השמים תזריע זרעך, ארץ אשר לא במסכנות תאכל לחם, ארץ אשר לא תחסר כל בה, אונד צו דיא אלע מאַטעריאלישע מעלות איז וכתר שם טוב עולה על כלנה, דער שטאַנדפונקט פאן דיא גייסטליכ־קייט, דער העכסטער גבול פאן דיא וועלט ארץ ישראל גבוה מכל ארצות, אונד דער צענטראל פאן דיא וועלט פיר דעם צוועק. ונהרו אליו כל הגוים . . . ויורנו מדרכיו ונלכה באורחותיו, כי מציון תצא תורה ודבר ד׳ מרושלים. דיא אלע מעלות פאן איין פרייע היים וועלכע קען קיין אַנדערע זיין, וויא דיא ציון המצוינת בית הבחירה, נוה שאנן, כללת יופי, סכת שלם, רצוף אהבה, שכנת כבודיך, אלע מעלות פאן איין היים פיר דיא היים־ליעבענדע נאציאן.

דיא נאַציאָנאַלע מאַכט פאָן דיא בני ישראל איז זייער פרייע היים.

ויתהלכו משם בני ישראל בעת ההיא איש לשבטו ולמשפחתו, ויצאו משם איש לנחלתו, בימים ההם אין מלך בישראל, איש כל הישר בעיניו יעשה.
שופטים.

אין דיא צייטען האבען דיא בני ישראל געהאט קיין קעניג פיר איין נאציאנאל אונד אינטערנאציאנאל פערבאנד, אונד יעדער האט גענאָססען זיין אונבעגרענצטע פרייהייט אין זיין היים.

מיר וועלען זעהן צו זיינען מיר קיין נאציאן, צו בעזיצען מיר קיין נאציאנאלע מאכט, ווייל מיר האבען קיין לאנד, קעניג, רעגיערונג, מיליטער וואָפען, קריעגס העלדען, אוצרות, דיפלאָמאַטישע נאציאנאלע אונד אינטערנאציאנאלע געזעצע, וויא כל העמים, מיט איינעם וואָרטע, ווייל מיר האבען קיין פאך ארדער, פערבאנד, פרינציפ, פאן וועלכע פרינציפען אין דעם געדאַנק פאן נאַציאנאליטעט.

אין אנדערע וואָרטען, איין קאָמיוניטי וועלכע בעזיצען איינינע גבול'ן, טעררישאָריעס, קאָלאָניעס, זאלען זיך פיהרען זייער לעבען לחלוטין זעלבסטשטענדיג, אָהנע דיא מינדעסטע אבהענגיגקייט, אונד דעם פרייעסטען פריוואַט לעבען אָהנע קאָנטראל פאן וועלכע איבערמאַכט פאן מושל, נשיא, שר ושופט, אָהנע וועלכע פאליטישע געזעצע, אבגעזאנדערט פאן יעדער פאלק אונד לאַנד, לחלוטין דבר אין להם עם האדם, קיינע דיפלאָמאַטישע נאציאנאלע אונד אינטערנאַציאנאלע

פערבאנד, קיינע חיל, כלי מלחמה, פעסטונגען, אוצרות, אונד זא ווייטער, איז וויא פרייא אונד אונאבהענגיג זיא זאל לעבען, הייסט זיא אויף קיינער וועג אונד פאך נאציאָן אדער נאציאָנ= אלנע מאכט, נור איין קאָמיונישע גרופע אדער ארגאניזאַציאָן, אונד איז אין דער טהאַט קיין מאַכט אונד נאציאָן.

זיא לעבט זיך רוהיג אונד זעלבסטשטענדיג, וויל מען לאזט איהר צו רוהע. לאז וועלכע מאַכט וועלען שטערען איהר רוהע איז זיא אונבעשיצט אונד איהר רוהע געשטערט. זיא לעבט זיך רוהיג אונד מען שטערט איהר ניט, וויל דבר אין להם מיט דיא אויטסיידיגע וועלט. זיא פאָדערט קיין זאך פאן יעמאַנדען, אונד קיינער פאן איהר. זיא שטרעבט צו קיין זאך אונד קימערט זיך פיר קיין זאך וואס נור אויטסייד פאן איהר צירקעל. זיא שטעהט פיר קיינעם אונד קיין זאך פאָר. זיא זוכט קיינע רעכטע פאן יעמאַנדען ניט פיר זיך ניט פיר איין אַנדערען. זיא זוכט ניט איהר פראגרעסס חוץ איהר גבול, נור זיך לעבען רוהיג, שטיל אונד אונאבהענגיג אין איהר קרייז. זאל זיא וועלען נעהמען וועלכע אונטערנעה= מונג אונד בעוועגונג אין דיא אלע נאציאנאלע בעוועגונגען אונד פראָגרעס דורכצופיהרען וואס זאל דארפען דורכברעכען וועלכע געגנונגען איז זכור מלחמה ולא תוסיף, וועט איהר באַלד פאַרקאמען מיט וואס עם האנדעלט זיך וועלכע שטריי= טינקייטען זיא וועט מוזען דורכמאַכען, אונד וועט באַלד איהרע בעשליססע אבגעבען, ניט בלאָז וויל זיא פיהלט זיך אונמעכטיג, אונד צו זיין פאן דיא געגנונג אונד שטרייטינקייט= ען בעזיענט אום איהרע בעשליססע צו ערגרייכען. נור וויל

זייא זיינען קיין בעלי מלחמה אין נאַטור, אונד רוהיגע כאַראַקטערע, ניט צו שטרייטען ווען זייא וואלטען אפילו האבען דיא גרעסטע אויסזיכטע פיר איין נצחון, וויא מיר זעהען איין פאַקט, פיעלע לאזען געהן פערלאָרען כמעט וויא זיכערע געוואונענע תבעות, נור ווייל זייא ווילען קיין משפטים האבען, אונד זייער רוהיגע כאַראַקטערע קענען קיין משפטים דולדען.

היינט וועלען מיר נעהמען צווייא פעריאדען זה לעומת זה, דיא געגענווערטיגע פאן אונזער צענטיורי. איין פעריאד וואס כל היקום דיא גאנצע מענשהייט על פני הארץ ווערען רעגיערט אונד קאנטראלירט דורך מלכים ושרים ונשאים, געשיצט אונטער דיא גוואַלטיגסטע מאַכט פאן מיליטער, וואַפען, פעסטונגען אונד אוצרות, אָרגאַניזירט מיט דיא שטרענגסטע רולס פאן פאָליטישע אונד דיפלאָמאַטישע פערבאַנדס פאן נאַציאָנאַלע אונד אינטערנאַציאָנאַלע אדער אינערליכע אונד אויסערליכע פאליטישע דיפלאָמאַטישע רולס, אונד איין היסטאָרישען פעריאָד פאן איין גרופע קאלאניעס וועלכע האבען געפיהרט איין פריוואַט, רוהיגען אונד פרייען שטילען לעבען אין זייער קרייז אונד היימאַטהען. מיר וועלען זעהן וועלכע פעריאָד פאן דיא צווייא האט אין זיך מעהר נאַציאָנאַליטעט אונד נאציאנאלנע מאַכט, פאליטיק אונד דיפלאָמאַטיע. צו דיא ריעזענמעכטע פאן אונזער דור אונד פעריאד, צו דיא פרייע פריעדליכע קאָלאָניסטען אונד רוהיגע היים בעזיצער פאן דיא היסטאָרישע פעריאד.

דער רוב בנין ומנין אונד דער גאנצער כח וגבורה פאַן דיא נאציאנאלנע מאכט, פאן מיליטער וואפען, פעסטונגען,

אוצרות, קריעגס־קונסט אונד דיא גאנצע נאציאנאלע דיפלאָ־
מאַטיע, איז בלאז פיר דיא בעשיצונג דיא אינטערנאציאָנאל
רולס אדער דיא אויסערליכע אינטערעסען אונד אויסערליכע
אנגעלעגענהייטען. פיר דיא נאַציאנאַלע איננערליכע אינטע־
רעסען אונד אנגעלעגענהייטען איז דיא גאנצע מאכט לחלוטין
איבריג, פאן דיא וויכטיגסטע פונקטען אונטער דיא אינטער־
נאציאנאַלע געזעצע, איז אז קיין מאַכט האט דיא רעכט זיך
הערייגצומישען אין דיא איננערליכע לאַנד־אנגעלעגענהייטען
אונד אינטערעסען פאן איין אנדער מאַכט, זאָלאַנג דיא פאָלי־
טיק פאן דיא מאַכט גרייפט ניט אן דיא אלגעמיינע אינטער־
נאציאנאלע אנגעלעגענהייטען, אונד זא וויא דער דור דעה
פאן אונזער פעריאד בעשטעטיגט צו האבען ערגרייכט דיא
העכסטע שטופע פאן ציוויליזאציאן, ובשום הציוויליזאציאן
יתימרו, וואס דיא הויפט שטרעבונגען, בעוועגונגען אונד ציעל
פאן יעדער נאציאן מיט איהר פאליטיק אונד מאַכט איז אין
דעם נאמען פאן ציוויליזאציאן אונד פראגרעס, אונד ניט איין
מאל האבען זיך שאן ערקלעהרט דייטליך מיט זייערע מעכ־
טיגע אונד שרעקליכע מלחמות צו זיין אגענטען פיר דיא
מענשהייט אונד איהרע רעכטע אונד ציוויליזאציאן אין אלגע־
מיין, אונד אונטער וועלכע מעכטע זא וויא אונזער מאַכט
בפרט, אונד אנגלאָ־סאַקסאָן אין אלגעמיין, האבען שאן גע־
וויזען איין פראקטישען הערליכען ביישפיעל, וועלכע בלייבט
פיר איין עווינע אונשטערבליכע שטאָלץ. אלזא איז דיא אנ־
גריף אויף דיא ציוויליזאציאן אונד הומאַניטי געווארען איין
אינטערנאציאנאלע פראגע אז דיא וועלט מעכטע זאלען ניט

נור האבען דיא רעכטע דארויף, זאנדערן איין פפליכט אז יעדער נאציאנאלנע מאַכט זאל נעהמען אנטהייל אין צו־שטערען וועלכע עפפעקט אונד אנגריף אויף דיא אלגעמיינע ציוויליזאציאן אונד הומאַניטי.

אלזא בלייבט אונז צו נעהמען אין בעטראכט, וואס הייסט איננערליכע אונד אויסערליכע אנגעלעגענהייטען ? אונד וועלכע נאציאנאלנע אונאָרדנונגס אין איהר ריכטיגען זינען, וואס דיא אינטערנאציאנאל זאל האבען אדער ניט האבען דיא רעכט אנטהייל צו נעהמען, אין דיא פאך, גראד אונד כאַ־ראקטער פאן איין ציוויליזאַציאָן אנגריף, זיא זאל ווערען איין פאלקאמע אינטערנאציאנאלע פראגע, אז דיא אינטערנאציאנ־אלע מאכט זאל טהאן איהר פפליכט אין דעם נאמען וואס זיא קליימט דעם אַנגריף צו שטערען.

דיא נאַציאָנאַלע אונד אינטער=נאַציאָנאַלע געזעצע.

והיה כל הרואה ואמר לא נהיתה ולא נראתה כזאת, . . . שימו לכם אליה עצו ודברו.

שופטים י״ט.

דיא וואס האבען דאס געזעהן האבען בעשטעטיגט אז אזא קריים איז ניט געוועזן אונד געזעהן, נעהמט זיך אין אכט דארויף מיט טהאט אונד ראטה.

יעדער יוצא מן הטבע אדער שנוי הטבע, יעדער ענדערונג אין דער נאטור, איז אויך איין נאַטור געזעצע וויא דיא רעגעלע נאַטור. דיא טרעפענדע אונד געענדערטע נאטור ערשיינונגען זיינען אויך איין בריא וויא דיא רעגעלע נאַטור, מיט דעם אונטערשיעד, דיא רעגעלע אין שטענדיגקייט, אונד דיא ענדערונג אונד טראַף אין זעלטענהייט, אבער דיא זעלטענע ענדערונג איז ניט הערויס פאן דיא נאטור געזעצע. דיא דיא רעגעלע אונד ווירקליכע נאטור האט אין זיך איין כח פיר איין טרעפענדע ענדערונג אויסברעכונג בפעל, אהנע וועלכע בעשטימונג פאן איין זמן מהזמנים. עס קען זיין אז דיא אויסברעכונג זאל טרעפען איין מאל אין עוויג. מיט איינעם וואָרטע, וואס נור כח הטבע ובריא, נאטור=קראַפט אונד בעשאפונג, מוז האבען אין זיך איין כח השנוי, איין קראפט פאן טרעפליכע ענדערונגען. איין כח איז וואס האט אין זיך קיין ענדערונג, בפעל אדער בכח, דער כח וואס איז קיין בריא, דיא גאָטטהייט. אבער וואס נור איין בריא אין טבע, מוז

האבען אין זיך איין כח השנוי, אונד דער כח השנוי אין איהר אויסברעכונג בפעל, איז אונטער דיא קאנטראל פאן דיא מענשהייט וויא מיר וועלען ווייטער ריידען.

מפי עליון לא תצא הרעות והטובות, קיינע שלעכטע בע־שאפונגען איז הערוים אין דער טהאט אונד ווירקליכקייט פאן גאטטעס מויל, זא וויא עס איז ניט הערויסגעגאנגען מפי עליון אור וחושך, נור יהי אור, אבער ניט יהי חושך, אבוואהל מיר זעהן חושך אין ווירקליכקייט וויא אור, אבוואהל מיר זאגען יוצר אור ובורא חושך, אבער דיא בריה פאן חושך איז ניט הערוים מפי ד׳ נור דיא יצירה פאן אור, ווייל אין גאטטהייט איז דא קיין ענדערונג בפעל, פאן גוט אויף שלעכט. וכל מאמינים שהוא טוב ומטיב לרעים ולטובים, פאן דעם שלעכ־טען ווערט קיין מאל דיא זון פערשטעלט ווען זיא לייכט פיר דעם גוטען, אונד דיא שלעכטע עלעמענטס ערהאלטען נאך דיא גוטעס דיא ערשטע, ווייל זייא קאממען בעפאר דיא גוטע ערשיינען. כי יצר לב האדם רע מנעוריו, וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד, וואס נור געמאכט אין איין טהעטישע ווירקליכקייט, איז דורכאויס גוט. דיא שלעכטעס וואס עס איז בעשאפען איז נור בכח אונד ניט בפעל, אונד דארף ניט אויסברעכען בפעל ווען דער מענש זאל זיין גוט פארזיכטיג. אלזא קיין מענש האט זיך צו בעקלאגען אז גאטט האט פיר איהם בעשאפען שלעכטעס, מה יתאונן אדם, אויף וואס האט זיך דער מענש צו בעקלאגען, חי וואס ער איז איין מרגיש אונד גבר, וועלכער איז מעכטיג צו קאנ־טראלירען זיינע הרגשות, על חטאיו אויף זיינע שלעכטע בע־

נעהמונגען, וועלכע זיינען דיא אורזאכע צו ברייגגען דיא שנוי הטבע בכח אונד אויסברעכונג בפעל. אבער גאטט בע־שאפט קיין שלעכטעס אין דער טהאט.

ואם בריאה יברא ד׳, רש״י, בריאה חדשה, איז דיא בע־שאפונג פאן דיא נייעס ניט דיא עפפענונג פאן דיא פי הארץ, ניט בכח אונד ניט בפעל. דער כח השנוי פאן פי הארץ איז געווען בעשאַפען אין דיא ששת ימי המעשה בין השמשות, אונד דער חדוש איז וואס אזא נאטור ענדערונג, בפעל, האט נאך קיין מאל פאססירט. רש״י, להמית איתם במיתה שלא מת אדם בה מעולם, אונד דיא אויסברעכונג מכח אל הפעל איז דירעקט פאן דיא שלעכטע בעוועגונג פאן דיא רשעים, נור דיא בעזאנדערע אנטהייל פאן גאטט איז גע־ווען ביא דיא אויסברעכונג, אלס איין געגענווערטיגע בריאה, ווייל הרבה שלוחים למקום, עס איז דא געגוג טאָדקרעפטע אין דער נאטור וועלכע זייא האבען געקענט ברייגגען אויף זיך, נור דא איז געווען יד ד׳ באמצע, צו דירעקטען זייערע אויפ־ברעכענדע בעוועגונגען צו דעם טאָדקראפט פאן ופצתה הארץ את פיה, וואס אזא טהאט הייסט בריאה, וויא מיר וועל־לען ווייטער זעהן.

בריאה יצירה עשיה, עשיה איז יעדער געגענשטאנד אין איהר עפפענטליכע ערשיינונגען פיר דיא חושים, זעהן, הערען אונד פיהלען. יצירה איז דיא געגענשטענדע געבראכט אין געוויססען פאלקאָממען פאָרם אונד געשטאלט נאך איהר גע־וויססען תכלית. אלזא יצירה, פאָרמען, אונד צר צורה, מאה־לען, אונד יצר, דענקען, זיינען איין שרש אונד איין זינען, ווייל

פאָרמען אונד מאהלען וועלכע געשטאַלט אין איהר פאַללע ריכטיגקייט, מוז זיין מיט דיא העכסטע דענקונגען אונד טיעפ־זינניגקייט. בריאה איז בעשאפען איין קראפט אדער בריינג־ען אין בעוועגונג אדער אבשאפונג איין בעשאפענע קראפט, אדער אויך אויף איין געגענשטאנד וואס זיין הויפט פאך איז איין פערבארגענער כח, זאוויא בראתי יצר הרע, וואס דאס איז איין דענקונג קראפט, אדער בריאה בייא איין מענשען, וואס דיא עצמות פאן מענשהייט איז דער כח האנושי, ויברא אלהים את האדם . . . בצלם אלהים.

אלזא, וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד, יעדער בעשאפונג פאן עשיה איז דורכאויס גוט, נור אזוי וויא בעשאפונג פאן נאטור געגענשטענדע מוז האבען איין ענדע־רונג קראפט אין זיך, איז בראתי יצר הרע, האב איך בעשא־פען איין שלעכטעס ענדערונג קראפט אין דיא גוטע רעגעלע נאטור געגענשטענדע. אבער איהר דארפט פאן דיא שלעכ־טע ווירקליכקייט ניט ליידען. איהר קענט זיך אלע מאל פאן זייא בעשיצען. בראתי תבלין, בראתי תורה, בראתי הכתב והמכתב פיר חוקים ומשפטים צדיקים וישרים, וואס דאס איז דער איינציגער זיכערער מעדיצין אונד מיטטעל לבער הרע מקרביך, דיא שלעכטע עלעמענטס בכח זאלען ניט אויסברע־כען בפעל, אז מען זאל נור נוצען דיא מעדיצין מיט איהר ריכ־טיגע שטאָף אונד פינקטליכען ארדער פאן דעם דאָקטאָר, דאנן איז גאראנטירט אויף איהר גוטע ווירקונג.

דורכגעפיהרט איינמאל איין טאַד־אורטהייל ריכטיג ככל הכתוב בתורה על פי שנים עדים כשרים, מיט איין ריכטיגע

חקירה אונד דרישה פינקטליך וויא עס איז געאָרדערט אונד פאָרגעשריעבען פאן דעם רופא לכל בשר, דאנן זייט איהר גאראנטירט אויף איהר נוצליכע ווירקונג, אז וכל העם ישמעו ויראו ולא יזידון לעשות עוד, דיא מעדיצין וועט שאן ווירקען אז עס זאל מעהר קיין חטא משפט מות אויסברעכונג אבער נעהמען דיא היילמיטטעל ניט מיט איהרע ריכטיגע בעמישע שטאָף אונד ניט מיט דיא פינקטליכע פעראָרדנונג פאן דאקטאר קען דיא מעדיצין בריינגען נאך מעהר שעדליכ-קייט אונד מעהר געפאַהר וויא ער וואָלט דיא מעדיצין ניט גענאממען. אַרסעניק איז איין זיכערער היילמיטטעל מיט איין שאַרפע פינקטליכע געברייכע, אונד איין זיכערע טאָדט פער-קעהרט, אז מען איז ניט פארזיכטיג אין דיא פינקטליכקייט פאן געברייכע. איין דורכגעפיהרטע טאָדט-אורטהייל פאן איין חטא משפט מות איז איין זיכערע מיטטעל פיר לעבען בע-שיצונג, ולא יזידון לעשות עוד, ווען מען פיהרט דורך דעם טאָדט-אורטהייל ריכטיג.

דיא ריכטיגקייט אונד ניט ריכטיגקייט פיר דעם צוועק פאן דיא ווירקונג בעשטעהט ניט אין דעם שולד אונד אונשולד פאן דעם שפט, נור אין דעם פרינציפ ונקי וצדיק אל תהרוג כי לא אצדיק רשע, ער קען זיין געוויס שולדיג, נור ער טאָר ניט פעראורטהיילט ווערען סיידען נאך דיא שארפע פינקטלי-כע געזעצע פאן דיני נפשות ככל הכתוב בתורתינו הקדושה, וועלכע האט ערקלעהרט דיא טאָדט-שטראָף פיר איין לעבענס-מיטטעל, אונד געגעבען איין גאראנטיע אויף איהר ווירקונג, אז דיא פאָלק וועלען הערען אונד וועלען מורא הא-

בען אונד וועלען שאן ניט וואגען צו בעגעהן זאלכע קריימס. ווען מען זאל דעם רעטטונג מיטטעל געברויכען מיט איהר ריכטיגען געוויסען מעטהאָד, געברויכען יענעמס ערפונדענע הייל־מיטטעל מיט איין אייגענע מעטהאָד, קען קיינע ווירקונג געבען אדער ברייננגען געפאַהר, דורכפיהרען איין ערקלעהרטע דיני נפשות פאן אונזער תורה ניט מיט איהרע ריכטיגע געזע־צע, ווען ער זאל זיין שולדיג אונד זאל שאן קיין געפאַהר פער־אורזאכען, אבער אויף קיינע פאך ברייננגען איהר ווירקונג פאן ובערת הרע מקרביך. עס קען אבער אויך פיהרען צו איין פעראורטהיילונג איין אונשולדיגען, דאנן איז געגאָסען אעל אויף דיא פלאַמען, אז דער חטא פאן משפט מות זאל זיך נאך מעהר צו פלאקערען. דיא דיני נפשות פאן אונזער תורה האט איהר דאָבעל צוועק, צו געבען דעם פערברעכער זיין פערדיענטען שטראף, אונד דיא ווירקונג אז עס זאל דאס שאן מעהר ניט פארקאממען. אונזער הויפט אויפגאבע איז לבער הרע אויף דיא ווירקונג ולא יזידון לעשות עוד, מיט דיא ריכ־טיגע דורכפיהרונג דעם דין, אבער אויף דעם צוועק פאן דעם שטראף קען איך אליין זארגען אָב אייך איז דאס ניט מעגליך. דער פרינציפ ונקי וצדיק אל תהרוג כי לא אצדיק רשע, אפילו ווא דיא ב״ד האבען אויסגעפונען אז ער איז געוויס שולדיג איז נור אז ער זאל ערהאלטען זיין שטראף, אונד ולארץ לא יכופר כי אם בדם שופכו פאן ואלהים אנה לידו, קען ניט דורכפיהרען דעם הויפט צוועק פאן וכל העם ישמעו ויראו ולא יוסיפון לעשות עוד. אבער דאס מאַכט שאן קיין אונטערשיעד, צו דיא שטראף ווערט געפיהרט דורך דיא ב״ד

וועלכע האבען געפיהרט זיין משפט, צו בידי שמים. וויא באלד ב"ד האט געטהאן איהר פפליכט מיט איין דין צדק איז שאן דיא זיכערע ווירקונג פאן וכל העם ישמעו ויראו ולא יזידון עוד.

ווען ניט דיא הילפע פאן הכתב והמכתב אונד תורה, אז מען זאל דארפען ליידען פאן דיא שלעכטע עלעמענטס וויא זעלטען זייא זאלען טרעפען, וואלט דיא וועלט ניט ווערט גע־ווען איהר עקזיסטענץ. בראשית לא נברא העולם אלא בשביל תורה שנקרא ראשית, ובשביל ישראל שנקראו ראשית. דיא וועלט אלס מיטטעל איז בעשאפען פיר דעם צוועק פאן דיא תורה אונד ישראל, אונד ווען ניט דער תכלית וואלט דער מיטטעל ניט אזוי גֶעדאַרפט עקזיסטען, נור ניט געקענט עקזיסטען. איין גוטער ערהאַבענער צוועק רעגע־לירט צו פיהרען איין גוטען עהרליכען גליקליכען מיטטעל, וויא איין גוטער מיטטעל פיהרט דורך איין גליקליכען צוועק, אונד איין שלעכטער צוועק פערדערבט דעם בעסטען מיטט־על, וויא איין שלעכטער מיטטעל קען פערדערבען דעם בעס־טען צוועק. דיא וועלט וואלט ניט געקענט עקזיסטען אב ניט דיא תורה, זיך צו בעשיצען מן הרע אשר בקרבו, אונד דיא תורה וואלט ניט געקענט עקזיסטען אָהנע דעם תכלית פאן דיא ישראל, וועלכע זיינען דיא איינציגע עקספערטס דורכצופיהרען דיא גאנצע תורה אין איהר ריכטיגקייט, צו זיין דיא פאַססיגע וועלט ריכטער, שופטים ומוכיחם לכל העמים. לבל ישאו גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה, צו ריכטען, דעסיידען אונד רעטטען דיא וועלט פאן דיא אלגעמיינע גע־

פעהרליכע אויסברעכונגען אין דיא נאטור, מיט דיא רעגעלע נאטור פאן געבורט, פאן קין אונד הבל, איז אויך געוועזן דיא בעשאפונג דער כח פאן דיא שלעכטע ענדערונגען, שלעכטע דענקונגען פאן שנאה, קנאה, נקמה, וועלכע האבען גע־פיהרט צו איין אויסברעכונג בפעל, אונד דעם דין ומשפט ישר צו זיין ווייטער בעשיצט פאן זאלכע געפעהרליכע אויס־ברעכונג, נור דיא געבורט איז אין רעגעלהייט אונד שטענדיג־קייט, אונד דיא שלעכטע ענדערונגען, אין טראף אונד זעל־טענהייט.

אלזא שנוי הטבע, זעלטענע ענדערונגען אין דיא רעגעלע נאטור איז ניט יוצא מחוק וגבול הטבע, טרעפונג וועלכע הייסט אין דער טהאט הערוים פאן דיא נאטור געזעצע, איז חלוף ותמורה רע בטוב וטוב ברע, אז ביידע עלעמענטס, דיא ווירקליכע אונד דיא אין קראפט האבען געענדערט זייערע גע־זעציליכע רעגעלהייט אין פערוועכסלונג איינע אין דיא אנדע־רע, אז דיא רעגעלע שטענדיגע גוטע טבע איז געוואָרען דיא טרעפענדע אונד דיא זעלטענע, אונד דיא זעלטענע שלעכטע טבע איז געווארען דיא שטענדיגע אונד דיא רעגעלע, מיט אנדערע ווארטען, אז דיא גוטע טבע בפעל אונד ווירקליכקייט איז געוואָרען נור בכח, אין קראפט, אונד דיא שלעכטע טבע וועלכע איז געוועזן נור בכח איז געוועזן דיא ווירקליכע. אזא עקזיסטענץ איז שאן ניט אין דעם גדר צו זיין אונטער קאנ־טראל פאן הכתב והמכתב תורה אונד חוקים ומשפטים אונד ציוויליזאציאן, אזא טבע איז קיין מאל בעשאפען צו עק־זיסטען, אזא אויסער־נאטירליכע ענדערונג פאן אזא ווילדע

פערוועכסלונג קען אויך טרעפען, אבער ניט עקזיסטירען, אדער ווא דער ענדערונג קראפט זאל ניט אויסברעכען אפילו איין מאל אין עוויג, וואס דאס איז אויך אויסער נאטירליך איז בכח דארף איינמאל אונד עוויג אויסברעכען בפעל, אזא ער־האבענע אויסערנאטירליכקייט קען אויך טרעפען, אבער שאן פיר איין עקזיסטענץ פאן עווינקייט.

אלזא מיר ווערען נעהמען אין בעטראכט דעם ערשטען מכתב אלהים חרות על הלוחות, וועלכע איז דיא ערשטע לעהרע פארגעבראכט פיר דיא פאלק, צו פיר איין עם סגולה, פיר אזא ממלכת כהנים וגוי גדול וקדוש, וועלכע זיינען בע־שטימט געווארען צו זיין לאור עמים, לעהרער, שופטים, ומוכיחם, פיר דיא וועלט אונד מענשהייט אונד ציוויליזאַציאָן, גיבט מען בייא איהר קראַהנונג אונד איינשווערונג אונד הע־ריינטרעטונג אין איהר אמט אונד מאַכט, קיינע פלאַטפאָרמע פאן וועלכע פפליכטען אונד אויפגאַבע וואס זייא האבען דורכ־צופיהרען, נור זייא זאלען ניט זיין פערברעכער פאן דיא ערש. טע גראַד, רויב, מאָרד, גונב נפשות (עיין רש״י, לא תגנוב בגונב נפשות), געפעהרליכע סקאַנדאַלען פאן אשת איש (עיין רש״י), קריימס פאן טאָד־שטראַף, צו פיר איין אונשול־דיגען קינד פאן דעם ריינסטען געוויסען וועלכע וויים נאך ניט אונד האט קיינע אהנונג אונד בעגריפע פאן דעם גרינגסטען אונרעכט, גיבט מען איהם דיא ערשטע לעהרע ער זאל ניט זיין פאן דיא געפעהרליכסטע פערברעכער אונד העסליכסטע פערדאָרבענהייט, צו פיר איין פאָלק וועלכע האט געלעבט אונטער אזא לאַסט אונד אונטערטהעניגקייט, וואס וואלטען זיך

געפרייט פיר דיא גנאדע זייא צו שענקען איין פרייען אטהעם, גיבט מען זייא דיא ערשטע וואַרנונג זייא זאלען זיך האַלטען רוהיג, ניט רויבען, מאָרדען, גנב׳נען מענשען אונד פערקויפען פיר שקלאַפען. פיר אזא אונשולדהייט אונד ריינהייט וועלכע האט געפיהרט אזא ערהאַבענע הייליגע בעריהמטע מאָראַל פאן אזא טהרת משפחה וואס דיא וועלט אונד דיא געשיכטע האט דאס ניט עד היום הזה, ווען זייא זיינען נאך געווען עובדי עבודה זרה, צווישען אזא אונמאָראַלישע פאלק פאן שטופי זמה וויא דיא מצרים, גיבט מען איהר דיא ערשטע לעהרע לא תנאף באשת איש. ווער האט זייא געלערענט דיא מדות אין מצרים ? שלשה סמנים באומה זו, רחמנים, ביישנים, גומלי חסדים, דיא אייגענשאפטען פאן מיטלייד, מאָראַל, טוגענד. דיא יסודות פאן מענשהייט אונד ציוויליזאַציאן איז בייא דיא פאלק איין פעסטע נאטור געזעצע, מיט זייא געבאָרען, אונד דיא מדות דארף קיינע לעהרע אונד ווארנונג האבען, אונד נאך זייא צו געבען דיא וואַרנונג אין דעם פאך אונד מצב וויא מיר האבען גערעדט. אם ענדע, צו וועט מען געבען איין הויך אינטעליגענטע אונד אַדעל איין וואַרנונג ער זאל ניט זיין איין חיה טורפה ?

ווען מיר וועלען אבער מערקען דעם ערשטען מכתב אלהים נור דיא ריינע וואָרטען, מיט איין ריכטיגען הגיון, וועלען מיר זעהן דייטליך אז דער לא תגנוב, לא תגזול, לא תרצח, לא תנאף, איז ניט בלאז איין לעהרע אונד איין וואַרנונג פיר חדלו הרוע, צו ווייכען פאן שלעכטעס, אבער קיינע אויפגאַבע פאן וועלכע פפליכטען, טוגענד אונד וואָהלטהאַט, נור אויך

דיא העכסטע ערהאַבענע פלאַטפאָרם אונד פארשריפט פאן למדו היטב. דיא ערהאַבענסטע לעהרע אויפגאַבע אונד פפליכטען פאן דיא העכסטע טוגענד. דיא העכסטע שטאַ־פעל גוטעס וואס עס קען געבען אין דער נאטור, אדער ריכ־טיגער, העכער וויא דיא נאַטור, ביז דעם גראַד פאן קדשים תהיו, וואס הייליג מיינט העכער וויא דיא נאטור אין יעדען פאך, ווארום וואס נור נאטור איז חול, קדש מיינט גייסטליך. מיט איינעם וואָרטע, דיא גאַנצע ערהאַבענהייט פאן דיא נאַ־ציאן אלס איין עם סגולה ונחלה, אלס איין ממלכת כהנים וגוי קדוש, אונד איהר גאַנצע עקזיסטענדע קראפט אלס איין עם עולם, איז ערקלעהרט אין דיא עשרת הדברות.

דיא נאטור האט אין זיך פיער קלאַססען טרעפונגען, צווייא מיט דיא נאטור געזעצע, אונד צווייא חוץ לגבול וחוק הטבע, נעמליך: 1) דיא טבע תמידי, דיא שטענדיגע אונד רעגעלע אונד גוטע טבע בפעל אין דער ווירקליכקייט. 2) דיא ענדערונג טרעפענדע, שלעכטע אדער בכח, וואס דיא זעלטענע ענדערונג איז אויך בחוק הטבע, וויא מיר האבען געהערט. 3) יצאו מחוק הטבע, הערוים פאן דיא נאטור געזעצע פאן חלוף ותמורה, אין דיא פערוועכסלונג איינע אין דיא אנדערע. 4) וואָ דיא ענדערונג פאן כח הרע זאל ניט אויסברעכען אונד ניט טרעפען אפילו איינמאל אין עווינ, וואס דאס איז יצא מחוק הטבע אין ערהאַבענהייט אונד עווינקייט, וויא חלוף ותמורה אונד נידעריגקייט אונד זינקונג, ווייל מיט דער נאטור געזעצע איז אין קראפט, מוז א מאל אויסברעכען אין דער טהאט, אונד ווען עס זאל קיינע שלעכטע ענדערונגען

טרעפען, איז דאס העבער וויא דיא רעגעלע גוטעס פאן דער נאטור. ולעומת זה אנטקעגען דיא פיער קלאססען טרעפונג־ען אין דיא נאטור, איז פיער פאכען אין דיא עקזיסטענץ פאן דיא מענשהייט, צווייא פאכען וואס זייער עקזיסטענץ איז מיט דיא נאטור געזעצע, אונטער דיא פערלויף פאן דיא צייט, אין מעהר אדער וועניגער דויערונג, אבער מוז מיט דער צייט אויפהערען צו עקזיסטען, אונד דיא צייט מוז איהר איבער־לעבען, אונד צווייא פאכען יוצא מחוק הטבע, וואס זייער עק־זיסטענץ איז ניט אונטער דיא צייט. איינע ניט אונטער דיא צייט וויל זיא מוז באלד אויפהערען, אונד איינע ניט אונטער דיא צייט וויל איהר עקזיסטענץ איז עוויג מיט דיא צייט צו גלייך. איהר אויפהערונג קען זיין דאנן וועו דיא צייט אדער סדר זמנים וועלען אויפהערען, אונדביידע דיא באלדיגע אונד עוויגע זיינען אויסערנאטירליכקייט. דיא נאטור אונד איהר רעגעל מיט איין כח השנוי, מוז דיא צייט איהר איבערלעבען, אונד אזא געגענשטאנד וואס האט אויך איין ענדערונג קראפט וויא אלע נאטור געגענשטענדע, אונד דאך קען איהר דיא צייט ניט אונטערברייננגען, איז דאס פאן דיא העכסטע אונ־נאטירליכקייט אונד וואונדערבארהייט.

דיא פיער קלאססען נאטור טרעפונגען אונד עקזיסטענץ פאכען איז נארמאל נאך דיא אבהאלטונג אונד דורכפיהרונג פאן הכתב והמכתב, דיא תורת חוקים ומשפטים אונד דיא געזעצליכע ציוויליזאציאן אין כלל, איז דיא תורת פאן חוקים ומשפטים אונד געזעץ פאן ציוויליזאציאן אונד מענשהייט אב־געשאפט אין גאנצען, דאנן מוז ווערען אויסערנאטירליכע

טרעפונגען פאן חלוף ותמורה רע בטוב וטוב ברע, דיא רעגעלע אין זעלטענהייט אונד דיא זעלטענהייט אין רעגעל, אונד דיא עקזיסטענץ מוז באלד אויפהערען, איז דיא חוקים ומשפטים, תורה אונד ציוויליזאציאן, דורכגעפיהרט אין טהיילוויים, מוז ווערען איין טרעפונג פאן שנוי הטבע, פאן זעלטענע שלעכטע ענדערונגען אין דער נאטור, אונד דיא עקזיסטענץ איז שאן אונטער דעם גבול פאן זמן מהזמנים אין לענגערע אונד קורצערע דויערונג, אבהענגיג נאך דיא טרעפענדע ענדערונג־ען. איז דיא ענדערונגען אפטער, איז דיא עקזיסטענץ קירצ־ער; דיא טרעפונגען זעלטענער, דיא עקזיסטענץ לענגער, אבער מוז מיט דער צייט אויפהערען, אונד דיא טרעפענדע ענדערונגען פאן אפטער אונד זעלטענער איז נארמאל, נאך דיא דורכפיהרונג אין דיא טהיילען פאן דיא תורה אונד חוקים ומשפטים אדער דיא ציוויליזאציאן אין אלגעמיין. איז דיא תורה דורכגעפיהרט אונד אבגעהיט ככל הכתוב בה, פינקט־ליך אהנע מינדעסטע מיננערונג, מעהרונג אדער ענדערונג, דאנן איז קיינע טרעפונג אונד ענדערונג פאן וועלכע שעדליכע אויסברעכונג מכח אל הפעל אין דער נאטור. אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמורו וישבתם בארץ לבטח ואין מחריד, קיינע טרעפונג אונד נאטור־שטערונג פארקאממען, אונד דיא עקזיסטענץ איז איין עוויגע מיט דיא צייט צוגלייך.

דיא ווירקונג פאן מבול האט גאראנטירט אז עס זאל שאן אזא אויסערנאטירליכע טרעפונג פאן חלוף ותמורה, אזא שטערונג פאן דעם גאנצען נאטור סיסטעם אונד ארדער פאן יום ולילה זרע וקציר וקור וחום וקיץ וחרף ניט פארקאממען

(עיין עקידה), אבער געבליבען בייא דיא געזעצליכע נאטור טרעפונג פאן זעלטענע ענדערונגען אין מהיילען אדער אין פרט, אונד דער כלל איז ניט פעראנטוואָרטליך אויף דיא אויס־ברעכונג פאן פרט, ווייל כי יצר לב האדם רע מנעוריו. דיא ענדערונג אין פרט איז איין נאטור געזעצע, אבער דער פרט בלייבט אין פעראנטווארטליכקייט אויף דעם ערשטען פער־ברעכען, אפילו איין מאל אין עוויג, ווייל געגען דעם כח השנוי האט ער דעם כח האנושי וואס זאל קאנטראלען דעם כח השנוי, וואס דער כלל קען דיא הרגשות פאן פרט ניט קאנ־טראלען, אונד ווען דער פרט האט ניט געטהאן זיין פפליכט אונד האט זיך פערדארבען, אונד מיט זיינע פערדארבענהייט אנגעגריפען אונד אַפפעקטעד דעם כלל, האט דער כלל דיא רעכט זיך צו פראטעקטען פאן דעם פרט׳ס אנגריפע. לבער הרע לבל יזידון לעשות עוד, אלזא אז איך גיב איין לעה־רע, געזעצע, אדער וועלכע ווארנונג צו איין כלל אונד פאלק, איז ניט געמיינט אויף קיינע פאך אז עס זאל ניט זיין איין אויס־נאַהם פאן איין פרט אין וועלכע איבערטרעטונג. אבער אז איך גיב דיא זעלבע געזעצע ווארנונג צו איין פרט, איז ער־קלעהרליך געמיינט אז דאס זאל ניט טרעפען אפילו איין מאל אין זיין לעבען, אונד פעראנטווארטליך אויף דעם ערשטען מאל, מיט דעם גרונד וויא באלד דער פרט האט ניט געטהאן זיין פפליכט זיך צו בענוצען מיט דעם קאנטראל פאן כח האנושי, דארף דער כלל פאן איהם ניט ליידען.

דיא שפראך געזעצע איז צו ריידען צו איין פאלק אדער איין כלל בלשון רבים, זא וויא דיא כלל התורה איז גערעדט

געוואָרען צום פאָלק אַלע מאָל בלשון רבים, ושמרתם ועשיתם, אונד צו איין יחיד בלשון יחיד, אבער ווען דיא עשרת הדברים וועלכע איז געראַדט געוואָרען צו דיא גאַנצע פאָלק וואָלט גע־ווען נאָך דיא חוקי הלשון בלשון רבים, וואָלט אויף קיינעם וועג געמיינט עס זאָל זיך ניט געפינען איין אויסנאַהם פאַן איין פרט, ווייל איין אויסנאַהמליכע ענדערונג בייא איין פרט אין כלל איז נאַטירליך, אבער אלס איין ממלכת כהנים וגוי קדוש, איין עם סגולה ונבחרה מכל העמים, מוז איהרע אויפגאַבע אונד פפליכטען זיין מעהר וויא כל העמים, אונד מוז האָבען אויף זאלכע קאָממאַנדס וויא דיא עשרת הדברים דיא הויפט פּרינציפּען פאַן מענשהייט אונד ציוויליזאַציאָן, איבערהויפט אין בעזאָנדערע פעראַנטוואָרטליכקייט וויא כל העמים. אלזאָ איז געוועזען דער ציעל ביים מעמד הנבחר לעם הנבחרה מיט'ן ריידען צום פאָלק אונד כלל אין פערזעהנליכקייט בלשון יחיד, זייא צו ערקלעהרען אז זייא זאָלען זיין העכער וויא דיא נאַטור, עס זאָל קיין אויסנאַהם אונד קיין ענדערונג טרעפען אפילו בייא איין פרט, וואָס איין הזהרה צו איין פרט מיינט עס זאָל ניט טרעפען אפילו איין מאָל אין עוויג אונד פעראַנטוואָרטליך מיט'ן ערשטען מאָל.

אמת, מען קען ניט געבען איין פאָלק אזא געזעצע אונד הזהרה מיט דעם מיינונג אז עס זאָל קיין אויסנאַהם זיין בייא איין פרט, ווייל דאָס איז געגען דיא נאַטור געזעצע, אונד דער כח האנושי פאַן כלל קען ניט קאָנטראָלען דיא הרגשות פאַן פרט וואָ דער פרט אליין האָט געפעהלט אין זיין פפליכט. דיא עם בני ישראל אבער האָבען איין דרייא־פאַכיגע קראַפט

צו ברעכען דיא נאטור אונד זיין העבער וויא דיא נאטור, נעמ־
ליך: 1) דער כח האנושי מיט דיא גאנצע מענשהייט צו־
גלייך וואס דיא בני נח זיינען געווען מוזהר. 2) דיא בעזאָנ־
דערע געבאָרענע אייגענשאַפטען פאן רחמנים, ביישנים, גומלי
חסדים. 3) דיא הילפע פאן דיא גאַנצע תורה בכלל.

אם ענדע, דער תכלית אונד צוועק פאן דיא גאַנצע בע־
שאַפונג אונד נאטור, וואס דער צוועק מוז זיין העבער וויא
דער מיטטעל, אונד דער לעצטער פאן מיטטעל, אונד דער
ערהאבענער צוועק מוז קאָנטראָלען, רעגולירען אונד פיהרען
דעם מיטטעל מיט איין זיכערע, גליקליכע, רוהיגע אונד פריד־
ליכע וועג, זאוויא איין גוטער מיטטעל פיהרט דורך איין גליק־
ליכען צוועק, אונד איהר אלס תכלית דארפט זיין בחוקתי
תלכו ואת מצותי תשמורו ועשיתם אותם, אהנע אויסנאהם
אונד ענדערונגען, אונד זיין כולם צדיקים, צו קאנטראלען דיא
נאטור פאן טרעפענדע שעדליכע ענדערונגען, אז דער רעגו־
לאר גוטער נאטור ארדער, זאל ניט געשטערט ווערען, אלס
איין זיכערער רוהיגער מיטטעל דורכצופיהרען דעם גליקליכען
צוועק פאן וישבתם לארץ לבטח ואין מחריד. איהר זאלט
בלייבען דיא שטענדיגע, עוויגע אונד לעצטע ערד־בעזיצער,
אם יחד על עפר נחת, ווען אלעם צוזאממען וואס אויף דער
ערד אונד נאטור וועט בלייבען שטיל אונד רוהיג אונד פער־
שוואונדען, אלס איין צוועק דער לעצטער פאן מיטטעל.

שנאמר ועמך כולם צדיקים, דיין פאלק איז ניט וויא אלע
פעלקער, וואס מוז זיין אין כלל איין אויסנאַהמע פאן איין פרט
נאך דיא נאטור געזעצע, נור העבער וויא דיא נאטור אהנע

וועלכע אויסנאהמליכע ענדערונגען פאן איין איינציגען פרט, נור כל אחד ואחד איינער פיר איינער, אונד דיא גאנצע פאלק אין כלל אלע צדיקים, לעולם ירשו ארץ, וועלכע מוזען בלייב= ען נאך דיא געזעצע פאן כולם צדיקים, דיא עוויגע איינציגע וועלט ירשים, אונד דיא איינציגע וועלט בעזיצער ווען אלע פעלקער וועלען אויפהערען צו עקזיסטירען פאן דעם יד הזמן המבלה והמכלה את הכל, אבער דיא מאכט פאן דיא צייט וועט אויף-אייך ניט הערשען, וויא בלעם האט ערקלעהרט כי מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו. איך זעה דיא ישראל העכער וויא דיא מעכטיגע נאטור עלע= מענטס, וואס זייא הערשען איבער זייא אונד קאנטראלירען דיא עלעמענטס אז זייא זאלען האלטען זייער רעגעלען ארדער אונגעשטערט פיר זייער עוויגע עקזיסטענץ, רש"י: ובגוים לא יתחשב כתרגומו לא יהוו נעשין כלה עם שאר האומות שנאמר כי אעשה כלה בכל הגוים, ואתך לא אעשה כלה כי לא נחש ביעקב ולא קסם בישראל ווייל זייער גאנצער עקזים= טענץ איז איבעד דער נאטור אונד דיא אונגעוועהנליכקייט איז זייער נאטור געזעצע, ווייל לא הביט און יעקב ולא ראה עמל בישראל. איין פאלק פאן כולם צדיקים, וועלכע איז דיא העכסטע מאכט אונד רעגירער פאן דיא נאטור אונד איהר צוועק, אונד דער צוועק פאן דיא נאטור איז דער מיטטעל פיר דעם תכלית כל התכליתים, להראות העמים והשרים, אז דער אבערמאכט איז קיין אנדער זאך, וויא דער מאכט פאן ד' אלהיו עמו ותרועת מלך בו, איז גאטט מיט איהם, איז אין איהם דער קעניגליכער סאלוט. ויהי ד' עמו, ויהי איש מצליח,

ויהי בבית אדוניו, איז נור גאטט געוועןָ מיט איהם איז ער שאן געוועןָ ערהויבען פאן דעם ניעדריגסטען שטאפעל אלס שקלאף צו דיא העכסטע שטופע פאן גליק, פאן שוק עבדים, שקלאפ־מארקעט אין חדרי מלכים ושרים. אם ענדע למלאות כל הארץ דעה כמים לים מכסים וראו כל העמים כבוד ד׳.

וואס עס איז אנבעלאנגט מיט דיא פעראנטווארטליכ־קייט פאן כלל אויף׳ן פרט אין דיא אומה הישראלי נאך אונזער בעהויפטונג איז פאלגענדע: דיא געזעצע וועלכע עס איז איבערגעגעבען בייא מענשען האט ניט צו טהאן דערמיט וואס איז העכער וויא דער נאטור, אונד אזא משפט איז נור לאלהים וועלכע מיר זעהען פאלגענד: בייא דיא מחלוקה פאן קרח, אל אלהי הרוחות לכל בשר האיש אחד יחטא ואל כל העדה תקצוף, רש״י: לפניך גלוית כל המחשבות ויודע אתה מי החוטא, האיש אחד, רש״י: הוא החוטא ואתה על כל העידה תקצוף, אזא זינד פאן איין מחשבה האט דער כלל קיינע פעראנטווארטליכקייט, ווייל פיר איין מענשען איז ניט צו וויסען יענעמס מחשבות. אזא זינד פאן איין מעשה וואס איז שאן אויך איין מעגליכקייט פיר מענשען אויסצוגעפינען איז פאלגענד: בידי אדם דורך דיא געזעצע קען קיין פער־אנטווארטליכקייט זיין, וויא מיר האבען גערעדט, נור בידי שמים, ווייל דיא פערפפליכטונג פאן איבערנאטירליכקייט, אבער דער משפט בידי שמים איז אויך ניט וויא בייא איין פרט מיט׳ן ערשטען מאל. דער זינד פאן עכן מיט דיא חרם בייא דיא שטאדט עי, וועלכע דיא פאלק איז געוועןָ פעראנט־ווארטליך, אונד דייטליך ערקלעהרט חטאו ישראל גנבו כחשו

שמו בבליהם, אלע אין דעם זינד, איז דאס ניט געווען דעם ערשטען מאל, כזאת וכזאת עשית, רש"י: גם בחרמים אחרים בימי משה, שנאמר והחרמתי עריהם.

דיא געגנונג אויף אונזער חקירה פאן פ' קדשים, וואס דארטען זיינען דיא עשרת הדברות בלשון רבים, האבען מיר אפילו געקענט פערצנטווארטען, אבער דארטען איז דייטליך ערקלעהרט אין פסוק אז עס איז קיין אנפאנג פאן חקירה נור דער איינפאכער פראסטער פשט, איש אמו ואביו תראו (רש"י), איש כל אחד ואחד זהו פשוטו.

אלזא אנכי ולא יהיה מפי הגבורה נאמרה. דיא דברות וועלכע שבת אונד לא תשא איז אין כלל, איז פאן גאטט איין בעזאנדערע דירעקטע לעהרע פיר אונז אונד ניט פיר איין אנ־דער פאלק, וואס פסל אונד צבא השמים חלק להם ד' לכל העמים, אבער דיא איבריגע דברות איז קיינע נייע לעהרע אונד הזהרא פיר אונז איבערהויפט, ווייל בייא אונז איז דאס נאטירליך אונד מיט אונז געבארען אלס אייגענשאפטען, וואס מיר וואלטען זאלכע פערברעכונג אין כלל ניט בעגאנגען ווען מיר וואלטען אפילו ניט געווען דארויף געווארענט, אונד אויך קיין דירעקטע נייע ערקלעהרונג פיר כל העמים, וועלכע זיינען שאן געווען געווארענט מוזהרים ועומדים אלס בני נח, אונד וועלכע פרינציפס זיינען אין אלגעמיין ניט אונטער דיא קאנ־טראל אונד ווארנונג פאן כתב ומכתב אונד תורת פאן חוקים ומשפטים, אונד ניט דיא געזעצע פאן תורת אונד חוקים איז זייער אזהרה, נור אונטער דיא קאנטראל אונד געזעצע פאן מענשהייט, אונד זייער ווארנונג איז דער כח האנושי אונד

צלם אלהים, וועלכע פרינציפס האבען עקזיסטירט נאך בע־
פאר עס איז געוועז געזעצע אונד נאציאנאלע ארגאניזיישאנס,
וויא מיר וועלען ווייטער ריידען אין איין אנדערען פרק.

דיא ערשטע פארברייגונג פאן דיא עשרת הדברות איז
ניט בלאז פיר דעם צוועק פאן איין אַזהרה פאן סור מרע, נור
פיר דעם ערקלעהרונג אלס איין עם סגולה פאן ממלכת כהנים
וגוי קדוש, פיר זייער נאציאנאלנעם דיפלאמאטישען צוועק,
וויא מיר וועלען ריידען, אונד אלס איין עם נחלה פיר איין
עוויגע עקזיסטענץ אונד עוויגע וועלט יורשים. דער צוועק
פאן דיא נאטור אונד דער מיטטעל פיר תכלית כל התכליתים
למלאות הארץ דעה וראו כל העמים כבוד ד׳, מוזען זייא זיין
אין דיא ציוויליזאציאנס פרינציפס דיא יסודי ועקרי האנושי.
איין עם כלם צדיקים אהנע אויסנאהמע פאן איין איינציגען
פרט, צו זיין העכער וויא אלע פעלקער אונד העכער פיר דיא
נאטור, צו זיין קדושים אונד גוי קדוש, וואס הייליגקייט מיינט
העכער וויא דיא טבע, פיר איין נצר מטעי מעשה ידי
להתפאר, אלס דיא פפלאנצונגען אונד בלומען וועלכע זיינען
דיא איינציגע זאך וואס בעשיינען דעם גארטען, אהנע פפלאנ־
צונגען איז קיינע גארטען, זאלאנג איין גארטען, מוז זיין בלומ־
ען, זאלאנג נאטור, מוז זיין דיא פאלק, ווייל זיא איז דיא
איינציגע פפלאנצונגען אונד בלומען וועלכע זיינען צו בעשיינ־
ען אונד בעריהמען דיא גאנצע וועלט־גארטען אונד נאטור
לאנדשאפט פאן מיינע מעשי ידי אין דיא ששת ימי המעשה,
פיר דעם צוועק וראו כל העמים כבוד ד׳ וימלא כבודו כל
הארץ, אמן ואמן.

דיא אינטערנאציאנאלע פריעד געריכט פאן הר בת ציון.

והיה באחרית הימים נכון יהיה הר בית ד׳ . . . ונהרו אליו כל הגוים . . . כי מציון תצא . . . ושפט בין הגוים והוכיח לעמים רבים תורה . . . לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה וכתתו חרבותם . . .

ישעיהו, ב׳.

אם ענד וועט פעסטגעשטעלט ווערען דיא מאכט פאן ציון, אונד אלע פעלקער וועלען צו איהר שטראמען צו הערען איהר לעהרע, אונד וועט ריכטען אונד דעסיידען צווישען דיא פעלקער אז דיא נאציאנען וועלען שאן מעהר ניט אויפ־הויבען איינע אויף דיא אנדערע דעם שווערד, אונד וועלען ניט לערנען דיא קריעגס־קונסט, אונד אבשאפען דיא וואפען.

דיא גאנצע מענשהייט איז אין דרייא פארטיעס, נעמליך: פרט, כלל חלקי, כללים אונד אבטהיילונגען, אונד כלל כללי, איין כלל אין אלגעמיין, וועלכע זיינען פערבונדען אונד צונויפ־געשלאסען מיט געוויסע טריטיעס אום זיך צו פראטעקטען איינע דיא אנדערע אין זייערע אינטערעסען אונד זייער אנגע־לעגענהייטען. דיא פראטעקציאן איז פאן צווייא הויפט אנ־גריפע, נעמליך: פאן שנוי הטבע, פאן טרעפענדע שעדליכע ענדערונגען אין דער נאטור אונד געזעלשאפט, וועלכע זיינען אונטער קאנטראל פאן געזעצע, אונד פאן חלוף ותמורה, פאן נאטור־וועכסלענדע שעדליכע טרעפונגען, וויא מיר האבען גערעדט, וואס דיא ערשטע ווארצעל אונד קוועלע פאן זייער ווארנונג, איז ניט בלאז אונטער דיא געזעצע פאן תורת אונד

חוקים ומשפטים, נור אונטער דיא געזעצע פאן דיא מענשהייט.

דיא טריטיעס אדער פערבאנדס זיינען נעמליך: 1) נאציאנאלע, 2) אינטערנאציאנאלע, 3) ציוויליזאציאן אדער מענשענרעכטע. נאציאנאלע, איז דיא טריטיעס אדער פערבאנדס פאן דיא כללים אונד זייערע געזעלשאפטליכע אבטהיילונגען מיט יעדערען פרט, צו זיכערען אונד גאראנטירען זייערע פערזענליכע רעכטע אונד אינטערעסען, אונד דער פרט דיא זעלבע צום כלל. צו פראטעקטען מיט זיין גוט אונד בלוט דיא וואָהל אונד אינטערעסען פאן דיא אלגעמיין. אינטערנאציאנאלע, איז דיא טריעטיעס אונד פערבאנדס פאן דיא כללים, איין כלל מיט דעם אנדערען כלל, צו פראטעקטען זייערע אלגעמיינע פרינציפס אונד אלגעמיינע אנגעלעגענהייטען. ציוויליזאציאן איז איין אינערליכע מענשענרעכטע אונד מענשענגעזעצע פערבאנדס, דורכגעשנורט דורך דיא גאנצע מענשהייט גלייך, פאן דעם איינציגען פרט ביז דעם כלל שבכללים. אין אנדערע ווארטען, ציוויליזאציאן איז דער בריח התכון המבריח מן הקצה אל הקצה, דער אינערליכער ריגעל וועלכער שליעסט צוזאמען מיט איין אינערליכע פעראייניגונג דיא גאנצע מענשהייט, אהנע וועלכע אבצייכנונג, אבגרענצונג אונד אבזאנדערהייט פאן חלק, תנאי, זמן, איהר אורטהייל אונד פערהעלטניסע, איז דער אומפפאנג פאן דיא מענשהייט, איהר צייט איז פאן דיא צייט דער מענש איז בעשאפען.

דער אינהאלט פאן דיא פערבאנדס טריטיעס זיינען דיא

פרינציפּס פאַן דיא בעוואוסטע פיער קראָהנען, וועלכע דיא מענשהייט איז מיט זייא געקראָהנט אין זייערע וועלטליכע מאטעריאלישע אונד גייסטליכל בעוועגונגען אונד שטרעבונגען, נעמליך: 1) כתר תורה, דער קראָהן פאן לעהרע, געזעצע, געריכט פארגעשריעבענע חוקים ומשפטים, אונטער וועלכע עס איז אויך כתר כהונה, רעליגיאן. 2) כתר מלכות, דער קראהן פאן דיפּלאמאטיע אונד מאכט. 3) כתר שם טוב, דער קראָהן פאן ציוויליזאציאן אדער מענשהייט רעכטע אונד מענשען געזעצע, וועלכע קראהן איז עולה על גביהן, וואס דער קראהן איז אן דיא הויפּט פאַן אלע קראהנען, וואס אלע קראהנען פאן תורה, לעהרע געזעצע, געריכט, רעליגיאן, דיפּלאמאטיע, מאכט, מוזען טראגען אויף זיך דעם קראהן פאן ציוויליזאציאן, וויא מיר וועלען ווייטער ריידען.

כתר תורה, לעהרע, געזעצע, חוקים ומשפטים, געריכטע, נמוסי המדינה, אדער פּאליטיק, איז דער פאך פאן דיא נאציאנאלע טריעטיעס פאן כלל מיט'ן פרט אין זייערע איננערליכע אנגעלעגענהייטען אונד אינטערעסען, וועלכע ווערט דורכגעפיהרט מיט איין ספר החוקים והמשפטים, פאן פריעדליכע דעסיידונגען דורך שופטים ודינים, אין אלע דברי ריבות בין איש לאחיו ובין רעהו, וועלכע מוז פארקאממען אין איין קאָמיוניטי, וואס קיין אנדער נאציאן האט איין רעכט צו קאנטראלירען אונד דיקטירען איהרע איננערליכע געזעצע אונד אנגעלעגענהייטען, וואס האט צו טהאן מיט דיא נאציאן אונד איהרע בירגער.

כתר מלכות, דיפּלאמאטיע אונד מאכט איז דער פאך

פאן דיא טריטיעס פאן דיא אינטערנאציאנאליטעט, דיא פער־בינדונג פאן דיא כללים אונד נאציאנען איינע מיט דיא אנדע־רע אונד זייערע אויסערליכע אנגעלעגענהייטען, וועלכע פאך איז שאן ניט אונטער געזעצע פאן תורה, חוקים ומשפטים, פאן פריעדליכע דעסיידונג דורך פריעדליכע ריכטער, נור אונ־טער דיא געזעצע פאן כל דאלים גבר, דער וואס איז שטאר־קער אונד מעכטיגער דער האט דיא געזעצליכע חזקה אונד געזעצליכע פאזעשאן, נור מיט געוויסע דיפלאמאטישע טרי־טיעס אונד תנאים, ווען יעדער דיפלאמאטישע נאציאן האט דיא רעכט אויסצוניצען איהר אבערמאכט פיר איהר זכות.

אם ענדע, כתר שם טוב, ציוויליזאציאן, וועלכע איז מראש ומקדם נסוכה, דיא הערשענדע פרינציפ פאן אנפאנג מענש ביז דיא העכסטע אינטערנאציאנאלע מאכט אונד פער־איינינונג, וועלכע געזעצע איז אויך אונטער דיא לעהרע פאן תורה אונד חוקים ודינים. אבער ניט דער כתב אונד תורת זיינען געווען דיא קוועלע אונד דיא געבורט פאן דעם ציווילי־זאציאן געזעצע. דיא קוועלע אונד געבורט פאן דיא געזעצע איז מיט דיא געבורט פאן דיא מענשהייט צו גלייך, וועלכע געזעצע האט שאן עקזיסטירט נאך בעפאר עס איז געווען תורת, חוקים ומשפטים, ריכטער, אונד נאציאנאליטעט אדער פאלק, אונד דיא געזעצע איז אונטער דעם קאנטראל פאן חוק האנושי, וואס איז ניט אונטער איין תנאי, גדר, גבול, צענטער, אבטהיילונגען פאן נאציאנאליטעט, אינטערנאציאנאליטעט, אויסערליכע אונד אינערליכע אנגעלעגענהייטען אונד טרי־טיעס, נור דיא אנגעלעגענהייטען פאן כל היקום, פאן דיא

גאנצע מענשהייט, פאן דעם ערשטען פרט ביז דעם גרעסטען כלל מן הכללים, וועלכע איז דיא אויפגאבע אונד פפליכט פאן דיא אינטערנאציאנאליטעט, דיא העכסטע מאכט אונד העכסטע פעראייניגונג פאן דיא גאנצע מענשהייט, צו פראָ= טעקטען איהרע ערשטע אונד העכסטע הייליגטהום דיא מענשענגעזעצע, וועלכע איז דיא ערשטע פארגעבראכט פאן גאטט פיר דיא מענשליכע פאך אונד מענשליכע עקזיסטענץ, איהר צו פראטעקטען צו יעדער צייט פערהעלטניסע אהנע וועלכע ענטשולדיגונג פאן וועלכע תנאי, נור דער איין תנאי אנגריף אויף דיא ציוויליזאציאן איז בערעכטיגט פיר דיא אינ= טערנאציאנאלע פראטעסט.

דיא מאכט פאן מאַטהעמאַטיק אונד געזעצע.

על כן יאמרו המשלים באו חשבון ונחשב חשבונו של עולם.

איין מאַטהעמאַטישער פילאָזאָף אין איין אויסרעכנונג פאן איין מאַטהעמאַטישע קראפט, האט אין זיין פערטיעפ־ קייט אונד סורפרייז אויסגעשריען, גיט מיר וואס אונטערצוליי־ גען אונטער דיא וועלט אונד איך וועל דיא וועלט איבערקעה= רען. עס איז אבער ניטא צו געפינען איין געגענשטאנד וואס זאל זיין אויסער דיא וועלט וואס אונטערצולייגען, אונד קיין פלייס אויסער דעם גבול פאן דיא וועלט וואָ אונטערצולייגען, אונד דיא וועלט מוז בלייבען אויף איהר אָרט. גיבט מיר ווען וועלכער זאל זיין אויסער דיא וועלט אין זיין פערזעהנ־ ליכקייט, אויסער דיא וועלט אין זיינע אנגעלעגענהייטען אונד

זיינע אינטערעסען. אויסער דעם גבול פאן דיא וועלט אונד זיין לאנד פליים ווא ער געפינט זיך אונד עקזיסטירט, אונד איך וועל צונעהמען דעם שווערד פאן דיא וועלט מעכטע, אונד וועל שטעלען דיא וועלט רוהיג אונד פריעדליך אויף איהר אָרט. עס איז אבער ניט צו געפינען אזא פרט אדער כלל פאן אזא אויסערליכקייט, אונד דער שווערד מוז בלייבען בייא דיא מעכטע אין דיא הענד, אונד דיא וועלט איבער־ געקעהרט.

כתר תורה פאן חוקים ומשפטים ושופטים.

דיא נאציאנאלע אינערליכע פראטעקטינג טריטיעס דורך תורת פאן חוקים ומשפטים ושופטים, פאן געזעלשאפטליכע פריעדליכע דעסיידונגען, הערט אויף אין דיא אינטערנאציאנ־ אל טריטיעס פאן דיא אויסערליכע אנגעלעגענהייטען, אונד דיא דעסיידונגען פאן דיפלאמאַטיע אדער מאכט פאן כל דאלים גבר, נעמט דיא נאציאנאלנע פריעדליכע פליים, וויל וועלכע דברי ריבות בין איש לאחיו ואיש לרעהו אין דער גע־ זעלשאפט איז פאן צווייא פארטיעס, וואס יעדערענס אינטער־ עסען אונד אייגעננוצען איז פאן איין געוואהנליכע נאטירליכ־ קייט, איהם צו מאכען גלויבען אין זיין רעכטע, דאנן קען קאָמ־ ען איין דריטע פארטיע וועלכע האט קיין אנטהייל אין דיא אנגעלעגענהייטען אונד אינטערעסען פאןביידע פארטיעס בעלי דנין, ניט אין זייערע נוצען, ניט אין זייערע שאדען, אונד איז אבסאלוטלי ריין פאן יעדער בעאיינפליסונג פאן וועלכע צד

אונד קען זיין אונפּארטעאיש צו געבען איין ריכטיגען באַלאַנס פאן איין עהרליכע דעסיידונג פאן איין פשרה אדער דין ומשפט צדק.

ניט זאַ איז אבער דיא אינטערנאציאנאלע אנשטויסונגען פאן איין נאציאן מיט דיא אנדערע אין זייערע אויסערליכע אנגעלעגענהייטען, אז עס זאל קאָמען איין דריטע מאכט, וועלכע זאל האבען קיינע אנטהייל, קיינע אינטערעסען, נוצען אדער שאדען, דירעקט צו אינדירעקט, אין דיא אנגעלעגענהייטען, נוצען אדער שאדען פאן דיא צווייא קריגענדע פּארטיעס. איין מאכט וועלכע זאל זיין דורכאויס אויסער פאן זייערע אינטערעסען, אום צו זיין ריין פאן יעדער בעאיינפלוסונג פאן דיא אינטערעסען פאן דיא קריגענדע פּארטיעס, צו זיין אונפּארטעאיש, אונד ניט צו זיין איין נוגע בדין ובדבר, צו געבען איין ריכטיגע עהרליכע באַלאַנס פאן דין אדער פשרה אין איין פריעדליכע וועג. קיין נאציאנאלע אינטערעסען איז אויסער פאן דיא אינטערנאציאנאל, אונד דיא אינטערעסען איז קאנעקטירט אונד צירקולירט מיט דיא אינטערעסען פאן דיא איבריגע. דיא שאדען אדער נוצען אבשוואכונג אדער פערשטארקערונג פאן איין מאכט האט איין דירעקטע אדער אינדירעקטע עפפעקט אויף דיא איבריגע מעכטע, אונד דיא אינטערעסען פאן איין נאציאן איז דיא אינטערעסען פאן דיא אינטערנאציאנאל, אונד פערקעהרט, פאן דיא אינטערנאציאנאל, יעדערענס נאציאן בעזאנדער, אונד אלעמענס אנגעלעגענהייטען אונד אלע בעלי דנין אדער נוגעים בדין. עס איז ניט אין דיא נאטור געזעצע פאן רעכט, ריכטונג אונד געריכט

כתר מלכות.

דיא דיפלאָמאַטישע מאַכט פאן כל דאלים גבר.

בהנחיל עליון גוים בהפרידו בני אדם יצב גבולת עמים למספר בני ישראל (עיין רש"י האזינו), כי חלק ד' עמו יעקב חבל נחלתו. דיא מענשהייט איז איינגעטהיילט געווארען אין איין=אונד=זיעבציג טהיילען. איין טהייל, דיא בני ישראל, אונד דיא איבריגע וועלט, דיא זיעבציג פעלקער, אונד זייא איבערגעגעבען דיא ערד פיר איין ירושה אונד אייגענטהום איהר צו בעזיצען, וועלכע איז אויך געווען אין זאפיעל טהיילען וויא פיעל איהרע יורשים אונד בעזיצער. דיא געאגראפישע מאַפּ אדער לאנדקארט פאן דעם ערד קוגעל, איז אבגעצייכ= נעט אונד אבגעגרענעצט נור אין צווייא טהיילען. איין קליינע טהייל וועלכע גאטט האט אבגעצייכנעט אונד אבגעגרענעצט אונד דיא לאנד פיר זיין חלק, פיר איין מתנה אונד ירושה פיר זיין פאלק, וועלכע זיינען דיא ערשטע וועלט יורשים אונד בלייבען דיא לעצטע יורשים פאן דיא ערד, וועלכע טהייל עס איז פיר זייא בעשטימט געווארען מיט דיא גרינדונג פאן דיא וועלט, למספר בני ישראל, מיט איין שארפען אויסרעכנונג בדיוק נמרץ, לתולדותם, למשפחותם, לבית אבותם, ולגלגלותם, וויא פיעל זייא וועלען דארפען האבען עד סוף כל הדורות. צו וויסען וויא פיעל צו לאזען פיר דיא איבריגע וועלט אדער

זיעבציג פעלקער, מיט איין דאקומענטליכען זכות פאן דיא צייט דער בעשטימונג פיר זייער ירושה אונד אייגענטהום, וואס קיינער האט דאס רעכט הערייצוטרעטען אין זייער גרענעץ אונד נעהמען איין אייגענטהימליכע חזקה, קיין אונטערשיעד וויא גראס אונד שטאַרק דיא חזקה פאן אנדערע בעזיצער וועט זיין אויף דעם גבול, וויל איהר אייגענטהימליכע דאָקו־מענט, דיא געאָגראַפישע אבצייכנונג אויף דעם מאַפ פאן ערד קוגעל, איז איין מחאה גלויה פיר כל העמים אויף עוויג, פאן דיא ערשטע טריטיע אין ברית בין הבתרים עד סוף העולם.

דיא אייגענטהימליכע דאקומענט אונד בעשטימונג פאן ירושת ישראל, איז וויא יעדער קאמפליטע געזעצליכע דאקו־מענט אין דער געזעלשאפט, פאן וועלכע קניה מתנה ירושה, וועלכע נכסים געהען איבער פאן איין רשות צו דעם אנדער־ענס רשות, מיט דיא פעראנטווארטליכקייט פאן דיא מוכרים אונד נותנים צו ברייגען דעם לוקח אונד מקבל מתנה אדער יורשים אין זייער פאזיציאן, אונד זייא הערייצופיהרען פריעד־ליך אונד רוהיג אָהנע וועלכע הינדערונגען אין זייער הערשאַפט.

דיא איבריגע גאנצע וועלטטהייל, איז געעפפנעט געוואָ־רען דיא לאנד אונד דיא גאנצע וועלט טעריטאָרי, פיר דיא איבריגע גאנצע מענשהייט אדער זיעבציג פעלקער. יעדער פאָלק זאל געהן אונד נעהמען איהר חזקה אדער פאזיציאן פאן איין געוויסע שטרעקע לאַנד, מיט איין אבגרענצונג אונד אבצייכנונג נים אין דעם מאַפ אדער לאנדקאַרט אין דיא לאנד, נור נאך איין בעשטימטען גבול פאן זייערע חריצות,

טהעטיגקייט, ענערגיע, כח, וואס איך וועל יעדער פאלק געב־
ען. וויא וויט זייער טהעטיגקייט אונד קראפט זאל געהן אין
זייער חזקה, אונד דער כח וואס איז געגעבען צו דיא זיעבציג
פעלקער פיר זייער חזקה, בלייבט דיא אינטערנאציאנאלע דא־
קומענט אונד טייטעל פיר זייער הערשאפט עד היום הזה.

ובני עשו יירשום וישמידום מפניהם וישבו תחתם כאשר
עשה ישראל לארץ ירושתו אשר נתן להם ד׳ וכו׳, וישמדם ד׳
מפניהם ויירשום וישבו תחתם כאשר עשה לבני עשו היושבים
בשעיר אשר השמיד ד׳ את החורי מפניהם, ויירשום וישבו
תחתם עד היום הזה (רש״י), יירשום, לשון הווה כלומר נתתי
בהם כח שיהיו מורישים אותם והולכים (דברים ב׳). דיא
ערווערבונג פאן זייער ירושה איז אונטער געגענווערטיגקייט
אין איין פערלויף פאן צייט, קראפט, טהעטיגקייט, ענערגיע,
שטרייטונג, קניה, מתנה, ירושה, דורך דיא געזעלשאפטליכע
געזעצע מיט איין אבגעצייכנעטען גבול פאן מידה, משקל,
שטח, איז ניט אונטער געגענווערטיגקייט פאן צייט, אונד ניט
קונים ונותנים ומורישים והולכים, נור דער גאנצער אומפאנג
ווערט איבערגעגאנגען פאן איין רשות צו דעם אנדער רשות
ברגע כמימרא, מיט איין צושטימונג פאן איין ווארטע, אונד
דער לוקח מקבל מתנה אדער יורש דארף ניט געברויכען זיין
קראפט, טהעטיגקייט אדער שטרייטונג אונד דיא איבערנעה־
מונג דיא קניה, מתנה אדער ירושה אונד זיין פאזיציאן. דיא
פעראנטווארטליכקייט איז אויף׳ן מוכר נותן מתנה אדער
מוריש, אבער קני קניזי וקדמוני, דיא ירושה פאן עמון ומואב
ואדם, איז ניט אבגעצייכנעט איהרע גרענעצען אויף׳ן לאנד־

קארט, זא וויא עס איז אבגעצייכנעט דיא שבעה עממין פיר ירושת ישראל, אונד קעננען ניט זיין אויף'ן מאַס אונד רעק־אָרד פאָן אייגענטהימליכקייט, וויל וואס עס איז געצייכנעט אונד אבגעגרענצט אויף'ן לאנדקארט בידי ד' איז ניט אבצו־מעקען, אונד אזא געאגראפישע דאקומענט קען מעהר ניט זיין פיר אייגענטהימליכקייט פאן עוויגקייט כל ימי הארץ. דיא דרייא לענדער אבער, דיא ירושה פאן עמון ומואב ואדם, איז ניט מעהר וויא אויף איין געוויסע צייט, לעתיד לבא, מוז דאס איבערגעהן צוריק צו דיא ישראל, עיין רש"י. געצייכנעטע אונד געגרענצטע ירושה אויף'ן לאַנדקארט קען מעהר ניט זיין פיר איין פאלק וועלכע לעולם ירשו ארץ, דיא עוויגע ערש־טע אונד לעצטע וועלט יורשים, אבער ניט פיר יורשים וועלכע זיינען נור אויף איין בעשטימטע צייט. אלזא איך וועל מיט מיין כח פיר אייך ניט שטרייטען אונד פיר אייך קליערען דיא וועג פאן פיינד, נור אייך געבען דעם געזעצליכען כח פאן כל העמים, אין דיא ערשטע וועלט בעזיצונג מיט דעם שווערד אין האנד. איהר זאלט זיין שטארקער פיר דעם פיינד, אונד אליין שטרייטען אום זייא צו בעזיעגען, אונד זיך נעהמען אייער חזקה אדער פאזיציאן.

עד היום הזה איז דער כח וואס איך וועל געבען יעדער פאלק מיט'ן שווערד אין האנד, דורך צייט, ענערגיע, שטריי־טונג, איז זייער אינטערנאציאנאלע חזקה אונד טייטעל. קיין פאלק קען ווייזען וועלכע דאקומענט פאן איהר הערשונג מיט איין איבערגעהונג פאן איין שטארקערען צו איין שוואַכערען, אָהנע וועלכע פרייז, אדער צו האבען ערווארבען איין אבגע־

צייכנעטען שטח, אומפאנג אונד קרייז פיר איהר הערשאפט אויף איין מאל, מיט איין איינשטימונג, אהנע קראפט, צייט, ענערגיע, זא וויא דיא ערווערבונג פאן געזעלשאפטליכע, געזעצליכע איינענטהום, אונד דיא לאנד אונד גרענעץ פאן דיא גאנצע הערשענדע אינטערנאציאנאל איז איהר אבצייכנונג, אין דיא קראפט אונד ענערגיע פאן דיא מעכטע פאן זיעגער אונד בעזיעגטער.

דיא אבשוואכונג פאן איין מאכט הייסט דיא פערשטארקערונג פאן דיא אנדערע מאכט, אדער דיא גאנצע אינטערנאציאנאל, אונד פערקעהרט, איינעמס פערשטארקערונג דיא אבשוואכונג פאן דיא איבריגע, אונד דיא שטארקייט אונד מעכטיגקייט פאן איין נאציאן הייסט דיא געזעצליכע טייטעל אונד חזקה אויף דיא שוואכערע פאלק, פאן וועלכע דיפלאמאטישע אבערמאכט, אונבעגרענצטע אדער בעגרענצטע, זאוויא דיקטאט, קאנטראל, פראטעקציאן, סר למשמעתם, נאך דיא איינשטימונג פאן דיא אינטערנאציאנאל, אונד איין מאכט צו אורטהייל̈ען אונד דעסיידען איין אנשטויסונג פאן צוויא קריעגענדע מעכטע, הייסט משפט׳ען זיך אליין. איין פארטיע אבגעשוואכט הייסט זיך פערשטארקט, יענעם פערשטארקט, זיך אבגעשוואכט, אונד מיט דיא נאטור געזעצע פאן רעכטע אונד ר כטער אונד געריכט קען מיט איין פריעדליכע דעסיידונג איין אינטערנאציאנאלע פראגע ניט ענטשיעדען ווערען אהנע דיא דעסיידונג פאן דיא געזעצליכע אינטערנאציאנאלע מאכט פאן כל דאלים גבר מיט׳ן שווערד אין האנד, ביז וואנען עס ועט אנערקענט

ווערען דיא מאכט פאן הר בת ציון וירושלים, וועלכע מאַכט אונד פאלק איז אין דיא פאלקאמע אויסערליכקייט פאן דיא אינטערנאציאנאלנע וועלט, אין איהר פערזעהנליכקייט, אנגעלעגענהייטען, פאזיציאן, אונד אם ענדע אין איהר גאנצע קריעגס סיסטעם, אונד קענען געבען איין אונפארטעישען עהרליכען אורטהייל, דורך געזעצליכע פרינציפס פאן כתר תורה, וואס דאס קען פאן קיין מאַכט הערוים שטראָמען מעהר ניט וויא פאן דיא מאַכט פאן ציון, כי מציון תצא תורה פאן יעדער קעניגליכע רעזידענט וועלכע איז דער צענטער פאן וואנען עס געהען הערוים דיא דעסיידונגען פאן דיא אינטערנאציאנאלע אויסערליכע אנגעלעגענהייטען, איז ניט פאן תורה, געזעצליכע חוקים ומשפטים, דורך פריעדליכע ריכטער, נור דורך דיפלאמאַטיע, פאן דיא געזעצע כל דאלים גבר. פאן ציון אבער, וועט אויך דיא אינטערנאציאנאלנע פראגעס בין עם לעם ובין גוי לגוי, מדינה ומדינה, זיין דורך דיא געזעצליכע חוקים ומשפטים פאן דיא תורה ודבר ד׳, זא וויא אין דיא נאציאנאלנע אינערליכע אנגעלעגענהייטען פאן דיא דברי רבות בין איש לאיש ובין איש לרעהו, ושפט בין הגוים והוכיח לעמים רבים ניט דורך דיפלאמאטיע, ווען דיא מאכט זאל האבען דיא רעכט פאן כל דאלים גבר, זיך צו נעהמען צום שווערד, נור דורך פריעדליכע דעסיידונגען, ולא ישא גוי אל גוי חרב . . .

דיא ערשטע פלאטפארם.

אויסער פאן דיא אינטערנאציאנאל אין איהרע פער־
זעהנליכקייט, לך לך מארציך וממלדתיך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך, ואעשך לגוי גדול ואגדלה שמיך והיה ברכה, ונברכו בך כל משפחות האדמה וכל גויי הארץ, דיין נאציאנאליטעט פיר דיין צוועק צו זיין איין ריכטער אונד דער־סיידער פיר אלע זיעבציג פעלקער, אלס איין אב המון גוים אז אלע קלאסען פאן יעדערע פערשיעדענהייטען, פאן ראסע, רעליגיאן, נאציאן, זאלען מיט דיר געבענשט ווערען, דורך דיינע דעסיידונגען, אום אבצושאפען דעם שווערד פאן דיא וועלט, קען אנדערס ניט בעשטימט ווערען ווא דוא זאלסט זיין אויסער דיא וועלט, ניט אנבעלאנג צו וועלכע לאנד, גע־בורט, ראסע, רעליגיאן, נאציאן, אבגעשניטען פאן דיא גאנ־צע וועלט להלוטין איין נייע פפלאנצונג, פאן איין עם לבדד ובגוים לא יתחשב, פאן דיר מוז זיך אנפאנגען איין נייע ראסע, איין נייע רעליגיאן, איין נייע נאציאן, אונד אזוי וואכסען אין איין עוויגע בעזאנדערהייט צו זיין איין ממלכת כהנים וגוי קדוש, איין אונפארטעישע דיפלאמאטישע רעליגיעזע ראסע, אונבעאיינפלוסט פאן וועלכע פערהעלטניסע צו געבען איין ריכטיגען עהרליכען אינטערנאציאנאלע דעסיידונג פאן אויסערליכע אנגעלעגענהייטען, דורך תורה, חוקים ומשפטים זא וויא אין נאציאנאלע אינערליכע אנגעלעגענהייטען וויא מיר האבען גערעדט.

וויא אברהם האט ערקלעהרט, ויהי כי התעו אותו

אלהים מבית אבי, ווען מיינע הערליכע פפליכטען אונד אויפ־
גאבעס אלס נשיא אלהים האבען מיר אבגעווייכט פאן מיין
פאטערלאנד, אונד וויא דיא ערקלעהרונג צו דיא בני חת,
גר ותושב אנכי עמכם, רש״י: גר מארץ אחרת ונתישבתי
עמכם. ווען איין פרעמדער קאממט זיך צו בעזעצען אין איין
לאנד, איז ער איין נייטיוו אדער תושב פאן וואנען ער קאמט,
אונד איין גר אין דיא לאנד ווא ער איז געקאמען, אבער איין
פאלקאמער תושב איז פאן געבורט אונד בירגער. גר איז
בעצם ובמקרא, איין פרעמדער אין איין אנדער לאנד הייסט
מעהר ניט איין גר במקרא, אונד אין זיין לאנד פאן געבורט
אונד רעכטע איז איין תושב בעצם. אברהם האט אבער ער־
קלעהרט אז אין זיין לאנד פאן געבורט אונד רעכטע איז ער
איין גר בעצם, ווייל ער איז פאן דארטען פערוויעזען, אונד
בייא זייא אין דער פרעמד איין תושב בעצם. ישב איז זא
וויא ידע אין קל, אונד דער נפעל איז נושבתי זא וויא נודעתי,
אונד צו זאגען אז איך בין איין תושב דערמיט וואס איך האב
זיך בעזעצט צווישען אייך, מיט זיינע נפעלות, האט געדארפט
זיין ונושבתי אונד ניט עמכם, נור בתוככם. אבער ונתישבתי
אין התפעל אונד עמכם מיט אייך אונד ניט צווישען אייך,
זאגט דייטליך אז מיט אייערע פרעמדקייט בין איך געווארען
איין תושב בעצם, ניט נור מיט מיין זיך בעזעצען צווישען אייך,
ווארום מיט מיין אייגענטהימליבקייט פאן מיין געבורט אונד
לאנד אונד רעכטע בין איך איין גר בעצם, וואס איך בין פאן
דארטען פערוויעזען אונד האב מיט מיינע אייגענטהימליב־
קייט אנגעווארען אלע רעכטע, אונד מיין טייטעל אונד ביר־

גערשאפט איז מיט דיא וועלכע זיינען פרעמד צו מיר אין גע=
בורט אונד לאנד, אונד וויא דיא בני חת האבען איהם דיא
זעלבע ערקלעהרט, נשיא אלהים אתה בתוכינו, דיינע בירגער
רעכטע האסט דוא פערלארען צווישען דיין פאטערלאנד,
אבער צווישען אונז איז אונזערע רעכטע בייא דיר, אונד קיינ=
ער פאן אונז האט דאס רעכט דיר צו ענטזאגען דיין
פערלאנג.

דיא צווייטע פלאטפארם.

אויסער פאן דיא אינטערנאציאנאלע אנגעלעגענהייטען.

כי שאל נא לימים ראשונים וכו׳, לא מרובכם כי אתם המעט מכל העמים, ותחת כי אהב ד׳ אתכם . . ., ויוצאך בפניו (רש״י, כאדם המנהיג בנו לפניו), בכחו הגדול ממצרים להוריש גוים גדולים ועצומים ממך, להביאך לתתם להם נחלה כהיום הזה, ד׳ הוא ההלך לפניכם הוא ילחם לכם, לזרעך נתתי את הארץ הזאת מנהר מצרים עד הנהר הגדול נהר פרת מהמדבר והלבנון ועד ים הגדול נהר פרת מבוא השמש יהיה גבולכם כל ארץ החתים.

אם ענדע, כי יבאך ד׳ אלהיך אל הארץ אשר אתה בה שמה לרשתה ונשל גוים רבים מפניך (רש״י, לשון השלכה והתזה), קלירען פאן זייא פיר אייך דיא לאנד, זייא אויסרייסען אונד הערויסווארפען, אונד אייך געבען אין דיא הענד זייא צו פערניכטען, גוים רבים וכו׳, שבע עמים גדולים ועצומים ממך,

וואס מיט דיין כח איז פאן אונמעגליכקייט זייא אנצונעהמען, ובני עשו ירשום וישמדום וישבו תחתם כאשר עשה ישראל לארץ ירושתו אשר נתן להם ד׳, דיא בני עשו האבען גע־ערבט אונד גענאמען פאזעשאן אין זייער ירושה פאן קיני קניזי וקדמוני, וויא דיא ישראל האבען בעזעסען זייער ירושה פאן דיא שבע עממין, נור מיט דעם אונטערשיעד וואס בייא דיא ירושת ישראל איז געוועזן זייער געאָגראַפישע ירושה אשר נתן להם ד׳, ואשר לחם לפניהם בכחו, וואס דאס איז ניט געוועזן בייא ירושת עשו. זייא האט מען ניט גענעבען נור געשיקט זייא זאלען זיך אליין נעהמען, מיט מיין ערלויבנים אונד מיט זייער כח וואס איך האב זייא געגעבען. לזרעך נתתי את הארץ הזאת, רש״י, אמירתו של הקב״ה כאלו היא עשויה, איז ניט מעהר בייא דיא געאָגראפישע אבגרענצונג מנהר מצרים עד הנהר הגדול נהר פרת, דער גרענעץ פאן ארץ ישראל, אבער דיא דרייא עממין קיני קניזי וקדמוני איז נאך ניט כאלו היא עשויה, עמון ומואב ואדום, וועלען דאס מוזען אליין טהאן מיט זייער כח וואס איך וועל זייא געבען מיט דעם שווערד אין דיא הענד, ונשל גוים רבים מפניך, נאך דיא הבטחה איז ניט מעהר וויא דיא שבע עמים. דיא בני ישראל אבער האט מען ניט געשיקט זייא זאלען זיך געהן אונד נעהמען זייער חזקה מיט זייער כח, ענערגי, שטרייטונג, פאן איין שוואכערע מאכט אדער אפילו פאן הפקר פאן איין פרייע טעריטאָרי.

דיא צעהן לענדער אדער פעלקער וואס איז געוועזן צו־געזאגט אברהם פיר זיינע קינדער, איז דיא זיעבען פעלקער

אדער לענדער פיר דיא ישראל געווען אבגעצייכנעט אונד אב־געגרענצט מיט איין געאָגראפישען אבגרענצונג על פני הארץ, מנהר מצרים עד הנהר הגדול נהר פרת, מהמדבר והלבנון ועד ים הגדול נהר פרת מבוא השמש יהיה גבולכם אלס איין קאמפליטע דאקומענט פאן איין געזעצליכע מתנה אדער ירושה מיט דיא געזעצליכע דורכפיהרונג, אייך צו ברייגגען אין אייער פאזיציאן, אונד אייך העריינצופיהרען אין אייער עררשאפט, ניט אייער כח, שטרייטונג, האט אייך געבראכט אין אייער צוגעזאגטע לאנד, איך האב פיר אייך געקליערט דיא וועג וויא דיא גאנצע פלאטפארם פאן דיא פסוקים, אונד הנה שולח מלאכי לפניך . . . ואת הצרעה, דיא וועניגע שטע־רונג אונד צייט אונד הינדערונג וואס האט זיך געטראפען, איז וויא משה האט געמערקט, אחד עשר יום מחורב דרך הר שער, ראו מה שגרמתם, עיין רש״י.

אייער נאציאנאלעם דאקומענט, מיטעל פאן אייגענ־טהום, איז ניט מיט איין איבערגעהונג פאן איין שוואכערע מאכט צו איין שטאַרקערע, נור אין געגענטהייל אלס איין מתנה גמורה, מיט דיא איבערגעהונג פאן איין שטארקערע מאכט צו איין שוואכערע, אהנע טהעטיגקייט, ענערגיע, וויא וועלכע געזעלשאפטליכע אייגענטהום מיט דיא געזעלשאפט־ליכע געזעצע. דער תנאי אונד בעצייכנונג פאן דעם קרייז, שטח, גבול, איז ניט געווען געמאָסטען אין דיא קרעפטע פאן דיא זיעגער אונד בעזיעגטע, וויא דיא גבול פאן דיא אינטער־נאציאנאל, וואס דער בעצייכנונג איז אין פעלקער קרעפטע, אונד וויא דיא בעצייכנונג פאן ירושת עשו, עמון ומואב, וואס

עס איז מיט דיא בעצייכנונג נור קיני קניזי קדמוני, אבער קיין געאגראפישע בעצייכנונג אויפ'ן לאַנדקארט, פאן וואנען ביז וואנען, וויא דיא געאָגראפישע גבול פאן דיא ירושת ישראל, ממצרים עד הנהר הגדול נהר פרת, מהמדבר והלבנון עד הים הגדול מבוא השמש יהיה גבולכם, וואס ביז דעם גרענעץ זיית איהר גאראנטירט צו בעהערשען ווען איהר זאלט זיין דיא שוואכסטע, אונד דיא בעזיצער פאן דיא לענדער זאלען זיין דיא שטארקסטע, אונד ניט איבערען גרענעץ, ווען איהר זאלט זיין דיא שטארקסטע פאן דיא גאנצע וועלט, וואס בייא דיא אינטערנאציאנאל איז זא לאנג מעכטיגער פיר איין אנ־דער נאציאן, איז נאך זייער גבול נימ געענדיגט.

כל מקום אשר תדרוך כף רגליכם לכם נתתיו, נאך דיא חז"ל אונד ספרי, אז דאס מיינט אויך אין חוץ לארץ, דאס האט אבער ניט צו טהאן מיט דיא געאגראפישע ירושה, דאס איז ווען דער פיינד וועט זייא אנגרייפען, אונד זייא צווינגען הערויסצוטרעטען פאן זייער גבול אין חוץ לארץ, דאנן גע־וואהנליך וועט שאן דאס בייא זייא בלייבען, וויא דיא ער־קלעהרונג איז לכם נתתיו אבער ניט יהיה גבולכם, כאשר דברתי אל משה אבער ניט כאשר דברתי אל אברהם בברית בין הבתרים, ווייל דארטען איז מעהר ניט געמיינט דיא גע־אגראפישע טהייל לאנד, אונד זאגען דייטליך אז דיא ערווער־בונג פאן חוץ לארץ מוז זיין לאחר כבוש ארץ ישראל, אונד דיא נתינה וועט שאן זיין מיט דיא אינטערנאציאנאלע סיס־טעם פאן כח אונד מלחמה מיט ישועת ד', וויא דיא ירושת עמון, אדום ומואב, וואס לעתיד וועט זיך אומקעהרען צו דיא

ישראל, אבער דורך דיא מלחמות אדום, וויא דיא פראפעצייִ-
אונג פאן דיא נביאים מיט ישועת ד׳, אונד עס וועט שאן זיין
אדום ומואב משלח ידם ובני עמון משמעתם (עיין רש״י),
ניט וויא דיא געאגראפישע ירושה מיט דיא שלחת מלאך
וצרעה צו קליערען דיא וועג פאן פיינד.

אלזא איהר האט מיט דעם כח דיא אינטערנאציאנאלע
חזקה אונד טייטעל ניט וואס צו טהאן, זייערע אינטערעסען
אונד אנגעלעגענהייטען איז ניט אייערע אנגעלעגענהייטען,
אונד אייערע אנגעלעגענהייטען וועט קיין מאל ניט אנגרייפען
אונד עפפעקטען דיא אינטערעסען פאן דיא אינטערנאציאנאל,
מיט דיא נאציאנאלע אדער אינטערנאציאנאלע אבשוואכונג
וועט ניט זיין דיין פערשטאַרקערונג, אונד מיט זייער פער-
שטארקערונג וועט ניט אין עטוואס זיין דיין אבשוואכונג.

ולאום מלאום יאמץ אמלאה החרבה לא נתמלאה צור
אלא מחורבנה של ירושלים כשזה נפל זה קם, האט ניט צו
טהאן מיט דיא נאציאנאלע ענטוויקלונגען, דאס איז ניט
מעהר אין דעם אבהאנג פאן ישראל אונד אדם, אלס נמצא
אונד העדר וויא אור אונד חושך, וואס דער העדר איז אלע
מאל בעפאר דעם נמצא, ויהי ערב ויהי בוקר, אבער יום אחד
אונד ניט יום ולילה אחד, אונד מכרה לי כיום את בכורתך לי,
וואס דיא לילה אדער דער ערב האט קיין בעזאנדערע פאך
עקזיסטענץ נור צוליעב דעם יום.

אם ענדע אלס בלוט־איגל, עשו איז העריינגעפאלען,
הלעטוני (רש״י) אפתח את פי ושפוך לתוכה הרבה,
וואס איבערפילט דעם מאגען מיט איין מאל, איז ניט צו ער-

פרישען אונד צו פערצעהרען נור צו איבל אונד להקי פיר אויסשטאָסונג פאן מאגען צוריק, אונד האט כדרך אבלת כל אדם ניט געוואלט, מן האדם פאן דיא רויטע. עשו אלס איין איש שדה אויפגעוואכסען אויף׳ן פעלד האט געדארפט וויסען פיר איין מין דאס איז וואס מען רופט עם עדשים, אונד אז עשו האט געפארדערט דוקה רויטע, האט בייא יעקב ניט גע־פעהלט רויטע וויין אונד רויטע פרוכט, וואס איז מעהר ער־קוויקענד אונד ערפרישענד אין שוואכהייט אונד מידיקייט וויא טרוקענע רויטע לינדזען, ער האט זיך אבער פאן יעדער ערקוויקונג אונד זעטיגע שפייזע, אונד כדרך אכילת אדם ענט־זאגט, אונד דוקה מן האדם הזה פאן דיא רויטע, פאן דעם נזיד עדשים אונד מיט הלעטיני, כי עיף אנכי, אונד פיהל אז קיין אנדער זאך וועט מיר ערפרישען וויא דיא רויטע.

דאס האט יעקב׳ען געעפפנעט דיא אויגען צו זעהן וואס דא האנדעלט זיך. רויט אונד בלוט אונד הלעטיני, אונד דוקה דיא רויטע, דעם תבשל פאן דיא אבלת, על כן קרא שמו אדום. דוא ערקלעהרסט זיך יעצט דייטליך דיין פאך אמלאה החרבה אלס בלוט־איגל. דער בלוט איגל ווערט ניט פול אלא מחרבנה של איש, פאן דעם מענשענס פערדארבענע בלוט, ווען זיין געזונד איז דעסטראָיד אונד רואינירט, אונד איז שוואך אונד לעדיג ווען דער מענש איז געזונד, אונד זא לאנג דער מענש איז געזונד האט דער בלוט־איגל קיין עקזיסטענדע צוועק, אונד דאך דארף ער עקזיסטען מיט׳ן מענשען צוגלייך, וויא עשו אליין האט זיך ערקלעהרט, נסע ונלכה ואלכה לנגדיך, מיין עקזיסטענץ מיט דיר צוזאמען

האט קיינע צוועק פיר דיר אונד פיר מיר, מעהר ניט לנגדיך להמלאות מחורבניך, אונד דאך מוז איך עקזיסטירען. אונד דאס וואס דוא האסט זיך ערקלעהרט אונד זיך פארגעשטעלט אונד הערייגפאַלען מיט'ן ערשטען וואָרט הלעטיני, אלס איין בלוט־איגעל, וואס ער קאמט קיין מאל צו מענשען זויגען זיינע בלוט, ווא דער מענש ברייננט איהם ניט צו זיך אונד מאכט איהם זויגען, אונד דיא אנגעזויגענע בלוט איז ניט פער־צעהרענד, נור לאזט דיא בלוט הערויס פאן זיך דורך דיא זעלבע מויל וואס האט איינגעזויגען.

אלזא עשו, ניט אזוי דוא ביזט קיין מאל געוועןַ איין ערשטע עקזיסטענץ געגען מיר, נור קיין בעזאנדערע פאך עק־זיסטענץ, נור אלס העדר, אונד מוזט זיך ענטזאגען פאן דיין ביזהעריגע בכורה איינבילדונג אין וועלכע דוא האסט גע־אירט אונד פאנטאזירט, אין מכרה כיום. דער ריכטיגער שרש אונד זינען פאן מכרה איז ויתמכרו, איין דרייגגליכע אונד פאלקאמע קאמפליטע איבערגעבונג, גיב איבער דיא בכורה צו זיין רעכטפאלען אייגענטהימער מיט איין קאמפלי־טע איבערגעבונג כיום, וויא מיר האבען גערעדט. ויהי ערב ויהי בוקר אונד יום אחד, דיא לילה האט קיינע אנערקענונג פיר וועלכע פאך זכות אונד טייטעל פאן איין בעזאנדערע עק־זיסטענץ, לחלוטין פרייא אהנע וועלכע פרייז, וואס עס טאָר קיין פרייז זיין געגעבען, ווייל דאס וואלט זיין איין פראָט־עסט אויף דיא ווארצלענדע אייגענטהימליכקייט, אונד דיא איבערגעבונג דארף בעשטעהן נור פאן דיין זיך ענטזאגען פאן איהר נאמען. יעקב האט זיך אויסגעדריקט בכורתך, דיין

בכורה, צו הערען וואס עשו וועט דארויף ענטפערען, אבער וויא עשו האט דערהערט דעם נאמען דיין בכורה, האט ער זיך אויפגעהאפט וויא פאן איין היפנאטיזם, אונד זיך אבגעליי־קענט פאן איהר בהכחשה גמורה, אז ער איז קיין מאל איין בכור געווען אונד קען ניט זיין. הנה אנכי הלך למות ולמה זה לי בכורה, וויא אזוי קען זיין אויף אזא העדר וויא איך בין, אנערקענט איין נאמען פאן בכורה אונד נאך בפרט לפי חז״ל, רש״י, זיך אומזאנסט צו נעהמען אזא געפעהרליכקייט.

אלזא איז געווען דיא פינאל ערקלעהרונג, זאלסט וויסען עשו, היינט איז געשטארבען דער זיידע אברהם צוליעב וועמ־ען עס איז דא דער תבשיל עדשים, אונד עס איז געאפפערט פינף יאהר פאן זיין לעבען צוליעב דעם תבשיל וועלכע איז גע־ווען דיא איינציגע פרינציפ וואס האט דורכגעפיהרט דיא פראָ־קלאמאציאן אין דעם טאג, ווייל גראדע אין דעם טאג האט דאס געמוזט געשעהן, וואס דיין תרבות רעה האט געגרייכט דיא העכסטע שטופע, אונד מעהר האסט זיך שאן מיט דעם נאמען בכורה ניט געקענט הערום טראגען. דיא בעהויפטונג פאן דיא חז״ל, שלא יראה עשו יצא לתרבות רעה, איז אמת. אבער מיר וואלטען קיין מאל געווען צופריעדען צו אפפערען איין טאג פאן אברהם׳ס לעבען פיר זאלכע לעבענס וויא עשו, אבער עס איז ווערטה געווען דיא פינף יאהר פיר דיא דורכ־פיהרונג פאן דעם צוועק. אלזא דוא מוזט זיך נעהמען בשבוע ובאיסור ובקונם אז דוא זאלסט מעהר פאן דיא בכורה ניט דענקען אונד פאנטאזירען, אונד זיך פאן איהר מסלק זיין מיט דעם פאך פאן כיום, אהנע וועלכע זכות אונד טייטעל

איבער צו לאזען, וואס ער האט דאס ערפילט פינקטליך, אונד דיא גאנצע סצענע פאן דיא מכירה מיט דיא אגריעמענטס פאן הלעטיני אונד מן האדם האדם הזה, איז מעהר ניט געווען פיר איין גלוי מלתה, צו פראקלאמירען דיא ריכטיגקייט. נאכ־הער וויא אלעס איז דורכגעפיהרט געווארען קאמפליט איז פערשוואונדען דיא גאנצע הלעטיני בהלה, אונד דער מן האדם האדם הזה אויף וועלכע עס איז געווען דער הויפט פארדערונג, נור ויעקב נתן לעשו לחם (ויין), ונזיד עדשים פיר איהר בעדייטונג מיט אלעמען צו גלייך. ויאכל וישת כדרך כל האדם, ויקם וילך, מיט דיא גרעסטע בעזאננעהייט, אונד האט זיך יעצט געפיהלט אויף דיא ריכטיגע וועג, ויבז עשו את הבכורה, זיך געפיהלט שענדליך אונד העסליך מעהר וועגען אוהר צו דענקען אונד צו פאנטאזירען אין אזא פאלשע איינבילדונג נאכהער דיא ערקלעהרונג אונד אויפלעזונג דיא בכורה פראגע אונד איהר בעשטימונג, אונד נאך זיין שבועה.

לעניניני, דיין געאגראפישע בעהערשונג, דיין אבגעצייכענטע חבל ונחלה פאן געזעצע אונד דאקומענט, האט קיינע פערבאנד אונד קיינע בעריהרונג מיט דיא אינטערנאציאנאלע בעהערשונג פאן מאכט אונד שווערד, אונד זיין אונפארטע־אישע שופטים ומוכיחם דורך פריעדליכע דעסיידונגען אין אויס־ערליכע אינטערנאציאנאל אינטערעסען, כי מציון העיר הבירה פאן דיא ממלכת כהנים וגוי קדוש, תצא תורה, לכל הגוים והעמים, ודבר ד׳ מירושלים, פיר איין פריעדליכע אינטער־נאציאנאלע דעסיידונג דורך געזעצליכע געריכט אונד ריכ־טער, אנשטאט דיא דעסיידונג פאן דעם כח וואס גאטט האט

געגעבען דיא בערעכטיגטע מאכט זיך צו נעהמען איהר רעכט, ווייל קיין געזעצליכע געריכט איז געווען אין עקזיסטענץ אונד קיין ריכטיגע געזעצע קען דורכגעפיהרט ווערען אהנע ריכטיגע ריכטער, אונד דיא געריכט וועט שאן בעצייכנען אונד בעשטימען דיא גבול'ען אונד חזקות פאן דיא פעלקער דורך תורה אונד דבר ד' אנשטאט דעם כח ד' וואס גאָטט האט זייא געגעבען דורך כל דאלים גבר, ולא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו מלחמה וכו', ושלום על ישראל ועל כל העולם.

דיא דריטטע פלאַטפאָרם.

אויסער דיא אינטערנאציאנאלע וועלט אונד איהר פאזיציאן.

ויאמר לאברהם ידע תדע כי גר יהיה זרעך בארץ, לא להעם ועבדום ועינו אותם . . ., וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול . . ., ודור רבעי ישיבו הנה כי לא שלום עון האמרי עד הנה, ביום ההוא כרת ד' את אברם ברית לאמר לזרעך נתתי את הארץ הזאת . . ., איין ברית וועלכע האלט איין פאלגענדע תנאים נעמליך:

1) איהר דארפט ניט בעזיצען איין לאנד פאן הפקר, איין פרייע פעלד פאן וועלכע חזקה, וואס דאס איז דער טייטעל פאן כל העמים, דיא אינטערנאציאנאל זאלען ניט קליימען אז וועו ניט מיר וואלטען זייא דאס פערנאמען אונד בעזעסען, אונד מיר האבען געמינערט זייער זכות, נוד ריינ־

גען איין בעוואכסענע פעלד פאן שעדליכע געפעהרליכע גע=
וויכסע, אונד פערזייען אויף זייער פליים אראמאטישע בלומען
אונד פפלאנצונגען למלאות פני תבל תנובה.

2) דיא פעלקער וועלכע בעזיצען דיא לענדער מוזען זיין דיא שטארקסטע אין דער וועלט, זאוויא סחון מלך האמורי אונד עוג מלך הבשן, אונד דיא זעלבע דיא לענדער, וויא רש"י בריינגט מדינה קשה ומלך קשה, וואס קיין מאכט זאל זייא קענען בעזיעגען, אז דיא אינטערנאציאנאל זאל קיין טענה האבען אז ניט מיר ווּאלטען זייא דאס געקענט דורכפיהרען.

3) איהר דארפט זיין גרים אין איין פרעמדע לאנד, אונטערגעדריקטע שקלאפען פיר איין צוויא=פאכיגע צוועק:
1) פיר איין איבערצייגליכע ערקלעהרונג אז דיא לאנד איז קיין גענאמענע פאן וועלכע נאטירליכע מאכט, נור איין איבערגעגעבענע ירושה אונד מתנה פאן איין איבערנאטירלי=
כע האנד פאןביידע שטאנדפונקען, דיא בעזיצענדע פעלקער·
דיא שטארקסטע אין איהר, דיא שוואכסטע אין דער וועלט.
2) פיר דיא ערפאהרונג פאן ואתם ידעתם את נפש הגר, וועלכע איז דער יסוד אונד פרינציפ פאן דיא העכסטע אונד אדעלסטע אונד ווירדיגסטע געזעצע, אונד דיא ציוויליזאציאן פאן חוקה אחת יהיה לכם ולגר הגר בתוככם, ואהבת לו כמוך, וואס אהנע דיא ערפאהרונג קען דיא געזעצע ניט דורך געפיהרט ווערען אין איהר ריכטיגקייט, וויא מיר האבען אין בעפאריגע פרקים, דער ווירדיגסטער פרינציפ פיר איין וויר=
דיגסטע נאציאן אונד רעגיערונג, ונברכו בו כל הגוים.

4) איהר קענט ניט נעהמען פאזעשאן אין דיא לאנד, ווא דיא פעלקער זאלען ניט זיין אין דיא העכסטע פערדאָר־בענהייט אונד שעדליכקייט, דיא וועלט אונד מענשהייט זאלען ניט אום עטוואס פערליערען מיט זייער פערניכטונג, אין גע־גענטהייל דורך איך זיין גערעטעט פאן איין געפעהרליכע פערפעסטונג.

5) זייער פערניכטונג מוז זיין פאן לא תחיה כל נשמה זייא זאלען ניט ווערען פערשפרייט אונד איינגעוואָרצעלט אין דעם ריים פאן דיא וועלט, דיא וועלט זאל קיין טענה האבען אז אנשטאט וואס דיא געפעהרליכקייט איז געווען אבגעגרע־נעצט אונד אבגעצאַמט אין איין פליים, האבען מיר פעראור־זאכט איין אלגעמיינע פערפעסטליכקייט.

6) דיא לאנד דארף זיין איין ארץ זבת חלב ודבש, ארץ אשר לא תחסר כל בה, ארץ אשר מהרריה תחצוב נחושת וברזל, זייא זאלען זיין אונאבהענגיג אין זייערע פאָרדערונגען.

7) איין וויכטיגער פונקט אז דיא פייניגער מוזען גוט בעשטראפט ווערען, אונד איהר גוט בעלאָהנט ווערען פיר אייערע ליידען אונד נידריגקייט, אלס איין ערקלעהרונג אז זייערע ליידען אונד נידריגקייט איז ניט געווען אלס נידערלינגע נור פיר געוויסע ערהאבענע נאציאנאלע פרינציפען, וויא מיר האבען גערעדט אין דריטען תנאי, וואס זייא דארפען ווערען גוט בעפרידיגט פיר זייער אונשולד, אונד קיינער דארף פאן זייער ליידען וואס געווינען אונד ציהען וועלכע נוצען.

8) זייא דארפען זיין איין ממלכת כהנים וגוי קדוש, וויכטיגסטע דיפלאָמאטען אונד איין פראקטישע פאָלק, וויא

מיר האבען גערעדט אין בעפאָריגע פרקים, איין אב המון גוים פיר זייער צוועק פיר נאציאנאלע פריעד ריכטער.

9) אייער פאַך איז מיססיאָן, ואברהם היו יהיה לגוי גדול ועצום ונברכו בו כל גויי הארץ, כי ידעתיו, איך האב איהם בעשטימט פיר דיא גראָסע אונד מעכטיגע נאציאנאלי־טעט, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ד׳ לעשות צדקה ומשפט, צו טהאן ריכטיגע צדקה אונד משפט קען מיט קיין אנדער וועג זיין וויא מיט דיא דרך ד׳, אונד דיינע קינדער דארפען זיין לאור עמים, נור אייער מיסיאָן מוז זיין מיט דעם אונטערשיעד פאן דיא מיססיאָן מכל העמים ניט איהר זאלט שיקען מיסיאָנערען צו דיא היידען זייא צו לערנען, נור דיא היידען זאלען שיקען מיסיאָנערען צו אייך, פאן אייך זיך צו לערנען. ונהרו אליו כל הגוים והלכו עמים רבים ואמרו לכו ונעלה אל הר ד׳ אל בית אלהי יעקב ויורנו מדרכיו ונלכה בארחותיו, ניט איהר זאָלט טראגען דיא תורה אונד דיא לעהרע צו זייא, איהר זאלט ניט צו טראגען אייער ליכט אונטער דיא אויגען צו דיא וואס זיצען אין דער פינסטער זייא צו לייכטען דיא וועג ווא צו געהן, וואס דאס וועט זייא נאך מעהר פערבלענדען אז זייא וועלען גאר ניט וויסען ווא זייא זיינען אין דער וועלט, איין טריט ווייטער צו שטעלען, נור והלכו עמים לאורך ומלכים לנוגה זרחיך, דיא שיף אויף׳ן ים אין דער פינסטערנים ווערט בעלוכטען איהר וועג צו קאָמ־ען צום ברעג, פאן דיא שיינענדע אונד שטראַהלענדע ליכט פאן ליכט טהורעם וואס שטעהט פאן וויטען ביים האַפען, ניט צו ברייננגען דיא ליכט צו דיא שיף.

10) דער לאָקיישאָן פאן דיא פריעד געריכט דארף זיין דער צענטער אונד גבוה מכל ארצות, דיא גאנצע וועלט זאל קענען זעהן איהר ליכט.

דער קריעגס פלאַן.

אם ענדע, דיא בעזאנדערע קריעגס מעטהאָד אויפ׳ן שלאַכט פעלד, ווען דיא פיינד וועלען זיך שטעלען געגען אייך אדער אייך אנגרייפען, בנימן זאב יטרף בבקר יאכל עד ולערב יחלק שלל, הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא, לא ישכב עד יאכל טרף ודם חללים ישתה, וועלכע טהיר מע־טהאָד האַלט איין פאלגענדע קריעגס פרינציפס:

1) כל מקום אשר תדרך כף רגליכם לכם נתתיו, דעם באָדען וואס איהר וועט נור בעטרעטען איז געזיכערט אייערע, ניט צו ווערען צוריקגעשטאָסען פאן אייער גענומענע פאָזיציאָן.

2) אייך וועט קיין מאל פארקאממען אינערליכע גע־רילאַ שטרייט מיט דיא בעזיגטע פיינד.

3) אייער נעהמען פאזיציאן וועט קיין מאל זיין מיט׳ן פערטרייבען דעם פיינד דורך אומברייננגג אונד פערניכטונג זייערע שטעדט, הייזער אונד פעלדער, נור פערניכטען אונד צו נעהמען דעם פיינד פאן זייערע האָמס, אונד בעזיצען זייער רייכע אייגענטהום.

4) קיין מאַכט אדער אינטערנאציאנאל וועט אנטהייל נעהמען אין אייערע נצחונות פאן וועלכע פאך, צו וואס פאן

אייער נצחון וואס צו געווינען, אדער אין וועלכע פערמיטלונג מיט׳ן בעזיעגטען פיינד.

דער וואָלף ווען ער בעפאַלט איין סטאַדע שעפסען, וויא הונגעריג ער זאל זיין, וועט ער ניט האַפּען איין שעפס אונד זיך נעהמען צום עססען, דיא צושראקענע שעפסען זאלען הע־רום איהם בעקען אונד מעקען, אונד איהם בעאונרוהיגען מיט זייער גערויש. ער וועט ניט נעהמען איין ביססען זיין הונגער צו שטילען עד דנח רגזו, וויא דיא חז״ל זאגען, וואָ ער וועט ניט פריהער אויסוערגען יעדער איינציגען שעפס וואס געפינט זיך אין סטאַדע, אונד דאַנן זיך נעהמען רוהיג אונד זיכער צו דער אבילה.

איהר וועט ניט פערטרייבען דעם פיינד פאן זייערע שטעדט אונד בלייבען בעלאגערט פאן פערביטערטע ראבע־זוכער, אדער זיך העריינדרינגען אין צענטער פאן לאנד, אונד דאנן זיך הערום יאגען אונד הערום פייטען אין איין גערילא פייט, מיט דיא צושראקענע אונד צולאָפענע אונד בעהאַלטע־נע רוהע שטערער. אייער מעטהאָד וועט זיין צו נעהמען פאזעשאָן פאן הערום צום צענטער, בבקר יאכל עד ולערב יחלק שלל, איהר וועט ניט אויפציהען אייער פלאַג אונד גרינ־דען אייער פאזעשאן אויף דיא בעזיעגטע לאַנד וואָ איהר וועט ניט בעפאר אויסוערגען יעדער איינציגען רוהע־שטערער, אונד וואָ אייער פיס וועט זיין בעטרעטען, וועט שאן זיין דיא לאַנד קליער באין נודד כנף ופצה ומצפצף, אונד דאנן רוהיג אונד זיכער געניסען פאן אייער נצחון.

הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא, דער שטעלען זיך גע־

גען דעם פיינד וועט ניט זיין וויא איין וואָלף, וואס איין וואָלף שרעקט זיך א מאל אב, זאוויא פאן פייער ליכט אדער פאן איין העפטיגע אבוועהרונג, אבער איין לייב, טיגער, לעמפערט איז מיט קיין מאכט אונד מיטטעל אין דער וועלט איהם אבצושרעקען פאן זיין איבערפאלל, אונד יעדער אנוועגדונג מאַכט זייא נאך גרויזאמער אונד געפעהרליכער, אבער דער דורכפיהרונג פאן דעם איבערפאַלל וועט זיין וויא איין וואָלף, לא ישכב עד יאכל טרף ודם חללים ישתה, (תרגום, לא ישרא בארעיה עד דיקטול קטול ונכסי עממיא יירת), ער וועט קיין אויגענבליקליכע רוהע געהמען וואָ ער וועט ניט בעפאר פערניכטען יעדער איינציגען אונד אבראַמען דעם באדען פאן יעדער איינציגען פייגד אונד רוהע שטערער, אונד דאנן ונכסי עממיא יירת, וויא מיר האבען גערעדט, ניט צו פערניכטען דיא לאַנד, שטעדט, הייזער, פעלדער, אום פאן זייא צו פערטרייבען זייער בעזיצער, נור פערניכטען דעם פיינד אין זייער היימס, אונד בעזיצען זייערע רייכקייט, לתת לך ערים גדולות אשר לא בניתה, ובתים מלאים כל טוב אשר לא מלאת, ובורת חצובים אשר לא חצבת, וכרמים וזתים אשר לא נטעת, ואכלת ושבעת, זיכער אונד רוהיג געניסען דעם נצחון. הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב, (תרגום, הא עמה בלחדיהן עתודין דיחסונן עלמה, ובעממיא לא יתדנין גמירא), אליין אין זייער רעגירונג, אליין אין זייער מלחמות אונד נצחונות, אליין אין זייער לאַנד בעזיצונג, ניט צו האבען וועלכע פערבאנד אונד בעריהרונג מיט דיא אינטערנאציאנאלע געזעצע אונד טריטיעס.

דיא וואָלף'ס קריעגס־מעטהאָד האט דיא ערשטע מאַכט, דער ערשטער קעניג אין דיא היסטאָריע, שאול המלך פיר וועמען דיא קריעגס־פלאַן איז דעם ערשטען געגעבען גע־וואָרען, געזעהן דורכצופיהרען מיט דיא העכסטע שאַרפקייט אונד פינקטליכקייט, אין דיא ערשטע בעשלאָססענע אונד זיעגרייכע מלחמה, מיט דיא שבועה גדולה לאלהים, ארור האיש אשר יאכל לחם עד הערב ונקמתו מאויבי, ולא טעם כל העם לחם, מיר מוזען זעהן דורכצופיהרען אונזער וואָלף'ס פלאַטפאָרם, אונד טאָרען ניט נעהמען איין ביססען ברויט אין מויל וויא הונגעריג אונד מיעד מיר זאלען זיין עד הערב. לא אשרי בארעיה עד דאקטיל קטיל עד דנח רוגזי ונקמתי מאויבי, מיר טאָרען קיין רוהע נעהמען וויא שוואַך אונד מיעד מיר זאלען זיין, ביז וואַנען דיא לאַנד וועט זיין געקליערט פאַן יעדערן איינציגען פיינד, עס טאָר קיין לעבען בלייבען וועלכע זאל שטערען אונזער רוהע, אונד דאַנן נחלק שלל ונכסי אויבינו נרש, רוהיג געניססען פאַן דיא שלל אויבינו, וועלכע דיא פאָלק האט דאס הייליג געפאָלגט.

כתר שם טוב.

אינטערנאַציאָנאַליטעט אונד ציוויליזאַציאָן.

כתר שם טוב, דער קראָהן פאַן איין גוטען נאמען וועלכע איז עולה על גביהן, דער הויפט פאַן אלע קראָהנען, וואס

אלע קראהנען פאן כתר תורה, געזעצע, כהונה, נאציאנאלי־טעט אונד רעליגיאן. כתר מלכות, דיפלאמאטיע אינד אינ־טערנאציאנאליטעט, מוזען טראגען דעם קראהן פאן גוטען נאמען, דער העכסטער אונד לעצטער פפליכט וואס דיא מענשהייט האט צו ערפילען פיר זיין צוועק אונד ציעל אלס בחיר הנבראים, פיר איין עוויגע אונד אונשטערבליכע עקזיס־טענץ, וחי אחיך עמך, דיין מיטמענש זאל לעבען אונד עקזיסטירען מיט דיר צוגלייך, ווען פאן וועלכע אורזאך פעהלט איהם דיא געהעריגע מיטעל זיין לעבען אויפצוהאלטען, מוז זיין אויפגעהאלטען מיט דיין מיטעל, זאלאנג דיינע בעוועגונג־ען אונד שטרעבונגען איז נור ממקום שיצאו שם הם שבים, אלס צו זיך אונד פיר זיך, ניט שלח לחמיך על פני המים, געטהאן וואס פיר דעם צווייטען, איז ניט זא דוא האסט נאך געטהאן פיר דעם גוטען נאמען, ווייל ניט געטהאן וואס פיר דעם צווייטען, נור דוא האסט נאך פיר זיך פיר דיינע אייגענ־נוצען גאר ניט געטהאן.

דיא צייט איז דיא מאכט פאן בעשאפונג, אהנע צייט ווערט קיין זאך. זיא איז אבער איין גרעסערע מאכט פאן פערניכטען. עס קען אוועק געהן איין צייט וואס דוא זאלסט גאר ניט בעשאפען אונד אויפטהאן, עס געהט אבער קיין צייט אוועק אהנע פערניכטונג. דיא ערווערבונג וואס דוא בריינגסט צו זיך פיר דיינע פארדערונגען, איז וואס מעהר צייט, אלס מעהר פאן דיר פערלארען. דיא ערווערבונג אבער וואס דוא שיקסט הערוים פאן זיך פיר דעם צווייטען איז ברוב ימים תמצאנו, וואס מעהר צייט אלס מעהר געפונ־

ען. זורע צדקות מצמיח ישועות, קיין שפראצונג קאמט הע=
רויס ווא דער געזונטער זאמען מוז ווערען בעפאר צו ווייקט
אונד פערניכטעט, נור מיט דעם אונטערשיעד, דער נאטיר=
ליכער זאמען קען מעהר וויא איין מאל ניט מאכען שפראצען,
אונד דער זאמען פאן צדקה וועט מאכען שפראצען זיינע
הילפע עוויג. אמת חייך קודמין לחיי חברך, אבער פיהלסט
דוא זיך דעם טאג פערזארגט, איז דיין נעכסטע אויפגאבע ניט
דאגת מחר פיר זיך, נור דאגת היום פיר דעם צווייטען, אזוי
איז ביי איין פרט אונד אזוי ביי דעם העכסטען כלל
מהכללים.

עס איז עהרליך אונד געזעצליך זיך צו ארגאניזירען פריי-
הער מיט דיא אלע קראהנען, פאן כתר תורה, אינערליכע
נאציאנאלע אינטערעסען, כתר מלכות, אויסערליכע אנגעלע=
גענהייטען צו זיכערען איין רוהיגען עקזיסטענץ, אבער דאס
איז נאך אלץ פיר אייגעננוצען אונד ניט עטוואס געטהאן פיר
דעם קראהן פאן גוטען נאמען. פיהלט איהר זיך מיט דיא
צווייא קראהנען פערזארגט דאן איז דיא נעכסט אינטערנא=
ציאנאלע פפליכט דיא העכסטע מאראלישע אונד מאטעריא=
לישע מאכט פאן דיא מענשהייט צו טהאן פיר ציוויליזאציאן
אדער מענשענרעכטע, פיר דיא וועלכע האבען קיינע מיטעל
אונד מאכט דיא רעכטע זיך צו פערשאפען, אונד וועלכע
זיינען אויך בעשאנקען מיט דיא מענשענרעכטע וויא דוא.

דיא וועלט היסטאריע האט נאך אבער ניט געוויזען
וועלכע אינטערנאציאנאל, מיט איהר גוואלטיגע מאכט פאן
מיליטער, וואפען, פעסטונגען, אוצרות, מיט פאליטישע אונד

דיפלאמאטישע פערבינדונגען. פאן מלכים, שרים, גבורים, מיט אזא קראַהן פאן שם טוב צו שטעהן פיר מענשענרעכטע אונד ציוויליזאציאן, וויא דיא פרייע קאלאניסטען אונד רוהיגע היים־ליעבער דיא שבטי ישראל.

קיין מאַכט, צו נאציאנאל אדער אינטערנאציאנאל, האט איין רעכט זיך צו מישען אין אינערליכע נאציאנאלע ארדער, צו דיקטירען אונד קאָנטראלירען איהרע אינערליכע רולס, געזעטצע, וועלכע זיינען זיך צו בעשיצען פאן דעם קלענסטען ביז דעם גרעסטען קריים, וויא אָפטען עס זאל טרעפען, זאָ־לאַנג דיא פערברעכער זיינען אונטער קאנטראל פאן תורות, חוקים ומשפטים, שופטים ושוטרים, אונד ווערען בעגאנגען פאן פרטים בעהאלטען פאן דיא געריכט אונד געזעצע, וואס זאלכע שעדליכע ענדערונגען זיינען פאַססירענד אין דער נאַ־טור, אונד זייערע הזהרת ועונשין פארגעשריעבען אין איין ספר החוקים. אבער זאלכע אונאָרדנונגען פאן אויסערנאַ־טירליכע ענדערונגען, זאלכע קריימס וועלכע ווערען בעגאנגען פאן כללים אין עפפענטליכקייט, אהנע וועלכע פראטעסט פאן וועלכע געזעצע אונד קאנטראל, וואס אזא אויסברעכונג איז שאן ניט אין דעם גדר צו זיין אונטער דיא קאנטראל אונד מאכט פאן געזעצע אונד ארדער, ווייל איהר אויסברעכונג איז דיא פרצת גדר פאן וועלכע ארדער, רול, קאנטראל, אונד זאלכע קריימס וואס עס איז ניט אין דעם גדר אז אזהרות ועונשין פאן בעשיצונגען פאן זאלכע טרעפונגען, זאל זיין פאַר־געשריעבען, אין וועלכע געזעצליכע סיסטעם פאן איין ציווילי־זירטע געזעלשאַפט, ווייל קיין ציוויליזאציאן באראקטער קען

פארקאממען פארצושרייבען אזהרת ועונשין אויף זאלכע אונ־
נאטירליכע גרויזאמע ווילדהייט װעלכע איז הערוים פאן חוק
האנושי, וויא סדום, מסע הצלב (דיא קרייץ־פאהרער), בלו־
טיגע האָכצייט, אינקוויזיציאן, פלגש בגבעה, מיט איינעם
וואָרטע, אז איין כלל זאל ווערען פערוואנדעלט אין חיות
טרפות, אדער װעלכע עקזיסטענדע בעשטימטע געזעצע פאן
װעלכע פאלק רעגיערונג, וואס האט קיינע צוועק פיר װעלכע
נוטצען פיר מענשהייט אונד ציוויליזאציאן פאן װעלכע פאך
פיר דעם כלל אדער פרט, נור איין צוועק פאן ברוטאל
אונד בארבאריזם, וואס זאלכע פערברעכונגען איז איהר גע־
זעצליכע קאנטראל, ניט אונטער ספר החוקים פאן װעלכע
געזעלשאפטליכע בעשטימונג, נור אונטער חוק האנושי אונד
חוק האדם װעלכע האט קיין גרענעץ פאן װעלכע צייט, אבטהיי־
לונגען, פאן װעלכע ארגאניזיישאנס, פערבאנד, טריטיעס, אינ־
ערליכע אדער אויסערליכע, וויא מיר האבען גערעדט, װעלכע
עס האט עקזיסטירט מיט'ן געבורט פאן מענשהייט נאך בע־
פאָר דיא עקזיסטענץ פאן תורות אונד נאציאנאליטעט, אין
אזא פאך איז קיין אנדער פראטעקציאן, פראטעסט אונד פער־
אנטווארטליכקייט, וויא דיא אינטערנאציאנאלנע מאַכט פאן
דיא גאנצע מענשהייט, וייל זאלכע אויסברעכונג הייסט דיא
נאציאן האט פערלארען איהר קאנטראל אלס כלל, אונד דיא
אינטערנאציאנאל איז אזוי איין כלל געגען דיא נאציאנאל, זאָ
וויא דיא נאציאנאל געגען איהר פרט, אונד האט אזוי רעכט
צו פראטעסטען וואָ דיא נאציאנאל האט פערלאָרען איהר
ציוויליזאציאן קאנטראל, זאָ וויא דיא נאציאן אויף איהר פרט.

ויבאו שוטרי בני ישראל ויצעקו אל פרעה לאמר, למה תעשה כה לעבדיך, תבן אין נתן לעבדיך, ולבנים אומרים לנו עשו, והנה עבדיך מוכים וחטאת עמיך (רש״י), דבר זה מביא חטאת על עמיך, כאלו כתב וחטאת לעמיך. זא וויא דיא אינטערנאציאנאל האט קיין רעכט צו פראטעסטען אויף דיא אינערליכע נאציאנאלנע טריטיעס פאן כלל נאציאן מיט איהרע פרטים, זא האט קיין אונטערטהאַן נאך מעהר קיין רעכט צו פראטעסטען דיא בעפעהלע פאן איהר מאנארך, צו פאן איין פרט, קלאסע, צו אפילו פאן דער גאנצער כלל, אונד אזא אָפפענער האַרטער פראטעסט וויא למה תעשה כה לעבדיך וחטאת עמיך, פיר אזא שטרענגען מאָנאַרך וויא פרעה, איז רעוואָלוציאן אונד מורד במלכות אונד איין חטא משפט מות, זייא זיינען דא געקאמען אבער מיט זייער אָפענ־עם פראטעסט מטעם הדיפלאמאטיע וחוק הנאציאנאל והאינטערנאציאנאל אונד ציוויליזאציאן, נעמליך:

ראה ראיתי את עני עמי אשר במצרים, ואת צעקתם שמעתי מפני נוגשיו, כי ידעתי את מכאוביו, מיר האבען אויף אונזער ענוי אין מצרים ניט אזוי קיין פראטעסט אויפגעהויבען נור אפילו פיר קיינעם זיך בעקלאגט, ווייל איינמאל אונזער פאטער׳ס טריטיע טארען מיר איהר ניט ברעכען, אונד טרא־גען מיט דיא גרעסטע געדולד אונד בראווהייט, אבוואהל זיא איז געוועזען פראטעקטאבעל, ווייל ניט אזא ענוי איז געוועזען גע־מיינט אין דיא טריטיע פאן ועַנוּ אותם, אונד דאס וואס מיר האבען אמאל יא אויסגעשריען פאן גראס ווייטאג איז געוועזען נור פאן דיא בארבאריזם פאן דיא ברוטאלע נוגשים, אין

דעם דורכפיהרונג דעם ענוי מיט וועלכע רשעות אונד נגישות זייא האבען דאס דורכגעפיהרט, וויא מיר האבען דעם ענין אין אונזער מאמר (הצלה ופריקה).

קיין אָפּפּערונג וואס איין רעגיערונג פאדערט פאן איהר פאלק, אדער דער כלל גאציאן פאן איהר פרט, אפילו ביז דעם לעצטען טראָפּפּען בלוט, הייסט קיין קריים געגען דיא פאלק, אדער איין נאציאנאלנע קריים געגען דיא ציוויליזאציאן זאלאנג דיא אפפערונג איז פיר דיא וואהל אונד נוצען פאן דיא רעגיערונג אונד נאציאן. מיר האבען ניט פראטעסטירט אויף דעם קוצר רוח מעבודה קשה, ניט צו האבען געשאנקען איין פרייען אטהעם, וואס איז אויך אזא אורזאך פיר פראָטעסט וויא דיא אורזאך פאן ועבדיך מורים, ווייל דאס איז נאך אליין קיין נאציאנאלנער קריים, ווייל מיט אונזער עבודת פרך האבען מיר געשאפט דיא העכסטע נוצען פיר דיא נאציאן, טרעזשעריעס, פעסטונגען, וואס דאס איז דיא וויכטיגסטע אין איין מאַכט, אונד אזא פראטעסט וואלט ניט געווען פאליטיש גערעכט נאך דיא נאציאנאלנע טריטיעס. מיר האבען קיין פראטעסט געמאַכט אויף דיא שוידערהאפטע גזרה צו רייסען דיא יונגע ליעבלינגס פאן דיא מוטערס אַרעמס אונד ווארפען אין טייך, וואס דאס איז טויזענד מאל מעהר שמערצליך אונד וועהטאג, אונד מעהר אורזאך פיר אזא געפעהרליכע פראטעסט וויא דיא אורזאך פאן ועבדיך מורים. עלטערן אָפּפערן זייער לעבען אונד וואַרפען זיך אין פייער פיר זייערע ליעבלינגס, אונד וואָלטען זיך בעססער אליין געוואָרפען אין וואססער איידער צו זעהן אזא שוידערליכע סצענע פיר זייערע

אויגען, ווייל מיט דיא שמערצען אונד אפּפער פאן כל הבן הילודו היאורה תשליכוהו, איז צו רעטטען דיא קעניגטהום אונד לאַנד פאן איין געפעהרליכען רעבעלער, וואס וועט שטירצען דיא מאכט פאן דיא נאציאן, וויא רש"י אונד דער מדרש בריינגען אף על מצרים גזר, אונד עס איז געוועזן איין אָפפענער קאנפערענץ פאן דיא גאנצע לאַנד, אז זייא מוזען געבען פריי־וויליג זייערע געבארענע קינדער אונטער דיא צייט, נור דיא מצרים האבען ערקלעהרט עס קען ניט זיין דער געבורט פאן זייא נור פאן דיא ישראל, אונד דיא גזרה איז געבליבען נור אויף דיא ישראל.

אבער למה תעשה כה לעבדיך, צו וואס פיר איין צוועק טהוכט דוא דאס ? דאס מוז דאך בריינגען דעם גרעסטען שאדען פיר דיא לאנד אונד קעניגטהום, עס איז פאן אונמעג־ליכקייט צו מאכען דעם זעלבען צאהל ציגעל, אונד דאס אויס־פעהלונג פאן דיא ציגעל אין יעדער טאג מוז מאכע איין גראָ־סע שטערונג אין אזא וויכטיגע אונטערנעהמונג וויא פעסטונג־ען, טרעזשוריעס, אין איין לאנד, אונד אזא דאָבעלפאביגע זינד, פעראורזאכען איין שאדען פיר דיא נאציאן, בלאָס פיר דעם צוועק פאן קרועלטי אונד בארבאריזם, צו ערנסטע אונד געטרייע אונטערטהאַן, צו געבען דיא נוגשים איין שווערד אין האַנד אונז צו שלאגען אונד צו פייניגען, איז געבראָכען דיא שטאַרקסטע נאציאנאלע אונד אינטערנאציאלע פערבאנדס אונד טריטיעס פאן ציוויליזאציאן אונד מענשענרעכטע, אונד איז דיא גרעסטע קריים וואס איין קעניג קען בעגעהן געגען זיין פאָלק, אונד דיא פאלק אין כלל געגען איין פרט אדער קלאַס־

סע, אונד דער גרעסטער נאציאנאלנער קריים וואס איין נא־ציאן קען בעגעהן געגען ציוויליזאציאן אונד הומאניטי, וועלכע איז געזעצליך פראָטעסטענד פאן דיא העכסטע אינטערנא־ציאנאלנע מאכט ביז דעם איינצעלנדען נידריגסטען אונטער־טהאן.

אלזאָ דער אלגעמיינער אויפריהר אונד פעראייניגונג פאן דיא שבטי ישראל איז ניט געוועזן בלאז דירעקט אויף דיא טרעפונג פאן דיא קריים, נור וואס דאס איז געטהאן געווארען עפענטליך אין אלגעמיין, ניט בעהאלטען, ניט פראטעסטענד פאן וועלכע קאָנטראל, ניט פאן דיא געזעצע אונד ניט פאן דיא ציוויליזאציאן, וויא זייער ערקלעהרונג איז געוועזן, אשר לא נהיתה ולא נראתה, וואס עס האט ניט פאססירט אונד ניט געזעהן געווארען, דיא זאך וואס האט קיינמאל פאססירט קען ניט זיין געזעהן. ווידער דיא ערקלעהרונג איז קיין אורזאך אויף דיא באלדיגע ענערגישע אויפרעגענדע בעשלאָ־סענע בעוועגונג. דער כאראקטער פאן געזעצע אונד געריכט איז פערקעהרט, אז דעם ערשטען מאל ווערט איין פערברע־כען אמאָל פערשווינט אדער איין גרינגערע שטראף, אונד דיא קלענסטע זינד וואס איז אויפגעבראכען אונד אָפטע טרעפונג־ען, איז צו נעהמען דיא שטארקסטע אונד באלדיגסטע מיט־טעל געגען איהר. אין אנדערע הענד איין קריים פאן איין חטא משפט מות איז קיין פראגע אין זיין אורטהייל, צו האט דאס אמאל געטראָפען, צו דעם ערשטען מאל, איין רוצח ווערט זיין טאָדטשטראף ניט פערשווינט ווען עס זאל דאס האבען געטראפען וויפיעל מאל, אונד ניט שטארקער דער

שטראף וועץ דעם ערשטען מאל.

אלזא, ויתהלכו משם בני ישראל בעת ההיא איש לשבטו ולמשפחתו ויצא משם איש לנחלתו, בימים ההם אין מלך בישראל איש כל הישר בעיניו יעשה. עס איז נאך ניט געוועץ אין דיא היסטאָריע אזא פעריאד, וואס זייא האבען געלעבט אין אזא פערזעהנליכע היים־פרייהייט וויא דיא צייט. יעדער אין זיין קאלאניע פאן זיין שבט, אונד אין שבט אונ־טער זיין נחלה אונד משפחה, וויא דיא פראכטפאללע היימס וואס בלעם האט געזעהן דיא שבטי ישראל שכן לשבטים, געלעבט אונטער זייערע פרייע האם רולס אונד ארדערס וויא יעדער, שבט, משפחה, נחלה, האט געפאסט פיר איהרע בע־קוועהמליכקייט, אונבעגרענצט אין זייערע פערזעהנליכע היים־פרייהייט, אָהנע מינדעסטע אויסערליכע קאָנטראל אונד שטערונג פאן וועלכע אלגעמיינע פערבאנד אונד אלגעמיינע געזעצע, אונד קיין שבט, נחלה, משפחה, בית אב, האט אויף קיינעס וועג געהאט דאס רעכט זיך צו מישען, קאָנטראָלען, אדער פראטעסטען, דיא אינערליכע אנגעלעגענהייטען, רולס, ארדערס, פאן איין אנדער שבט, משפחה, נחלה, פאן זאלכע טרעפונגען פאן שנוי הטבע, וויא מיר האבען גערעדט, וואס קען פאססירען אונד האט פאססירט אונד דארף אמאל פאס־סירען מיט דיא נאטור געזעצע אין דיא העכסטע ציוויליזירטע געזעלשאפט, וועלכע עס קען פארקאמען זייא פארצושרייבען אין איין ספר החוקים ומשפטים ושופטים, אונד ברייננען אונ־טער קאנטראל פאן אזהרת ועונשין דורך געועצליכע ריכטער.

אבער זאלכע אלגעמיינע עפפענטליכע אויסברעכונגען

פאן איין שטירצונג דיא ציוויליזאציאן אונד מענשענרעכטע, וואס זאלכע טרעפונגען איז ניט אין דער רעגעלע נאטור גע־זעצע עס זאל וועך פאססירען, אונד ניט געזעהן געווארען אין וועלכע ספר החוקים וועלכע געזעצליכע סיסטעם פאן זאלכע טרעפונגען זיך צו פראטעקטען, ווייל אונטער ציוויליזאציאן קען ניט פאַרקאָמען זאלכע טרעפונגען זאלען פאססירען, אונד ווען עס זאל פאססירען מיט יצא מחוק הגבול הטבע, איז געזעצע אונד געריכט אונד ריכטער קיין קאנטראל פיר זאַל־כע אויסברעכונג, וויא מיר האבען גערעדט, אז מען זאל זייא פערשרייבען אין וועלכע געזעצע סיסטעם, טרעפונגען פאן אזא פאך איז ניט אונטער וועלכע גדר גבול, אבטהיילונגען, קלאַססען, פלייס, אינערליכע אונד אויסערליכע געזעצע, פאן וועלכע פערבאנדס, טריטיעס, תנאים, נאציאנאלע אדער אינטערנאציאנאלע, נור אונטער דיא קאנטראל פאן חוק האנושי, מענשענגעזעצע, אונד דיא פעראנטוואָרטליכקייט איז אויף דיא אומפאנג פאן דיא גאנצע מענשהייט, כאיש אחד זאלכע אויסבריכע צו שטערען אונד פאן זייא זיך צו פראָטעק־טען, קיינע צייט צו פערלירען.

בימים ההם אין מלך בישראל, איש כל הישר בעיניו יעשה, אויסערדעם וואס עס איז שאן דעם דריטטען מאל דאס דערמאָנט אין דיא געשיכטע, איז דיא מערקווירדיגסטע אין דעם, מיר ווייסען אלע ווען קעניגטהום האט אנגעהויבען צו עקזיסטירען אין דיא געשיכטע פאן דיא ישראל, אונד מיר ווייסען דעם פראטעסט וואס דיא קעניגטהום האט בעגעגענט עס איז גאר קיין אידעע געוועז אז קעניגטהום זאל אמאל עק־

זיסטירען אין דיא ישראל, נור פאלקס רעגיערונג פאן שופטים אונד נביאים, אונד דער בימים ההם איין מלך ישראל, אנ-שטאט וואס האט געדאַרפט זיין אין שופטים בישראל, אָב-וואהל דאס וואלט געווען איבריג צו דערציילען, אבער דאך ניט געגען לאָגיק אונד היסטאָרישע געזעצע וויא דער אין מלך בישראל וואס לייענט זיך וויא מיר וואלטען לעזען אין אונזער היסטאָריע, אז אין דיא צייט פאן דיא בירגער קריעג, אדער ווען דיא רעפּובליק פאן יונייטעד סטייטס האט געהאַלטען מלחמה מיט שפּאַניען, האט זיא דאנן קיין קעניג געהאט.

אבער שופטים ושוטרים מיינט אויף דיא טריטיעס אדער געזעצע פאן דיא אינערליכע נאציאנאלע אבטהיילונגען אונד זייערע געזעלשאפטליכע אנגעלעגענהייטען, מלך מושל נשיא, הייסט איבערהויפּט אויף דיא אינטערנאציאנאלע פערבאנדס פאן דיפּלאָמאַטישע אויסערליכע אנגעלעגענהייטען. דיא שופטים וועלכע זיינען געווען ביז אהער אין דיא ישראל, האבען קאנטראלירט אונד גערולט ביידע דעפּאַרטמענטס, דיא אינערליכע געריכטליכע אונד געזעלשאפטליכע אנגעלע-גענהייטען, אונד דיא אויסערליכע אינטערנאציאנאלנע דיפּלאָ-מאַטישע אנגעלעגענהייטען פאן אלע זייערע מלחמות. אבער בעת ההיא, אזוי וויא זייא האבען ניט געהאט איין געריכט סיסטעם פאן חוקים אונד משפטים ושופטים אונד געזעל-געזעלשאפטליכע פערבאנד אין זייער אינערליכע אינטערעסען נור כל איש שורר בביתו, יעדער איין פאלקאמער פרייער אונבעגרענצטער הערשער אין זיין היים, אזוי האבען זייא נאך מעהר ניט געהאט איין קעניג סיסטעם פאן וועלכע אינטער-

נאציאנאלע דיפּלאָמאַטישע פערבאנדס אין אויסערליכע אנגעלעגענהייטען, פאן איין שבט מיט דעם אנדערען שבט, וועלכע זאל דורכפיהרען אזא אינטערנאציאנאלע פעראייני־גונג, וואס בייא כל העמים מוז דאס נעהמען גאנצע דיפּלאָ־מאַטישע קאָרפּסען.

אונד דאך איז פאן דיא פרייע קאלאניסטען אונד פרייע היים הערשער, אָהנע מינדעסטע אָרגאַניזאציאן אונד סיסטעם פאן וועלכע נאציאנאלע אדער אינטערנאציאנאלע פרינציפּס דורכגעפיהרט געוואָרען דיא העכסטע אינטערנאציאנאלע מאכט, וואס נאציאנאל אונד אינטערנאציאנאל הייסט אין איהר ריכטיגען זינען אונד פפליכטען, וואס דיא געשיכטע האט נאך ניט אזא ביישפּיעל פאן אזא ציוויליזאציאן פראַ־טעקטונג, צייט נאציאן אונד מאכט איז אין עקזיסטענץ.

אזא נאציאנאלע מאכט קען מעהר ניט דורכגעפיהרט ווערען פאן אזא פאלק וואס איהר נאציאנאליטעט איז ניט געמאכט, ערווארבען אונד געווארען, נור מיט איהר בעשאַ־פען אונד געבארען, איהר טאלענט אונד אייגענשאפטען. איין קראפט פאן איין דרייפאכיגע הייליגטהום ממלכת כהנים וגוי קדוש, איין פעדאיינגונג פאן איין איינהייט, נאציאן, רעלי־גיאן, ראסע, וועלכע איז העכער פיר דיא נאטור עלעמענטס פיר איין עוויגע עקזיסטענץ, וואס דיא הייליגטהום פאן דיא נאציאן מוז אם ענדע דורכגעפיהרט ווערען אין דעם צירקעל אונד צענטער פאן הייליגטהום, אין דיא לאנד ארץ ישראל אשר עיני ד׳ עליה תמיד, וועלכע איז געוועז אבגעצייכענט אונד אבגעגרענצט מיט איין שארפען געאגראפישען אבצייכ־

נונג באצבע אלהים, זא וויא דער כתב אלהים וואס קען ניט אבגעמעקט ווערען, פיר איין פאלק וועלבע זיינען איינע אונטער דיא זון, מיט דיא דרייא געבאָרענע איינענשאפטען פאן רחמנים ביישנים גומלי חסדים, טוגענד, מאראל, פילאנ= טהראָפי, צו זיין איין עם כולם צדיקים פאן צדק צדק תרדוף ותשפוט בין העמים והגוים, לבל ישאו גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה, וויא דיא ברכה ונברכו בך כל משפחות האדמה וגויי הארץ, אַלס אב המון גוים, וגוי גדול וקדוש, איין גראָססע מאַכט אונד הייליגע פאָלק אין דיא הייליגע לאַנד, במהרה בימינו אמן.

ענדע ערשטע טהייל פאָן „דיא נאַציאָנאַלע מגילה.“

די

נאציאנאלע מגלה.

The National Roll

צווייטע טהייל.

פאָן

אליעזר פליישמאַן.

דיא דעבאַטעם.

וואס זאל זיין דיא הויפט פאָלקס־טיטעל ?

דיא דרייא אייגענשאפטען נאציאן, רעליגיאן אונד ראַסע, האט צוטהיילט דיא וועלט אין דרייא פערשיעדענע קלאַססען אין זייערע בעגריפע אונד בעהויפטונגען פאן איהר יחוס, היס־טאָריע, מאַכט אונד פראקטישע שטאַנדפונקטען, וועלכע אייגענשאפטען פאן דיא דרייא זאל זיין דיא הויפט טיטעל אונד פאלקס־בעצייכנונג.

דיא בעהויפטונג פאן דיא ערשטע קלאַססע איז : אז ראסע דארף זיין דיא הויפט פאלקס בעצייכנונג פאן אלע איהרע שטאנדפונקטען, נעמליך : דיא גאנצע וועלט איז איינגעטהיילט אין ראסען, שבטים אונד משפחות, אבוואהל זייא האבען קיין תולדות היחוס, דור צו דור, פאן איין ריינע פפלאנצונג, צווייג פאן צווייג, וויא מיר. דאך האט אמאל אזא יחוס פאן לתולדותם למשפחותם עקזיסטירט אין זייערע היסטאָרישע געבורט (עיין בראש פרקין), אבער קיין גוי עם ולשון וועלכע זאל האבען איין יחוס האבות, צו רופען זייער נאציאנאלנעם שטראם נאך איין קוועללע אונד ווארצעל פאן פאטערס, ווייל אזא יחוס פאן לתולדותם, למשפחותם, לבית אבותם, האט ניעמאַלס עקזיסטירט אין זייער געשיכטע. דער העכסטער שטאָפעל פאן זייער געשיכטע איז געווען למשפחותם, פאן למשפחותם איז שאן געווען בגויהם אין

איין אלגעמיינע פערמישונג אין די פערשיעדענע ראססען, אהנע בעשטעטטיגונג ווער דער פאטער פאן די געבורט אונד ראסע איז געוועזען (עיין לעיל).

נור איין פאלק אונטער די זון וועלכע האבען איין יחוס האבות פאן זייער ערשטען נאציאנאלנעם ווארצעל, צווייג פאן צווייג, פאן תולדות שם ביז אבי כל בני עבר, פאן אבי עבר ביז פקודי בני יש־אל לתולדותם, למשפחותם, לבית אבותם עד היום הזה, וויא די ערשטע עדות התורה אויף די טהרת המשפחה פאן די בנות ישראל אין מצרים, מיט די פראקלאמיישאן פאן שולמית בת דברי, אלס די איינציגע אונד קיין צווייטע אין איהר לייכטזיננינקייט אין די גאנצע פאלק, אונד די אנדערע עדות פאן די חז״ל אויף די בנות ציון אונד ירושלים, אז אפילו איין איינציגע האט זיך אויך ניט געפונען, נעמליך, פיללייכט זיינען מיר פאן די וואס נשים בציון ענו, אבער הם מלהזכיר צו ברייגנען אויף'ן זינען וועלבע חשד אז בייא אונז זאל זיך געפינען איין דור פאן וועלכע אונמאראלישע אונד לייכטזינניגע אויפפיהרונגען פאן די בנות ציון.

די היסטאריע האט פיר אונז קיין ווארצעל, פרק, קאפיטעל, פאן אונזער אנפאנג. דער קאפיטעל פאן אונזער אנפאנג איז דער אנפאנג פאן די וועלט געשיכטע. זה ספר תולדות האדם ביום ברא אלהים אדם . . . דער ערשטער פרק איז אדם הראשון איין געשלאססענע קייט פאן אבגעצייכנעטע אונד אבגעזאנדערטע רינגען, רינג אין רינג, אדער צווייג פאן צווייג, פאן אדם ביז די קאמפליטע נאציאנאל

ענטוויקלונג.

מאלה נפרדו איי הגוים לתולדותם, למשפחותם, בארצותם, ללשנותם, בגויהם. פאן דיא אונד פאן דאנען האט זיך אנגעפאנגען דיא ענטוויקלונג פאן דיא פעלקער, אבער ניט פאן דיא אונד פאן דאנען איז דער אנפאנג פאן אונזער פאלקס ענטוויקלונג, נור פאן אדם הראשון אן איין הפסק ביז דעם יחוס פאן מלכי יהודא וישראל אונד ירושלים, פאן ירושלים ביז בבל, פאן בבל ביז דעם יחוס פאן זרבבל, אונד פאן דאנן עד היום הזה ועד סוף כל הדורות.

והגדת לבנך ביום ההוא בעבור זה עשה לי אלהים בצאתי ממצרים (רש"י), הכתוב מלמדך שתפתח לו בדברי אגדה המושכים את הלב, אלזא ווא עס קאמט פאר דער לשון אגדה אונד אמירה, אין נאציאנאלנע אנמערקונג, איז נעמליך : בייא היסטארישע ערצעהלונגען פאן געאגראפישע פאלק אונד נאציאנאל ענטוויקלונגען, איז אגדה. בייא דברי הימים אדער ספר הדורות, פאן ביאגראפישע בעשרייבונגען פאן געבורט אונד יחוס, וועלכע האבען קיין משכת הלב, איז אמירה. ראיה וזכר לדבר, כה תאמר לבית יעקב, אלעס פריוואט געבורט אונד יחוס, ותגד לבני ישראל, אלעס פאלק אונד נאציאן.

זכור ימות עולם בינו שנות דור ודור שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך, געדיינק דיין ביאגראפיע נאך פאן דיא טעג פאן דיא וועלט בעשאפונג, פאן דיא צעהן דורות מאדם עד נח, אונד פאן דיא צעהן דורות מנח עד אברהם, אונד פאן אברהם ביז דיא אויפבליהונג פאן דיא שבטי ישראל, אלעס

איין קאָמפּליטע נאַציאָנאַל פלאַנצונג. מערק דיא יאָהרען פון יעדער דור ביז וואנען ער האט אויפגעשטעלט דעם אנדערען אבגעזאנדערטען דור, אלעס דער אבגעצייכנעטער יחוס רינג, אונד וויפיעל יעדער דור האט געלעבט. פרעג ניט אזוי בייא דיין פאטער אברהם, וואס פאן איהם פאנגט זיך שאן אן דיין געאגראפישע היסטאָריע פאן לאנד נאציאנאַ־ליטעט, אויך בייא דיינע צוואנציג גראָספאטערס פאן אדם הראשון, וועלכע וועלען דיר זאגען דיין שארפע פינקטליכע ביאגראפישע ענטוויקלונג פאן געבורט אונד יחוס.

זעה צו האבען דיא דורות פאן חם אונד יפת אונד דיא איבריגע בני שם, יאהרען אין זייער ביאגראַפיע, ווייל אייער יחוס איז ניט בלאָס איין פאלק פאן לאנד שפּראך, לאנד ער־פינדער אונד גרינדער, נור איין פאלקס יחוס פאן געבירער אונד געבורט, פאן פאטער, מוטער אונד קינדער. אבי כל בני עבר, דער ערשטער נאמען פאטער פראקלאמירט אין דיא היסטאָריע, בני אברהם, יצחק ויעקב, שרה, רבקה, רחל ולאה, וואס מוז ווערען געהיט דיא היסטאָרישע געזעצע אין דיא פינקטליכע צייט בעשרייבונג פאן איהר ביאגראפיע, זא וויא דיא צייט בעשרייבונג פאן איין פאלק פאן לאנד שפּראַך, לאנד ערפינדער אונד גרינדער, אונד איהר געאָגראפיע. זאלען געהן כל העמים בייא זייערע פאטערס פרעגען דיא היסטאָריע פאן זייער געאָגראפיע, אונד בייא זייערע זיידעס דעם יחוס פאן זייער ביאגראפיע, וויא דער יחוס ויתילדו למשפחותם לבית אבותם (רש"), כל אחד היביא ספר יחוסם ועידי חזקת לדתם כל אחד ואחד להתיחס על שבטו.

דיא געשיכטע האט געגוג נאציאנאלע הויפט נעמען אונד נאציאנאלעווארצלען, אבער אליך בשמותם עלי אדמות נאך דיא ערפינדער אונד גרינדער, זייער לאַנד שפראך, ארט רעגיערונג, מצרים, כנען, מדין, עמלק, מואב, אבער ניט נאך זייער געבורט אונד ראסע, בני מצרים, בני כנען, בני מדין, זאָ וויא מיר, בני אברהם, בני יצחק ויעקב. בני עמון, בני עשו, אין פ׳ דברים, איז וויל בייא ירושת האבות. זכר ד׳ לבני אדם את יום ירושלים האמרים ערו ערו עד היסוד בה, איז נאטירליך אז דיא איינגעווארצעלטע שנאה פאן אדם אונד ישראל מוז זיין פאן דיא נאטירליכע ראסע, אונד זא אַלע אויסנעהמליכקייט, אונד מיר ווידער אין געגענטהייל. דיא לאנד רעגיערונג אונד דיא גאנצע נאציאנאלע מאכט האט קיינע דירעקטע היסטאָרישע אנערקענונג אויף וועלכע נאמען, קוועללע, ווארצעל, ערפינדער אונד גרינדער, נור אין דעם נאמען פאן גאָטטהייט.

לכה ואשלחך אל פרעה והוצא את עמי ישראל ממצרים (רש״י) ואם תאמר מה יעל יעלו דבריך ותציאם משם, אויף וואס משה האט געפראָטעסט, וויא באלד ניט מעהר וויא דער איינפלוס פאן מיין ריידען, טא וואו איז נאך אזא שלעכט־ ער רעדנער וויא איך? איז געוועזן דער ענטפער ואנכי אהיה עם פיך, מיט דיין מויל פאן כבד פה וועט מען שאן זעהן גאטטהייט, וויא דיא מפרשים זאגען מיט׳ן נאטור קען קיין כבד פה ניט אויסריידען שארף דיאווארטען פקוד פקדתי, וואס מיט קיין ריינע מויל קען דיא גאטטהייט ניט בעוויעזן ווערען, אונד דיין ריידען וועט האבען איין בעזאנדערע וויר־

קונג אונד הילפע, אלזא איז דער אנטהייל אונד איינפלוס פאן משה אונד יציאת מצרים, פיליכט מעהר וויא זיין אנטהייל אין דער תורה, וואס משה ידבר והאלהים יעננו בקול, דאך איז דיא תורה אנערקענט אונד פראקלאמירט אויף דעם נאמען פאן משה, תורת משה וויא תורת ד׳, אונד קיינע דירעקטע פראקלאמאציאן אויף דעם נאמען פאן משה, יציאת מצרים גאולת משה, נור מיוחד אויף דעם נאמען פאן גאטט אליין, אונד דער ערשטער אונד איינציגער דבר מיט דיא אבצייכנונג אנכי מיוחד נור צו גאטט, קיינע אנערקעננונג אויף איין אנדער נאמען, איז ד׳ אלהים אשר הצאתיך ממצרים, וויא דיא חז״ל ערקלעהרען, אנכי ולא יהיה מפי הגבורה נאמרה, ניט אין דעם כלל פאן משה ידבר והאלהים יעננו בקול, וועלבע איז פראקלאמירט תורת משה, וויל משה ידבר על פי ד׳, וויל והאלהים יעננו בקול, אבער אנכי ולא יהיה לך איז על פי ד׳ בקול ובדבר.

בלק האט זיך אויסגעדריקט הנה עם יצא ממצרים, פערלייקענט בני, וועלבע איז מעהר ניט איין פרינציפ פאן ראסע, פערלייקענט ישראל, וואס דאס איז נור איין פאמיליע טייטעל, וואס פרעה האט דאס ערקלעהרט פיר זייער מאבט, כי רב ועצום ממני, אבער קיינע קוועללע פאן איין נאציאנאלנעם שטראם. אלזא איין פאלק אהנע וועלבע נאציאנאלנע היסטאריע, ווער עס זיינען געוועזען איהרע ערפינדער אונד ענטוויקלער פאן איהר נאציאנאליטעט, אדער גרינדער אונד בעזיצער פאן וועלבע לאנד אונד ארט רעגירונג, וויא אונזער נאציאנאלנע היסטארישען יחום, מצרים,

כנען, עמון, מואב, מדין, איין נאציאנאלנע שטראם פאן אונ־
זערע עלטערן, ערפינדער, גרינדער אונד בעזיצער, אויף וועד
מעס נאמען אונזער נאציאנאליטעט איז בעצייכענט, וואס
דארויף האט איהם בלעם געענטפערט, יפה דברת וכן דברת,
ד׳ אלהיו עמו ותרעת מלך בו, אל מוציאם ממצרים, זייער
נאציאנאליטעט האט קיין אנדערע נאציאנאלנע יחוס, היס־
טאָריע, אנערקעננונג, וויא דיא היסטאָריע אונד יחוס פאן
גאטט, וויא מיר וועלען ווייטער ריידען אין נאציאנאליטעט.

ארץ ישראל איז דיא אנערקענונג פאן דיא לאַנד אויף
דעם גאנצען אומפאנג פאן גאנצען פאָלק, שאן זייענדיג אלס
נאציאן, עם ישראלי אונד ירושלים, ניט איין נאמען פאן פרי־
וואט נור איין נאמען פאן טייטעל, וואס זיינען געקאממען אין
דיא לאנד, ניט מיט איין שטראם פאן נאציאנאלנע קוועללע
אונד ווארצעל פאן בעפאריגע גרינדער אונד בעזיצער, נור
וואס גאטט האט זייא געבראכט אונד געמאַכט ערבין אונד
זייא העריין געפיהרט אין זייער הערשאפט אונד פאזיציאן
מיט זיין כח, אונד ניט אויף דעם נאמען פאן זייערע עלטערן,
ארץ אברהם, ארץ יצחק ויעקב, פאן וועמען דיא ירושה איז צו
זייא געקאמען, וויא דיא אנערקעננונג פאן דיא לענדער בני
חם ויפת, אויף דיא נעמען פאן זייערע עלטערן, ערשטע ער־
פינדער, גרינדער אונד בעזיצער, פאן וועמען דיא קינפטיגע
דורות האבען דיא לאנד געערבט, ארץ חם, ארץ מצרים, ארץ
כנען, ארץ בני עמון ומואב, ארץ אשור, מדין, עמליק, אדום,
צרפת, אשכנז, אונד זא ווייטער, וואַ עס ווערט דערמאָנט
דיא עלטערן מיט דיא לאנד, איז אשר נשבעת ואשר

הבטחתם לתת לזרעם, אבער ניט זייא זיינען געוועזן דיא קוועל=
לע פאן וואנען דיא לאנד בעזיצונג פאן דיא נאציאן האט גע=
שטראמט, אונד ניט זייא זיינען געוועזן דיא ערשטע בעזיצער
אונד גרינדער פאן זייער קינדער׳ס לאנד אונד רעגיערונג.

אלזא וועלכע יחוס האבות פאן כל עם ולשון, וואס איהר
געפינט אין זייער היסטאריע איז אלץ דער יחוס פאן זייער נא־
ציאנאליטעט, לאנד, רעגיערונג, שפראך, אונד קיין יחוס פאן
געבורט אונד ראסע. אונזער יחוס אבער פאן אונזערע עלט=
ערן איז קיין יחוס פאן נאציאנאליטעט, ניט עם אברהם, עם
יצחק, עם יעקב, נור בני אברהם יצחק ויעקב, יחוס פאן גע=
בורט אונד ראסע, אונד ווא נור איהר געפינט ויאמר וידבר
פאן גאטט צו דיא פאלק, איז אלס מיוחד, דער טייטעל פאן
דיא ראסע, ניט אל ישראל אדער עם ישראל, נור אל בני
ישראל, אונד ווא עס איז פראקלאמירט אונזער נאציאנאלי=
טעט נאך דיא עלטערן, איז ניט אויף זייער פריוואט נעמען
וויא כל העמים, וואס זייערע נאציאנאלנער יחוס איז ניט זא
קיינע עהרען=נעמען, נור אויך נעמען פאן שאנדע, וויא
פסרותים כסלוחים אשר משם יצאו פלשתים (עיין רש״י),
אונד עמון, מואב, אדום, וואס דער על כן קרא שמו אדם,
איז אויך קיין גראסע עהרען=נאמען, נור אין דעם נאמען
פאן טיטעל מאכט הערשאפט, ישראל אבער ניט אויסגעלאז=
ען דעם הויפט יחוס פאן דיא ראסע עם בני ישראל, וועלכע
מיינט נאציאן, ראסע, הערשאפט, וואס דער בני, דער ראסע
טיטעל, איז דער בריח התכון וואס האלט צוזאממענגעשלאס=
סען דיא צווייא נאציאנאלנע רינגען עם ישראל אין איין עוויגע

מעכטיגע פעסטהייט, וויא דער היסטאָרישער מאָנארך פרעה האט ערקלעהרט.

הנה עם בני ישראל רב ועצום ממני, וויא מיר וועלען ריידען דעם געדאַנק ולא יספר מרוב, זייער ריינע וואָרצלענדע ראסע וויא וועניג זיא איז געגען אונזער נאציאנאלנעם אומ־פאנג, איז זיא אליך פיעל מעהר וויא מיר, וואס פאן אונזער ריינע ראסע חם ומצרים, איבער דיא פערמישונג אין אנדערע פערשיעדענע ראסען, אונד אין דעם גאנצען אומפאנג פאן דיא אלע וואס זיינען אונטער דיא פלאַג פאן מצרים, איז איין זעהר אונבעטיינדע צאהל, אונד מעכטיגער פיר אונז, ווייל איין נאַ־ציאן פאן איין ריינע ראסע וויא וועניג אונד קליין זיא זאל זיין, איז זיא דיא מעכטיגסטע פיר דיא גרעסטע נאציאן, אונד דער הויפט פיר אונז, וואס מיר זיינען איין צוזאממענגעשטעלטע נאציאן פאן פיעלע פערשיעדענע פעלקער אונד ראסען, וואס דיא וועלט עמיגריישאן פאן דעם וועלט הונגער אונד דיא זאמ־קייט פאן מצרים האט געבראכט, וויא דער מדרש בריינגט: פרעה מלך בכפו היה, וואס דיא גאנצע וועלט זיינען געווען אונטער זיין קאנטראל, אונד וויא זיין ערקלעהרונג איז געווען ונוסף גם הוא על שונאינו, אויף אונזערע איננערליכע פיינד.

ווייל דיא מאכט פאן איין נאציאן איז פעראייניגונג אונד פערבאנד, אונד וואס דער פערבאנד איז שטאַרקער איז אליך דיא נאציאן מעכטיגער, אונד איין נאציאן פאן איין ריינעם ראסע איז פאמיליע, וואס פאמיליע פערבאנד איז דיא פעראיי־ניגסטע אונד מעכטיגסטע, וועלכע דיא גרעסטע צוזאממענגע־שטעלטע מאכט ראַרף רעספעקטירען.

אלזא איז דיא ראסע בני ישראל דער נייטעראל היסטאָ־
רישער יחוס דאקומענט פאן דיא פאלק ישראל, זא וויא דיא נאציאנאליטעט דער היסטאָרישער יחוס פאן כל עם ולשון, וואסביידע קאמען פאן דיא זעלבע קוועלע יחוס האבות, אונד אויך איהר נאציאנאלע מאכט, אין אנדערע ווארטען נאציא־ נאליטעט קען ניט זיין דער הויפט היסטארישער פאלקס יחוס אונד פאלקס בעצייכנונג, ווייל דאס איז דער היסטארישער פאך אונד יחוס מכל העמים. רעליגיאן קען ניט זיין איהר הויפט פאלקס־בעצייכנונג, ווייל כל עם אל אלהיו ידרוש, יע־ דער פאלק האט איין רעליגיאן, נור איין אייגענשאפט וואס נור איין פאלק תחת השמים בעזיצט איהר אונד קיין אנדער פאלק איז דיא ריינע ראסע, וועלבע איז פראקלאמירט מיט איהר היסטארישען יחוס, אונד בעשטעטיגט מיט דיא היס־ טאָרישע דאָקומענט אלס איין פאלק פאן עלטערען אונד קינדער, אונד דארף פאן איהר יחוס אונד מאַכט שטאַנד־ פונקט בעצייכענט ווערען אלס איין פאלק פאן ראסע אייגענ־ שאפט.

דיא ראסע.

פאן איהר היסטאָרישען נאציאנאלנעם פאך.

מיר ווייסען ווען דיא בני ישראל זיינען גענקליערט געוואָ־ רען אונד ריין גערוואשען פאן דיא גלילי מצרים, דאך זיינען דיא אלהי הנכר ניט געשטאנען אין וועג צו שטערען זייער גאַנג פארווערטס אין דיא גרינדונג פאן זייער נאציאנאליטעט,

אונד אויף דעם געוואַלטיגען פראָטעסט וואס האט זיך אויפ=
געהויבען בייַן ים. מה נשתנו אלו מאלו הללו והללו עובדי
עבודה זרה, איז געוועזען דער ענטפער דבר אל בני ישראל
ויסעו, אונד בייא דיא עולי בבל וואס זייא זיינען שאן געוועזען
ריין פאָן דיא גלולים אונד אלהי הנכר מיט איין גלענצענדע
רעליגיעזע סיסטעם, אונד דעם פערגלייך פאָן דיא בעפאָריגע
פעריאָדס פאָן בית ראשון, מיט זאלכע ערהאבענע געטליכע
מעננער. עס האבען זיך אבער הערייגגעמישט עטליכע נשי
הנכר, האט דאס ניט געלאזען געהן פאָן ארט איין טריט
ווייטער אין דיא נאציאנאלע אונטערנעהמונג, ביז וואַנען מען
האט פאָן זייא געמוזט לויז אונד געקליערט ווערען.

אונד גאנץ נאטירליך, אז איך וויל האבען איין כלי צום
נוטץ, זיא קען זיין ניט אזוי ריין, וויא באלד זיא איז נור גאנץ
איז זיא פיר מיר איין כלי, איך קען איהר ניטצען אין איין
נאטה וויא זיא איז, אונד צו יעדער צייט איהר אבשייערען
אונד אבריינינען, איהר ברייגגען אין העכסטען בלאַנק אונד
פאָרם. איך וועל אבער קיין כלי אין האנד נעהמען וועלכע
זאל זיין אין דיא העכסטע ריינהייט אונד פאָרם, אבער זיין ניט
אין איהר גאנצהייט, זיא זאל האבען איין נקב אונד רינען,
זיא איז פיר מיר אויף קיינע נוטצען אין דעם גרעסטען נאטה
אונד אנשטאט וואס דיא ערשטע איז איין פערשמוצטע כלי
איז דיא לעצטע איין שברי כלי, אמת לא רחצת למשעי . . .,
ותשלכי אל פני השדה בגעל נפשך, אין דיא גלולי מצרים
ביום הלדת אתך, פיר מיין נאציאן, אבער ואעבר עליך ואראך
מתבוססת בדמיך ואמר לך בדמיך חיי . . ., דיא פערשמוצט=

הייט פאן דיא גלולים האט איבערצייגט דיין גאנצהייט אונד געזיבערט דיין קינפטיגע ריינהייט אונד בלאַנקהייט, וויא מיר וועללען ווייטער ריידען.

אונד וויא מיר האבען אין דעם מאמר כור הברזל, אויף גלות בבל איז אויך געוועזן איין הבטחה לאחר שבעים שנה, וויא אין גלות מצרים לאחר א־בע מאות שנה, אונד מיר זעהען דעם אונטערשייד פאן דיא גאולות, ווייל אין מצרים איז געוועזן אשר הוצאתי אתכם מכור הברזל להיות לעם נחלה לי. ווען איך וויל האבען בלאס מיין פאמיליע אין מיין הויז אויף מיין שמחה, איז געמיינט וויא ארעם ער זאל אויסזעהן, אונד קיין פרעמדען אין דעם הערליכסטען פאָרם. דיא גאלד ווערט העריינגעגאָסען אין כור הברזל אדער אין וועלכען פורעם, אבער ניט צוזאמענגעגאָסען, אונד דיא גאָלד נעמט זיך הערוים פאן כור וויא איין צייטיגע יאדרע פאן שאַ־לעכטס, פעזאנדערגעטהיילט איינע פאן דיא אנדערע, ניט איין קווינט פאן דיא גאלד צוגעקלעפט צום כור, אונד פאן כור צו דיא גאלד. מיר קענען אבער קיין מאל האפפען צו זיין איין עם לבדד, איין אינדיפענדענט נאציאן, ווען מיר זאלען זיין צוזאמענגעגאָסען מיט דעם כור וויר מיר זיינען געוועזן, אונד צווישען זייא עקזיסטירט.

דיא נאציאנאליטעט האט ניט געדאַרפט אויסוואַכסען אונד אויפגעשטעלט ווערען אין דעם קרייז אונד צירקעל פאן איהר אייגענע געבורט, פאמיליע, היים אונד רעליגיאן, ווייל אין דעם פאך אין וועלכען איך בין ערצויגען פאן מיין קינדוויים איז קיין פרוף אויף איהר נאטירל בקיוט, כאראקטער, טאַלענט.

ערציהונג איז איין צווייטער נאטור, אונד קענסט ניט וויסען צו דער פאך איז פאן דיא טבע ראשון אדער טבע שני, אַלזא אזוי וויא דער הויפט פאך פאן דיא נאציאן איז טהרת המשפחה, ריינע ראַסע, האט געדאַרפט זיין לקחת לו גוי, ניט מקרב ביתו ומלדתו, ארצו ודתו, נור מקרב גוי, ערצייגען צו וויסען איין פרעמדע ראסע אונד פרעמדע רעליגיאן וועלכע ערציהונג איז געוועזן איין איבערצייגליכע פרוף אויף זייער אייגענשאפטען, טאלענט אונד נאטירליכען פאך, ניט פאן וועלכע ערציהונג אונד בעאיינפליסונג, נור איין טיפע אינערליכקייט, וועלכע ערציהונג איז געוועזן דער גרעסטער אונד מעכטיגסטער געגנער פאן זיין נאטירליכע אייגענשאפטען, אונד מיט דיא מעכטיגע געגנער אונד שטערער געשטרייט צו בלייבען געטרייא צו זייערע פרינציפען אונד נאטירליכע פאַך, וויא מיר וועלען ווייטער ריידען, אין דיא היסטאָרישע נאציאנאלנע טייטעל רדפי צדק מבקשי ד׳, וואס דיא פרוף פאן זייער טאַלענט איז געוועזן אין אלע דרייא נאציאנאלנע פאכען פאן רעליגיאן, ראסע, הערשענד, ווען דיא פפלאַנצונג איז שאן געוועזן צייטיג צו איהר בעפרוכטערונג צו זיין איין פראקטישע נאציאנאלנע מאַכט, אונד בייא איהר ערשטען אורשפרונג אלס איין נאציאנאלנע זאמען אונד ווארצעל. אזא כור הברזל (רש״י, כור היא כלי שמזקקים בו את הזהב), איז דאס געוועזן מצרים, פאן וועלכען כור זייא האבען זיך אזוי אבגעטהיילט מיט אזא אויסגעלייטערטע ריינע פרוף אויף זייער נאטירליכען פאך.

עס איז געוועזן איין פעסטגעזעצטע טהעארי אם בגופיהם

משלו בנשותיהם לא כל שכן, דיא פראקטישע איבערצייגליכע פרוף האט אבער געוויזען דיא העכסטע געטרייהייט צו איהר נאטירליכען פרינציפ, פאן איהר מאראל אונד טהרת המשפחה, וויא דער נביא ערקלעהרט, ותשלכי על פני השדה בגעל נפשך אין דיא גלולי מצרים מסבוססת בדמיך ביום הלדת איתך פיר מיין נאציאן, ואמר לך בדמיך חיי, אין דיין ראסע בדמיך חיי, אין דיין נאציאנאליטעט. עס איז קיין וואונדער צו זיין אבגעזאנדערט אין ראסע, אבגעזאנדערט אין נאציאנאליטעט ווען מען איז אבגעזאנדערט אין רעליגיאן אונד דיא פאלקס זיטען, אבער צו זיין אין דיא זעלבע זיטען אונד רעליגיאן פאן דיא פאלק אונד דורכפיהרען אזא ריינע ראסע אבזאנדערהייט אונד אזא שארפע נאציאנאליטעט אבצייכנונג, איז דיא העכסטע אייגענשאפטליכע מאכט פאן טאלענט אונד פאך וואס אין דער נאטור קען געבען.

אונד דיא זעלבע בייא רעליגיאן אונד נאציאנאליטעט, דיא אויבערפלאכע פראקטיק איז געוועזען הללו והללו עבדי עבודה זרה, צו הערען אונד צו טהאן וואס דיא חרטמי אונד כמרי מצרים ריידען. דיא טהעארי אבער וועלכע איז ער־שיענען אונד פערבליעבען אין איין עווינע פראקטיק איז גע־ווען כל אשר ידבר ד' נעשה ונשמע. דיא טהעארי פאן מצרים איז געוועזען זייא צו פערהאלטען פיר עבדי עולם, וויא מיר האבען אין דעם ענין. דיא פראקטיק אבער איז געוועזען געלעבט אין איין שארפע נאציאנאלנע אבצייכנונג אונד נא־ציאנאלנע פרינציפען צ זיין איין פראקטישע מאכט פאן איין ממלכת כהנים וגוי קדוש.

אלזא דיא קאָרן ווערען צייטיג אבצושניידען פאן פעלד, אבער נאך ניט צייטיג צום געניססען, אונד איהר צייטיגקייט צו גענום מוז קאמען ווען זיא איז שאן פאן פעלד אבגעשניטען, איהר פערזאמען אין מצרים אין כור הברזל, אין דעם טעסט וויא מען לייטערט אויס דיא גאלד, האט אויסגעארבייט אונד אויסגעלייטערט דיא העבסטע פרוף פאן איהר פאך אונד איהר נאטירליכקייט, אונד זיא איז צייטיג אונד פערטיג פאן כור הערויסצונעהמען, אונד איהר בלאנק אונד פאלקאמע פאָרם מוז נאך קאמען ווען זיא איז שאן פאן כור אבגעטהיילט.

דיא ראסע פאן איהר פראקטיק.

וואס איין דור אונד פאמיליענצוויג העבער, ווערט אליץ דיא קוועלע אונד ווארצעל פאן דיא ערשטע אבשטימונג פערגעסען. קיין עם ולשון אויך משפחות המלכים והשרים, קענען בעצייכנען אונד אנרופען זייער ערשטע פאטערס, מיט זייערע נעמען אונד היסטאָרישע איינצעלהייטען, אין איין פערלויף פאן קנאפע טויזענד יאהרען, אונד אב עס גיבט אזא עלטערן יחוס, איז אליץ פאן איין משפחה אבער ניט פאן איין גאנצע פאלק, אונד מיר, אונטער זאלבע שרעקליכע אונד געפעהרליכע אומשטענדע פאן זא פיעלע ענדערונגען, דיא קלענסטע נאציאנאלע שיף, אין אזא וויטען אונד ברייטען רוישענדען וועלט ים, איין פעריאד פאן קנאפע פינף טויזענד

יאהר, אונד דאך ניט געקענט פערפלייצען אונד אבמעקען דעם ערשטען פונקט פאן אונזער אבשטאמונג, וועלכע פונקט, קוועלע, ווארצעל, איז געבליעבען, ניט בלאס אלס איין היסטארישער אנדיינקונג, נור וויא דיא זון אונד איהר ליכט אין דעם זעלבען שיינונג וויא דעם ערשטען טאג פאן איהר בעשאפונג, וואס יעדער קינד מיט דעם אנרופען זיין פאטער אונד מוטער פאן זיין געבורט, איז שאן דיא אנרופונג זיין פאטער אונד מוטער, פאן זיינע נאציאנאלע געבורט אונד אבשטאמונג, אברהם, יצחק, יעקב, שרה, רבקה, רחל, לאה, מיט זייערע אלע אבצייכנונגען אונד איינצעלהייטען פאן זייער לעבען אונד היסטארישען אורשפרונג, מיט אזא לעבהאפט וויא זייא ווארטען מיט אונז צוזאמען יעצט געלעבט אונד עק-זיסטירט אין פאמיליע.

אם ענדע, איין פאלק פאן קינדער אונד עלטערן, אונד איהר פראקטים, זא וויא היסטאריעס, אלזא דארף דיא ראסע אדער געבורט זיין דער הויפט פאלקס בעצייכנונג אלס איין פאלק פאן ראסע איינענשאפטען מעהר וויא דיא איבריגע, ווייל נאציאנאליטעט זעהען מיר דאך געשטירצט, רעליגיאן איינינער צייטען פערדונקעלט, אונד דיא ראסע אין איהר פאללען ליכט פאן איהר בעשאפונג עד היום הזה.

דיא פאלקס בעצייכנונגען אונד זייער טייטעל.

דיא פאלקס בעצייכנונגען זיינען נעמליך: גוי, עם, גוי גדול, שמות כללים, אלגעמיינע פאלקס בעצייכנונגען, אונד

שמות פרטים, זא וויא מצרים, כנען, מואב, מדין, א. ז. וו.

דיא פאלקס בעצייכנונגען אין זייער היסטאָרישען געברויך זיינען פאלגענד: דיא ערשטע אין דיא פאָלקס געשיכטע איז גוי, מאלה נפרדו איי הגוים; דאנן עם, הן עם אחד ושפה אחת; דאנן גוי גדול, ואעשך לגוי גדול; דאנן עם הארץ, וישתחו לעם הארץ ולבני חת; דאנן עם בני ישראל; דאנן עם צוזאמען מיט גוי גדול, רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה.

דיא עקרים פאן דיא פאלקס בעצייכנונגען זיינען נור צווייא, גוי אונד עם. גדול אונד בני זיינען נור בעצייכנונגען אויף דיא איכות (קוואליטע) פאן גוי ועם. גדול איז דיא קוואליטע פאן גוי, ניט דיא כמות (קוואנטיטעט, גראָסע בעפעלקערונג), ווייל דיא פאלק איז גראדע המעט מכל העמים. בני איז דיא קוואליטע בעצייכנונג פאן עם, אונד זייאביידע, עם אונד בני זיינען איין ערקלעהרונג אויף דיא איכות גדול.

דער איין פאלקס בעצייכנונג גוי, איז אלגעמיין פיר כל העמים, אבער דער פאלקס בעצייכנונג עם אונד דיא קוואליטע בעצייכנונג בני אונד גדול, איז איבערהויפט נור פיר דיא פאלק ישראל, מיט איין זעלטענהייט בייא כל העמים, זאוויא עם הארץ, ומי גוי גדול, בני עשו, בני עמון, בני אדום, אדער אויף׳ן כלל כל העמים, וועלכע האבען איין בעזאנדערע אורזאך, אדער שמות המושאלים, זאוויא ראש העם, חלב הארץ, לב השמים, אבער דער פאלקס טייטעל עם צוזאמען מיט דעם בעצייכנונג בני, איז מיוחד נור פיר דיא פאלק ישראל, אונד אין עוד מלבדו אין דיא נאציאנאלנע היסטאריע,

אונד דיא זעלבע דער נאציאנאלנער שם הפרטי ישראל, וועלכער איז אויך איין עוד מלבדו אין זיין פאך אונד זינען, ניט איין פריוואט נאציאנאל נאמען וויא מצרים, כנען, מדין, מיר האבען קיין פריוואט נאציאנאל נעמען, וויא מיר ווערען ווייטער ריידען, נור איין שם הכלל, שרשי, איין ווארצעל, קוואליטע, נאמען, וועלכע בעצייבענט אונד ערקלעהרט דיא קוואליטע אדער איכות פאן דעם גאנצען כלל. פאן דיא אלע פיער פאלקס בעצייכנונגען וואס דיא היסטאריע האט דיא פאלק צוגעשריעבען, גוי, עם, בני אונד גדול.

דיא בעדייטונג פאן דיא פאלקס בעצייכנונגען זיינען פאלגענד: פאלק מיינט איין צוזאמענגעהמונג פאן פיעל פרטים אין איין כלל צו איין גאנצע קערפערשאפט, דורך געוויסע אלגעמיינע פרינציפען, וועלכע קראפט נעהמט זייא צוזאמען אין איין פערבאנד פאן איין גאנצהייט. דיא ערשטע פערבאנד קראפט איז נאטור אדער געבורט, וועלכע פאנגט זיך אן פאן בית אב, משפחה פאן פיעלע בתי אבות, שבטים פאן פיעלע משפחות, אם ענדע, גוי, איין אינטערנאציאנאל פערבאנד פאן פיעלע שבטים אלס פאלק אין דעם פרינציפ פאן ראסע, וואס ראסע מיינט קיינע אויסערליכע צוזאמענ-נאהמונג, נור איין אינערליכע נאטירליכקייט, וואס ראסע פערבאנד אלס געבורט אונד נאטור איז דיא ערשטע אונד דיא מעכטיגסטע. מאלה נפרדו איי הגוים לתולדותם למשפחותם בגויהם, דיא אינערליכע פערבאנדס, אונד לארצותם ללשנותם, דיא אויסערליכע.

דאנן דיא נעכסטע פערבאנד פאן דיא נאטור, נעמליך:

איין קערפערשאפטליכע פעראייניגונג אין איין אלגעמיינע איינשטימונגען אונד בעשליסונגען, פיר וועלכע צוועק אונ־טערנעהמונגען דורכצופיהרען, וועלכע איז דיא נעכסטע מאַכט פאן דיא נאטור. אזא פעראייניגונג אין איין איינשטימונג פערבאנד איז מיט דיא בעצייכנונג עם, פאן איין ראסע אדער קלאססע, אדער פאן פיעלע פערשיעדענע ראסען אדער קלאססען. ויהי כל הארץ שפה אחת ודברים אחדים, וואס דאס האט זייא געפיהרט, אז ויאמרו איש לרעהו, ווייל אלע האבען זיך געקענט צונויפריידען איינע מיט דיא אנדערע, (רש״י) אומה לאומה, מצרים לכוש, וכוש לפוט, ופוט לכנען. הבה (רש״י) הזמינו עצמכם, כל הבה לשון הזמנה שמכינם ומתחברים למלאכה או לעצה, הן עם אחד ווייל ושפה אחת, וואס גיבט דיא מעגליכקייט צו קאממען צו איין אלגעמיינע בעשטימונג אונד בעשליעסונג. (רש״י) כל טובה יש להם שעם אחד הם, מיט פעראייניגטע בעשטימונגען אונד בע־שליעסונגען, וואס דאס איז אין דער טהאט דיא בעסטע מאכט, וועלכע האבען געקענט אויסניצען פיר דיא ערהאבענ־סטע אונד ניצליכסטע צוועקען אונד האבען דאס אויסגעניצט אויף איין צוועק פאן דיא גרעסטע געפעהרליכקייט.

אלזא ווא דיא פערבאנד איז פאן אלגעמיינע איינשטי־מונגען אונד בעשליעסונגען, פיר איין צוועק פאן ערהאבענ־הייט, זא וויא גוטע תקנות אונד גערעכטיגע געזעצע פיר איין גליקליכע אונד דויערענדע עקזיסטענץ, וואס רוח המקום ורוח הבריות נוחה מהם, פאן אזא קערפערשאפט וועלכע בעזיצען אויך דיא נאטור פערבאנד פאן געבורט אונד ראסע, איז איהר

בעצייכנונג מיטביידע ווארצעל, פאלקס-טיטעל, גוי אונד עם, אונד מיט דיא קוואליטע בעצייכנונג גדול, ושמרתם ועשיתם את כל החוקים האלה כי היא חכמתכם ובנתכם לעיני העמים אשר ישמעו את החוקים האלה ואמרו רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה.

אין דעם פאך אבער ווא דער כלל אדער קלאסס האט קיינע איינשטימענדע אונד בעשליעסענדע פערבאנד פאן וועלכע צוועק אונד אונטערנעהמונג, אונד קיינע אנטהייל, אינטערעסט פאן גייסטליכע אונד מאָראלישע פּרינציפּען פאן חוקים ומשפטים, אונד אויך קיינע בעשטימטע נאטור פער-באנד פאן געבורט אונד ראסע, דאנן בלייבט ער אונטער דעם איינציגען מאטעריאלישען פערבאנד פאן דעם גאנצען אומפאנג פאן דיא מענשהייט, לעבוד את האדמה ולשמרה, וועלכע עס איז געוועזן פארגעבראכט דעם ערשטען מענשען ווען ער איז געווארען אויסגעשטויסען אדער הערויסגעטרעטען פאן דעם גייסטליכען צירקעל, מיט דיא בעצייכנונג עם הארץ, וישתחו אברהם לעם הארץ צו דעם איינפאכען פובליק אונד צו דיא גרונד געבארענע (יענקים באמעריקאנים) אונד נאָב-עלס, לבני חת. דאנן קאמט דיא קוואליטע בעצייכנונג בני, אויף דיא ריינהייט פאן דיא ראסע אלס פאמיליע פאן פאטער אונד קינדער.

דאנן דער הויפט בעצייכנונג ישראל, שררה, הערשענדע. אם ענדע, עם בני ישראל; עם, איין פערבאנד פאן ערהאבע-נע בעשטימונגען פאן חוקים ומשפטים, צדיקים וישרים, וואס אלגעמיינע בעשטימונגען זיינען מעכטיג גענוג אפילו בייא

זאלכע בעשליעסע וויא עם אחד ושפה אחת. בני, פאן איין ריינע ראסע אונד פאמיליע פערבאנד, וואס אלגעמיינע בע־שליעסע האט איהר מאכט אפילו פאן פערשיעדענע אונד פערמישטע ראסען, וויא כוש ומצרים ופוט וכנען. אם ענדע, ישראל, איין געבארענע אייגענשאפט פאן איין הערשענדע קראפט. ישראל יהיה שמך כי שרית אם אלהים ואם אנשים ותוכל, דיא אלע ערהאבענע אונטערנעהמונגען דורכצופיהרען וואס דער דרייא־פאכיגער טיטעל עם בני ישראל איז איין אל־געמיינער קוואליטע בעצייכנונג פאן גדול, גראם אין איהר נאטור פערבאנד פאן דיא ריינהייט פאן דיא ראסע, גראם אין איהר אלגעמיינע בעשטימונגען ומי גוי גדול אשר לו חוקים צדיקים וויא אונזערע ? גראם אין איהר העכסטען קראפט וועלכער האט אלעמען בעזיעגט.

דיא טיטלען פאן דיא פאלק אלם מעכטע זיינען פאל־גענד : אברהם, אב המון גוים, (תרגום) לאב סגי עממין, משיעף אדער ווארצעל מאכט, קעניגטהום, ומלכים ממך יצאו, שר־ה, הערשונג, כי שרית ותוכל, ממשלה, רולען, רע־גיערען. צווייא פאן דיא טיטלען אבערמאכט, אב המון אונד שררה, הערשונג, איז מיוחד נור צו דיא ישראל. מלוכה אונד ממשלה איז אויך פיר כל העמים.

דיא נאציאנאליטעט.

דיא צווייטע קלאסס בעהויפטעט אז נאציאנאליטעט דארף זיין דיא פאלקס־טייטעל. פאן איהר יחוס מאכט היס־טאָריע פראקטיק, נעמליך: אזוי וויא דיא היסטאָריע האט קיינע אנערקענטע יחוס האבות פאן ראסע, נור בני ישראל, אזוי האט אויך דיא נאציאנאלע דברי הימים קיין אנערקענ־טע יחוס האבות פאן נאציאנאליטעט, ניט מעהר וויא דיא עם ישראל. אזוי וויא איהר געפינט ניט אין דיא אלגעמיינע פאלקס יחוס (נור מיט איין זעלטענע אויסנאהמע, וויא מיר האבען געהערט) בני מצרים, בני כנען, בני כוש, בני מואב, בני אשור, בני עמלק, בני מדין, בני נוג, אזוי געפינט איהר אויך ניט עם מצרים, עם כנען, עם מואב, עם עמלק, עם מדין, עם כוש, ניט אין כלל, ניט אין פרט, נור מצרים, מצרי, כנען, כנענים, כנעני, מואב, מואבים, מואבי, עמלק, עמלקים, עמלקי, מדין, מדינים, מדיני, כושים, כושי, עמונים, עמוני, אונד געפינט ניט אין דיא אלגעמיינע תולדות ישראל איינ־צעלנד, ישראל, ישראלים, ישראלי, נור בני ישראל, עם בני ישראל.

וויל עם הייסט איין בעצייכנונג פאן איין צוזאמענגעהע־מונג אונד פערבאנד, דורך וועלכע אלגעמיינע בעשלאססענע אונד בעשטימענדע פרינציפען אין איין הערשענדע דורכ־פיהרונג.

אלזאָ דער נאמען מאנארך, פרינץ, פירשט, שליעסט צו דעם טיטעל הערשער, רולער, רעגיערער; אונד הערשער, רולער, רעגיערער, דעם טיטעל, קעניג, פירשט, פרינץ. אבער דער פריוואט נאמען אלעקסאנדער פרידריך שליעסט קיין הערשענדען טיטעל. אז איך זאג דעם נאמען ישראל, ניט וואס זיינע עלטערען האבען איהם אזא נאמען געגעבען אין זיין געבורט, נור ווייל כי שרית ותוכל אונד וישר אם אלהים ואם אנשים, שליעסט שאן צו דעם טיטעל עם, הערשענדע נאציאן. אבער אז איך זאג מצרים, כנען, מדין, עמון, מואב, וואס זייערע עלטערען האבען זייא אזא נאמען געגעבען אין זייער געבורט, אלס שם פרטי, האט קיין זינען פאן טיטעל אום בע־צייכנעט צו ווערען מיט דעם נאציאנאלנעם טיטעל עם, וויא מיר ווערען ווייטער ריידען.

קרבם בתמו לעולם משכנותם לדור ודור קראו בשמותם עלי אדמות, זייער אינערליכקייט אלס פאלקס פערבאנד איז ניט מעהר וויא זייערע הייזער. זייער היסטאָריע מדור לדור איז קיין יחוס פאן געבורט אונד ראסע, בני מצרים, בני כנען, בני מדין, אונד קיין יחוס פאן נאציאנאליטעט, עם מצרים, עם כנען, נור דער יחוס פאן זייערע וואהנונגען. זייער היסטאָריע פאן דור צו דור איז ניט פאן וועמען זייא זיינען געבארען, אדער וויא אין וועלכען ראנק, טיטעל, מאכט, זייא זיינען גע־בארען אונד עקזיסטירען, נור ווא זייא זיינען געבארען אונד וואהנען. איין דור צו וויפיעל דורות ווערען געבארען אין מצרים אונד וואהנען אין מצרים, זיינען זייא מצרים. דער אנדערער דור זאל געבארען ווערען אין כנען אונד וואהנען

אין כנען איז ער שאן איין כנעני גמור, אדער אפילו געבארען אין מצרים נור וואהנען אין כנען אונטער איהר פלעג אונד פראטעקציאן אונד פאליטישע פערבאנד איז ער אויך איין כנעני גמור.

אונזער נאמען ישראל אבער איז ניט אויף דעם נאמען ארץ ישראל, ווא מיר זיינען געבארען, געוואהנט אונד עקזיס־טירט, אונד דער נאמען פאן דיא לאנד ארץ ישראל איז ניט אויף דער נאמען ווער עס האט דיא לאנד געגרינדעט, אונד קיין שם פרטי, איין פריוואט נאמען וואס עלטערען האבען איהם איין נאמען געגעבען, נור איין נאמען פאן ראנק, טיטעל אונד מאכט, אין וועלכען טיטעל אונד מאכט זייא זיינען גע־ווען געבארען, וואס הורתם ולידתם איז געווען אין דיא העכס־טע הערשען קראפט, אין דעם ערשטען אונד העכסטען נצחון וואס יעקב האט דורכגעפיהרט אין דיא ערשטע אונד געפעהרליכסטע מלחמה מיט לבן, פיר וועלכע נצחון ער האט געקראגען דעם טיטעל ישראל, כי שרית אם . . ., וואס אנשים ותוכל, פאן וועלכע מעכטישע ווארצעל יציץ ופרח ישראל, אויפגעבליהט דיא נאציאן ישראל, בעצייכנעט צו ווערען מיט דעם נאציאנאל טיטעל עם בני ישראל, הערשענדע נאציאן, אונד דער נאמען פאן דיא נאציאן עם ישראל איז ניט אויף דעם נאמען פאן דיא לאנד ארץ ישראל, נור דער נאמען פאן דיא לאנד ארץ ישראל איז אויף דעם נאמען פאן דיא נאציאן עם ישראל.

קראו, זייא האבען אבער גערופען זייער נאציאנאל בע־צייכנונג, ניט מיט וועלכע ראנק, טיטעל, עהרען־נאמען, נור

בשמותם מיט זייער פריוואט נעמען מצרים, כנען, כוש, מדין, צרפת, אשכנז, רוסס, רומי, אמעריקאני, עלי אדמות, וועלכע פריוואט נעמען איז געלעגט געווארען אויף דיא בעצייכנונג פאן דיא לענדער וועלכע זייא האבען ערפונדען אונד געגרינד־עט. דיא פאלק נאך דיא פריוואט נעמען פאן דיא לאנד, דיא לאנד נאך דיא פריוואט נעמען פאן דיא גרינדער, וועלכע נעמען ניט זא וואס זייא האבען קיינע זינען פאן וועלכע מיט־על מאכט עהרע, נאך מאנכע נעמען פאן שענדליך אונד ניד־ריגקייט, וויא מיר האבען גערעדט, אונד זאלכע פאלקס נעמ־ען קענען מיט דיא היסטארישע געאגראפישע געזעצע ניט בע־צייכנעט ווערען מיט דעם טיטעל עם.

איין ארגאניזירטע גרופע מיט וועלכע סיסטעם פאן גע־זעלשאפטליכע אדער פאליטישע פערבאנד, אהנע צו האבען וועלכע הערשענדע פרינציפען אונד אייגענשאפטען אין איהר אינערליך, אדער וועלכע אלגעמיינע בעשליעסונגען אונד בע־שטימונגען פיר וועלכע צוועק אונטערנעהמונגען דורכצופיה־רען, אדער ערהאבענע בעשטימונגען פאן גוטע געזעצע פיר איין גליקליכע דויערענדע עקזיסטענץ, וואס זאל זיין נאה להם ונאה לעולם, קען נאך ניט האבען דעם טיטעל עם, הערשענ־דע נאציאן. איין סיסטעם פאן איין ארדער אין איהר קרייז פיהרט דורך יעדער הויז־געזינד אונד יעדער פאמיליע, אונד דיא פראגע איז אב זייא זיינען ווירדיג זייא צו געבען איין הערשענ־דע מאכט אונד הערשענדע אויטהאריטי, וויא דיא דיפלאמא־טישע יודע העתים האבען ערקלעהרט, להיות כל איש, ניט ראש אדער מושל בבתו, שורר בביתו, נור איין הערשענדע קראפט

ניט אָהנע אויטהאריטי, ניט מאכט אדער צוואנג, זאוויא רעגי־רען, רולען, נור שורר בביתו, איין הערשענדע קראפט אונד אויטהאָריטי, וואס מען זאל בעל כרחה צושטימען צו זיינע בעשטימונגען.

איין פאלק נור תחת השמים וועלבע האט זיך ערוואר־בען דורך איהר טאלענט, טהעטיגקייט אונד אייגענשאפט דעם דיפלאָם ישראל, הערשענדע מאכט, צו ווערען בעצייכ־נעט מיט דעם נאציאנאלנעם טיטעל עם, הערשענדע נאציאן.

דיא נעמען פאלק פאן כל הגוים, איז וויא דיא נעמען משפחה געגען בית אב, שבט געגען משפחה, פאלק געגען שבטים, אלע איינע אונד דיא זעלבע פרינציפ אונד פאך, ניט מעהר אין איין גרעסערע אומפאנג, דיא נעמען אלם מעכטע, מלך, מושל, קעניגטהום, רעגיערען, רולען, איז ניט שררה, הערשונג. וואס מלוכה, מאכט, הייסט איבערמעכטיג דער דער שטארקער דעם שוואכערען. ממשלה מיינט צוואנג וויא דיא מבארים זאגען, המלך תמלוך עלינו, מיט אונזער איינשטימונג, דאס ווערט קיין מאל זיין, סיידען אם משול תמשול בנו, היא וועסט אונז צווינגען דערצו. דער טיטעל שררה אבער, איז איבערהולען, איבערשטימען, וואס דיא שטארקערע קראפט איז ווילינג צו צושטימען צו דיא שוואכע־רע קראפט, וויא מיר וועלען ווייטער ריידען, וואס דאס איז מעהר ניט איין אייגענשאפט וואס דיא בני ישראל בעזיצען, צו זיין בערעכטיגט אויף דעם נאציאנאל טיטעל עם, הערשענ־דע נאציאן.

מאלה נפרדו איי הגוים לתולדותם, למשפחותם,

בארצותם ללשנותם, זיך גערופען אונד בעצייכנעט זייער נאַ-ציאנאליטעט נאך דיא לענדער וואו זייא זיינען געבארען אונד געוואָהנט, אדער אונטער וועלכע פלעג אונד פאליטישע רע-גיערונג זייא זיינען געוועזען אין פערבאנד, אדער נאך וועלכע שפראך זייא האבען גערעדט, אונד מיר ווערען געבארען אין אלע לענדער, וואָהנען אין אלע לענדער, טרייע בירגער אין אלע לענדער, ריידען אלע שפראכען פאן אלע לענדער, אונד אלץ מיט דעם זעלבען נאציאנאלנעם נאמען אונד פאלקס בע-צייכנונג עם בני ישראל. עם בני ישראל אין אונזער נאציא-נאלע אונד רעגיערענדע עקזיסטענץ, עם בני ישראל אין גלות פאן טויזענדע יאהרען, אם ענדע, עם בני ישראל פראקלא-מירט אונד אנערקענט פאן דיא העכסטע היסטארישע מאכט ווען מיר האבען נאך פאן קיין לאנד אונד רעגיערונג געוואוסט אונד קיין אהנונג געהאט דערפאן, אונד אין דיא לאנד געבא-רען אונד געוואהנט אונד ערנסטע אונטערטהאן, אונד דיא מערקווירדיגסטע איז אויך פאן דיא לאנד געהאלטען דעם רע-ליגיאן, אונד דאך אונז אויסגעצייכענט מיט דעם העכסטען נאציאנאלנעם טיטעל עם בני ישראל, הערשענדע נאציאן, וואס קיין רעגיערענדע מאכט זא וויא דיא העכסטע מאכט פאן מצרים, וואס זייא האבען דאן קאנטראלט דיא וועלט, וויא דיא חז״ל ברייננען, פרעה מלך בכפו היה, האבען דעם טיטעל ניט געהאט נור איינפאכע מצרים, אונד וועלען ניט האבען.

וויא דער פרינציפ איז אונז פארגעשריעבען והפיץ ד׳ אתכם בגוים ונשערתם מתי מספר ועבדתם שם אלהים

אחורים . . . וואס זאלכע פערהעלטניססע, איין הויפען מענ־
שען פערשפרייט צווישען איין מענגע פאן פעלקער קען פיהר־
ען צו ווערען פערשלונגען אין זייערע זיטען אונד רעליגיאן,
אבער אליך בלייבען עם בני ישראל, אז אם ענדע ובקשתם
משם ד׳ אלהיכם ומצאתם . . ., זא וויא דער דור מצרים
וועלכע האבען געהאלטען דיא לאנד׳ם רעליגיאן אונד געבלי־
בען עם בני ישראל לענות כל העם יחדיו כל אשר דבר ד׳
נעשה ונשמע, נור זאלאנג דיא ראסע איז אין איהר ריינהייט,
ווארום דער קראפט פאן דיא פרעמדע ראסע מיט איהר רע־
ליגיאן, ניט זא זיא וועט דיר ניט צו לאזען זיך אום צו קעהרען
צו דיין רעליגיאן, נור דיר אברייסען ווען דוא זאלסט זיין צו
איהר מיט דעם גרעסטען צובונד, וועלכע אורזאך איז געווען
דיא וואהרנונג פאן לא תתחתן בם כי יסיר את בנך מאחריו.

אבגעריסען פאן רעליגיאן איז נאך ניט אבגעריסען אין
גאנצען פאן נאציאן, ווייל דער נאציאנאלער נערוו פאן ראסע
איז אין זיין לעבהאפט, וועלכער קען ברייגנען דיא נאציאנאל־
נען שוואכהייט צו איהר בעפאריגע געזונדע קרעפטען. אבגע־
ריסען פאן דיא ראסע איז אלעס פערלארען, ווייל דיא פרעמדע
ראסע וועט שאן טויטען דיין רעליגיאן, אונד בלייבט קיין
לעבענדיגער נערוו דיין נאציאנאליטעט אבצולעבען. אמת
דוא האסט נאך דיין האפפנונג, ואל יאמר בן הנכר הנלוה אל
ד׳ לאמר הבדל יבדילני ד׳ מעל עמו, וואס נאך דיא חוקי
הלשון מיינט ניט ער האט מיר אבגעטהיילט אדער וועט מיר
אבטהיילען, נור פערבלייבען בייא מיין בעפאריגע אבטהיילונג,
כי כה אמר ד׳ . . ., ובני הנכר הנלוים על ד׳ לשרשו

ולאהבה את שם ד׳ . . ., והבאותים אל הר קדשי ושמחתים בבית תפלתי . . ., כי ביתי בית תפילה יקרא לכל העמים, אפילו ניט פיר גרים, היינט ווער רעדט צו דיא וואס וועלען זיך וועלען בעהעפטען צו דיא נאציאן. אבער געדענק דיא איבערצייגונג וואס שלמה האט געזאגט אני ארבה ולא אסור, אונד קענסט ניט זאגען אני אתחתן ולא יסיר, אינד דערווייל מוסט ווערען אבגעשניטען, אונד זיין אין דיא גרעסטע געפאהר צו בלייבען פערלארען פאן דיא נאציאן אויף עוויג, אבער דער גרעסטער פשעי ישראל זא לאנג ער איז מיט זיין ראסע, הייסט ער אויף קיינעם וועג אבגעשניטען פאן זיין נאציאן.

דיא סעמיטישע ראסע אין איהר סעמיטישע ריינהייט.

ומכן מדעה רבה צו מאכען איין ענד צו דיא אירדענדע פראגעס אונד חקירות, אב אונזערע היסטארישע סעמיטישע ראסע איז געבליעבען אין איהר ריינהייט אהנע וועלכע פערמישונג.

דיא היסטארישע תולדה האלט איין צוויא אבטהיילונגען, סדר הדורות, דיא צייט רעכנונג פאן דיא יאהרען אונד פעריאדען פאן דיא דורות, אונד סדר היחוס, דיא געבורטס רעקארד פאן פלוני הוליד פלוני. מיר סעמיטען האבעןביידע, דיא ביאגראפישע סדר הדורות פאן צייט פאן אדם ביז דיא שבטי ישראל (וואס פאן דארטען פאנגט זיך שאן אן דיא צייט רעכ־

נונג פאן דיא געאגראפישע נאציאנאלנע היסטאריע) וויא אלט דער ערשטער דור איז געוועזן ביז וואנען ער האט אויפגע־שטעלט דעם צווייטען דור, אונד וויא פיעל יאהר יעדער דור האט געלעבט, אונד דעם סדר היחוס פאן אדם, שם, ביז ויתילדו לתלדותם למשפחותם לבית אבותם, כל אחד הוביא ספרי יחוסי בידו אין דער מדבר, ביז וכל ישראל התיחסו והנם על ספר מלכי יהדה וישראל הגלה לבבל במעלם, ביז דעם יחוס פאן זרובבל בייא דיא עלי בבל אונד עד היום הזה.

מיר דארפען שאן קיין ספר היחסון אין אונזערע הענד, וייל גדולה חזקה פאן אזא געוואלטיג חזקת כשרת, פאן אזא ספר היחוס פאן זא פיעל דורות אונד פעריאדען וואס זעלטען וועלכע האבען געהאט איין בעשטעטיגטע חזקה אפילו דרייא דורות. בני חם האבען איין חזקה קיים פאן דרייא דורות, איז באלד אתרע חזקתם, ואת פסרוסים ואת כסלוחים אשר משם יצאו פלשתים, רש״י, על שם שמחליפין נשותיהן זו בזו, בני יפת אונד דיא איבריגע בני שם האבען אפילו קיין חזקת יחוס פאן קיין דרייא דורות געהאט, אבער איין סדר הדורות פאן צייט רעכנונג האבען זייא קיינער אנגעהויבען צו האבען. קענסט ניט וויסען דיא צייט פאן יפת, גמר, ואשכנז אדער פאן חם, כוש, רעמה אונד שבא ודדן, וייל עס אין קיינע צייט פאן יאהרען אין זייער געבורט אונד לעבען, אונד דער ווייטער אונד ברייטער שלשלת היוחסין פאן סדר הדורות והיחוס, איז אונזער סעמיטישער דאקומענט, וואס קיין אנדער גוי עם ולשון אין דער וועלט, וועלכע איז ניט אונ־טער דעם שלשלת הדורות והיחוס פאן ערשטען פסוק

פאן בראשית, אלה תולדות שם אדער אלה תולדות האדם ביום ברא את האדם ביז ויתילדו למשפחותם לבית אבותם אין דער מדבר, אונד ביז דעם לעצטען פסוק פאן דברי הימים, וכל ישראל התיחשו והנם כתובים על ספר מלכי ישראל ויהודה הגלו אותם בבלה במעלם, אונד פאן דאנן ביז דעם יחוס פאן זרובבל בייא דיא עולי בבל, קענען ניט אנערקענט ווערען אונטער דיא סעמיטישע ראסע, אויסגעשלאססען ניט אזוי דיא בעפאריגע בני שם, אויך בני לוט, ישמעאל, עשו, ווייל ניט איינער פאן זייא האבען געהאט איין סדר הדורות והיחוס אין זייער תולדה, אפילו פאן פיער דורות וויא מיר האבען בראש פרקין.

שחות לו לא בניו מומם דור עקש ופתלתל, דיא בני חם האבען ניט געקענט זיין בנים לד׳, ווייל ארור כנען עבד עבדים יהיה, אבער דיא בני יפת וואס ברוך אלהי יפת, יפת אלהים ליפת וישכן באהלו שם, מיט וואס האט ער פערבראכען ניט צו זיין בנים לד׳ וויא דיא בני שם, ווייל מומם זייער אלעמענס פעהלער דור עקש ופתלתל, זיך פערדרעהט אונד פערפלאנ־טערט גלייך אין אנפאנג אין דיא פערמישטע דורות אונד ראסען, וואס יפת האט זיך אליין פערדארבען צו בעגעהן דעם פעהלער נאך פריהער וויא דיא בני חם (עיין בראש פרקין).

היינט וועלען מיר זעהן וויא דיא דברי הימים שליעסט דיא סעמיטישע שלשלת היוחסין מיט איהרע אבגעזאנדערטע רינגען צווייג פאן צווייג, נאכהער וויא דיא תולדה רעכנעט אוים בני חם ויפת ובני שם. ומאלה נפרדו איי הגוים לתולדותם למשפחותם ללשנותם לארצותם בגויהם, וואס אין

דער טהאט קען זיין אז זייא האבען געהאט נאך אנדערע קינדער, ווארום טעכטער האבען זייא דאך געוויס געהאט פיר פרויען אחר המבול, אונד דיא איסרעבנונג פאן דיא איז וויל זייא זיינען געוועזען דיא גרינדער פאן דיא לענדער אונד נאציאנ־ען, זא וויא דיא נעמען פאן דיא הורות אונד געבורטען וועלכע האבען געגרינדעט דיא סעמיטישע סדר הדורות והיחוס, אונד דערמאנט ניט דא וילדו בנים ובנות, ווייל דא איז קיין יחוס פאן געבורט וויא דיא תולדה פאן שת אדער פאן אדם, נור פאן נאציאנאליטעט, איז ואחר כל אלה איין בעזאנדערע קא־פיטעל פאן דאס נייע, אלע תולדות שם ניט בני שם, נור דיא תולדה פאן דיא ריינע סעמיטישע ראסע אונד סעמיטישע אנ־ערקענונג, אבגעשלאסען לגמרי פאן דיא בעפאריגע געבורט־ליכע תולדה אין וועלכע אבהאנג.

אונד אזוי איז דיא דברי הימים פאן ישראל ויהודה, נאב־הער וויא דיא כראניק רעכנעט אויס בני שם, עלם, וארפכשד וכו׳, ביז כל אלה בני יקטן, פאנגט זיך אן צוריק שם, ארפכשד, שלח וכו׳. אבגעשלאססען דיא בעפאריגע רינגען פאן דיא סעמיטישע שלשלת היוחסין ביז אברם הוא אברהם, איין אנפאנג פאן איין נייע יחום רינג אין דיא סעמיטישע קייט, פאן געבורט אונד מאכט, אב המון גוים דער ווארצעל אונד זאמען פאן דיא קינפטיגע קאמפליטע נאציאנאל רינג ישראל. בני אברהם, יצחק וישמעאל ובני קטורה, ביז כל אלה בני קטורה, דאנן ווייטער פאן אנפאנג וילד אברהם את יצחק, אבגעשלאססען דיא בעפאריגע צווייא רינגען ישמעאל ובני קטורה פאן דיא סעמיטישע קייט, דאנן בני יצחק, עשו

וישראל, ניט עשו ויעקב מיט זייער פריוואט נעמען, זא וויא הלא אח עשו ליעקב, אדער עשו ויעקב הוא ישראל, וויא אברם הוא אברהם, וואס דער נאמען אברם איז ניט איבער־געבליבען אז דיא תולדה זאל איהם דארפען דערמאנען, אונד דער נאמען יעקב איז געבליבען אזוי וויא ישראל, אדער אדום וישראל מיט זייער נאציאנאל טיטלען.

ווייל פאן דאנען האט זיך אנגעפאנגען דיא קאמפליטע סעמיטישע נאציאנאל פפלאנצונג פאן דעם נאציאנאל זאמען אונד ווארצעל אב המון גוים, אונד דיא ערשטע נאציאנאל געבורט פאן שני לאומים אין דיא היסטאריע האט דיא דברי הימים גלייך אבגעשלאססען דעם נאציאנאל רינג אדום (פאן על כן קרא שמו אדום אדער אדמוני, וועלכע איז קיין עהרען נאמען) מיט זיין פריוואט נאמען עשו, פאן דעם סעמיטישען נאציאנאל עהרען טיטעל ישראל, כי שריתה אם אלהים ואנשים ותוכל, אונד אבגעפערטיגט זיין געבורט אונד נאציאנאל אין איין בעזאנדערען קאפיטעל, בני עשו וכו׳ אונד ואלה המלכים אשר מלכו בארץ אדום, ביז אלה אלופי אדום, דאנן אלה בני ישראל, איין תולדה פאן ראסע, רעליגיאן, נאציאנאליטעט, איין ריינע סעמיטישע קייט פאן ריינע סעמיטישע רינגען אין איהרע אלע פאכען אונד אייגענשאפטען, מיט דיא בעצייכנונג ישראל, געקליערט פאן יעדער רינג וועלכע זיינען ניט פאן דיא אייגענשאפטען צו זיין פאססיג אונד ווירדיג אנגעשלאססען צו ווערען אין דיא סעמיטישע געבורט אונד נאציאנאל שלשלת היוחסין.

דיא סגולה פאן גיורת.

וואס עס איז אנבעלאנג אן דיא פראגע פאן פערמישונג אין דיא פעריאדישע שטראמען איז נעמליך: איין אונץ גאלד אין איין פונט מעטאל, ווערט דער אונץ גאלד פערוואנדעלט אין מעטאל. איין אונץ מעטאל אין איין פונט ריינע גאלד ווערט דער אונץ מעטאל פערוואנדעלט אין גאלד. אבער ניט דאס איז דיא אידעע, דיא פערוואנדעלטע אונצעס ווערען ניט אויס פאן עקזיסטענץ אין דער נאטור, אונד אין דעם פונט מעטאל געפינט זיך איין אונץ גאלד אונד מיט איין אונץ מעהר אין געוויכט, אונד אין דיא גאלד איין אונץ מעטאל, אונד דער פונט גאלד האט שאן ניט איהר בעפאריגע ריינע פרוף, אונד דער פערוואנדלונג ווערט יעצט נאך דיא פערמי־שונג אונד כעמישע פעראייניגונג.

אונזער בעזאנדערע וואונדערבארע סגולה איז אבער פאן אונז זיך פערמישט אין איין פרעמדע ראסע אונד איהר רעליגיאן, איז ניט בלאז צו ווערען פערלארען פאן איהר נאציאן נור ווערען פערלארען פאן דיא עקזיסטענץ, כי יסיר את בנך מאחרי . . . וחרה אף ד' והשמדך מהר מעל האדמה, איין פרעמדע געבורט זיך פערמישט אין אונזער נאציאן אונד רעליגיאן, איז דער טהייל פערמישטע מעטאל ווערט פערוואנדעלט אין זהב טהור וויא דיא נאַ־טירליכע גאלד, נאך בעפאר זיא ווערט פערמישט אונד

פערא‌ייניגט, אונד דיא גאנצע גאלד קערפער בלייבט בייא איהר ריינע פרוף נאך דעם פערמישונג וויא בעפאר, אונד ווא זייא האלטען ניט אוים בעפאר זייער עקזאמען אונד פרוף אונד זייער ריינהייט אלס זהב טהור, וויא דיא ריינ־הייט פאן דיא גאנצע סעמיטישע קערפערשאפט, קענען זייא גאר בייא אונז ניט הערייין קאמען, אונד מיט אונז פעראייניגט ווערען, אונד דיא בעפאריגע פרוף פאן איין תשובה אונד גיורת שלמה, צו זיין אונטער אונזער העלי־גיאן אונד נאציאן, וויא רות האט זיך ערקלעהרט, עמי עמך ואלהיך אלהי, האט איהר סגולה צו מאבען איין פערוואנדלונג אין זהב טהור, אין דיא סעמיטישע אייגענ־שאפטען מיט וועלכע דיא פאלק ווערט ערקענט, רחמנים ביישנים גומלי חסדים, צו זיין אונטער איהר ריינע סעמי־טישע ראסע מיט איהרע סגולות, אפילו זאלבע מאטריאל וויא דיא שבע עממין, רק מערי הגוים . . . לא תחיה כל נשמה . . . למען אשר לא ילמדו אתכם לעשות ככל התעבות . . . רש״י, הא אם עשו תשובה ונתגיירו אתה רשאי לקבלה (שופטים).

אונד דיא וועלכע האבען אונז אבגענארט אונד וועל־ען אונז אבנארען אונד זיך בייא אונז הערייינגע׳גנב׳ט אונד וועלען זיך הערייינ׳גנב׳נען אהנע בעפאריגע עקזאמען, פרוף תשובה שלמה פיר איין גיורת שלמה, קענען גאר קיין מאל זיין אונד וועלען ניט זיין אין אונזער סעמיטישע פער־איניגונג אונד ניעמאלס אנערקענט פיר סעמיטען, ווייל זייא האבען קיין פערוואנדלונג פאן אונזערע אייגענשאפטען,

אונד זאלבע פערמישונגען האבען איין עוויגע היסטארישע אונד פראקטישע אבזאנדערהייט פאן אונז, אונד איין היב־טארישע פראקלאמאציאן, והנבעונים לא מבני ישראל המה, פאן איהרע איינענשאפטען רחמנים, ביישנים גומלי חסדים, וויא דער פאקט האט געוויזען, זייענדיג אזא לאנגע צייט צווישען דיא ישראל, אונד דאך געבליבען בייא זייערע אבזריות פאן אזא בלוטדורשטיגע נקמה.

אונד פערמישונגען פאן ריכטיגע גיורת אונד תשובה שלמה, איז דיא בית יעקב, דיא איינציגע ראסע אין איהר פאך אונד סגולה פאן טאלעראנץ, מען זאל זיך וועלען אין איהר פערמישען. מיר יאגען זיך ניט נאך גרים, אונד האפען זיך ניט זא גיך צו גרים, אונד קשים גרים לישראל, דאך וויא פארזיכטיג מיר זיינען אום ניט צו פעראורזאכען דיא גרינגסטע בעליידיגונג פאן זיין פערגאנגענהייט. גיורה עד עשרה דרי לא תבזי ארמאה באפיה, אונד האבען איהם קיין פערגאנגענהייט פארצו־ווארפען, ווייל גר שנתגיר כקטן שנולד דמי. אונד איהר וואס איהר זוכט גרים אונד האפט צו יעדערען וויא איין אבן טוב, אונד דיא ערשטע פארטרעגע איז דיא גרעסטע שפיכת דמים, איהם ער־קלעהרט וויא פעראירדט ער איז געוועזען ביז אהער, אונד איז בייא אייך אין איין עוויגע חשד, אונד קוקט אויף איהם וויא אויף איין צונעקלעפטען גליעד, אונד בייא יעדער גע־לעגענהייט איהם פארצו־ווארפען זיין פערגאנגענהייט, אונד זיא איז דיא איינציגע נאציאן אונד רעליגיאן, מען זאל זיך וועלען מיט איהר פעראייניגען מיט דיא גרעסטע בעלאסטונג,

אפפערונג אונד מסירת נפש. דיא היסטאָריע האט פער־מישונגען אויך צווישען אנדערע פעלקער, אבער אלץ ווייל זייא געפינען בעקוועהמליכער אין זייער עקזיסטענץ.

אונד אויף דיא ריינע פערמישונגען פאן גיורת אונד תשובה שלמה, האט ישעיהו פראפעצייעט כי ירחם ד׳ את עמו ובחר עוד בישראל והנחם על אדמתם ונלוה הגר אליהם ונספחו אל בית יעקב, אונד זאלכע פערמישונגען האט ניט צו טהאן מיט דיא סעמיטישע ראסע פראגע, ווייל זייא הייסען סעמיטען גמורים בטבע ראשון, וויא דיא דייטליכע ערקלעהרונג איז, ונספחו, ניט אל עמו אדער אל עם ישראל, וויא דער לשון פאן אנפאנג, אדער אל בית ישראל, וואס וואלט אלץ געבליבען איין וועג לבעל דין לטען ולחלק, אז דאס מיינט ניט אונטער דעם שטראם פאן סעמיטישע ראסע אונד געבורט נור אונטער דיא נאַ־ציאנאלנע אונד רעליגיעזע פלאַג, אבער ונספחו אל בית יעקב מיינט דייטליך אונטער דיא נאטירליכע סעמיטישע ראסע פאן געבורט, וויא מיר האבען בראש פרקין, גר שנתגיר כקטן שנולד דמי והשנים הראשונים נפלו, דער אונטערשיעד איז נור קיין געבורט פאן וועלכע אבגעצייכ־נעטע משפחה, שבט, נור איין געבורט פאן דיא גאנצע ראסע קערפערשאפט, אונד ואת הנפש אשר עשו בחרן הכנסן תחת כנפי השכינה ומעלה הכתוב כעלו עשאום.

ווייל דער אייסדריק פאן ראסע אין איהר ריכטיגען זינען מיינט איין בעצייכנונג פאן עהנליכקייט אונד גלייכ־הייט, אונד דער נאטור ווארצעל פאן ראסע דיא געבורט

איז נאך ניט דער עצם מיינונג פאן ראסע, נור דער וואר־
צעל אונד סיבה פאן שם העצם ראסע, ווייל דיא מולידים
בריינגען מיט דיא רעגעלע נאטור נולדים בדמותם ובצלמם,
אונד אזוי וויא דעם עצם פאן מענשען איז השתכלות ודבר
(דיינקען אונד שפרעכען) ניט דיא קערפער פארם, דארף
דער הויפט בעצייכנונג פאן ראסע גלייכהייט, זיין פיר דעם
מענשען, ניט אין קערפער פארם נור אין מושכלת, גלייכע
זינונגען, געפיהלען, עמפינדונגען, כאראקטער, אייגענשאפ־
טען, ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, וויא מיר האבען
בראש פרקין דעם זינען פאן עם, וועלכע דיא עם סגולה
איז דיא איינציגע אין דיא נאציאנאלנע היסטאריע בעצייכ־
נעט מיט דעם טיטעל עם בני ישראל, וואס מיינט מיט
גלייכע אלגעמיינע זינונגען, בעשטימונגען פאן מושכלת, כי
היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים, אשרי ישמעו את
החוקים האלה ואמרו רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה,
עיין לעיל, אונד דיא וועלכע ווערען דורך תשובה אונד
ריכטיגע גיורת מיט דיא מושכלת אין אייגענשאפטליכע
עהנליכקייט אונד גלייכהייט, זיינען זייא דיא זעלבע ראסע
אין פאללען זינען דעםווארטעס.

אונד אזוי וויא עס קען געבען איין אויסנאהמע אדער
שנוי הטבע פאן זאלכע טהייערע זאמען אונד ווארצלען
וויא אברהם, יצחק, חזקיהו, זאלכע ווילדע פרוכט וויא
ישמעאל, עשו, מנשה, פאן וועלכע סעקרעטנע אורזאך אין
זייער געבורטליכען שטראם, זא קען אויך פאן דיא זעלבע
אורזאך זיין דיא זעלבע אויסנאהם פאן דיא ווילדסטע

ווארצלען דיא זיעסטע פרוכט, ובל יאמר הסרים הן אני עץ יבש ובל יאמר בן הנכר הבדל יבדילני ד׳ מעל עמו וכו׳, איך קוק נור אויף דיא גוטע פרוכט, ניט צו וואכסט זיא פאן אזא פרוכט, ניט צו וועט זיא מאכען וואכסען נאך אזא פרוכט וויא זיא.

אם ענדע אלה תולדות נח, נח איש צדיק תמים. רש״י, עקר תלדותיהם של צדיקים מעשיהם הטובים. אלה תולדת שם, דאס איז דיא תלדה פאן שם, דער געשלעכט פאן שם, דער מין וועלכע זיינען גערעכנעט אונטער דיא סעמיטישע ראסע. דיא דברי הימים האט אונז געגעבען דרייא הויפט רינגען פאן וואנען דיא פעלקער האבען זיך ענטוויקעלט, אונד אבגעצייכענט דעם הויפט רינג פאן שם, פאן וועלכע זאל זיך שליעסען איין לאנגע עוויגע קייט פאן סעמיטישע ראסע פיר דיא אידישע פאלק. אויף דעם הויפט רינג שם זיינען געווען ניין רינגען, אונד בעצייכנעט דעם איין רינג ארפכשד פיר דעם סעמיטישען מין (גע־שלעכט, קיינד), אונד אבגעשלאסען דיא איבריגע אכט, וועלכע זיינען ניט פאן דעם מין אונד ווירדיג צו זיין אנגעשלאָססען אונד גערעכנעט אונטער דיא סעמיטישע שלשלת היוחסין.

אונד וועלכע רינג דיא פעריאדען וועלען בעשאפען פאן גלייך צו דיא אכט, ניט ווידדיג צו זיין אונטער דעם מין פאן סעמיטען, נאך דעם פראגרעסס אונד ענטוויקלונג פאן דיא צייט, זאלען זייא צו דיא קייט ניט אנגעשלאָסען ווערען, אונד זאלכע רינגען וואס וועלען ווערען בעשאפען

פאן אונזער אייגענעם געבורטס שטראם, ניט צו זיין פאן דעם מין, ארט, צו זיין ווירדיג אונטער דעם סעמיטישען יחוס, זאלען אבגעשלאכען ווערען, וויא דיא דברי הימים האט דאס ריכטיג ערפיעלט, אבגעשלאססען ישמעאל, בני קטורה אונד עשו פאן דיא סעמיטישע קייט, אונד זאלכע ווירדיגע רינגען וויא ארפכשד נאך דיא פראגרעסס אונד צייט ענטוויקלונג זאלען ווערען צוגעשלאָססען צו דיא סעמיטישע קייט אויך פאן פרעמדע געבורט. אלזא נאך דיא פאָללע ענטוויקלונגען פאן דיא סעמיטישע רינגען מיט דיא דרייא בעצייכנונגען נאציאן, רעליגיאן, ראסע, איז דער רינג מיט דיא פאָללע דרייא אייגענשאפטען בערעכ־טיגט צו זיין אונטער דעם פאָללען טיטעל פאן סעמיטישע שלשלת היוחסין אונד סעמיטישע תלדה, ווייל זייא הייסען דער זעלבען מין.

דיא פעריאָדען וועלען אָבער בריינגען זאָלכע מינים פאן רינגען פאָן אונזער אייגענעם געבורטס שטראם, אָדער פאָן פרעמדע געבורטען וואס וועלען זיך הערריינ׳גנב׳נען צווישען אונז, ניט מיט דעם ערנסטען צוועק פאן אלע דרייא פרינציפען, וואס אין דער טהאַט אָהנע דיא ערנסטע בעשליססע פאן דיא צווייא אייגענשאפטען עמי עמיך ואלהיך אלהי, רעליגיאן אונד נאציאן, קענען זייא לחתחילה ניט אנגעשלאססען ווערען צו דעם דריטטען אייגענשאפט פאָן תלדה, פאן אידישע געבורט אונד ראסע. זייא וועל־ען אבער זיין ערנסט אין דעם צוועק אין איינע פאָן דיא דרייא אייגענשאפטען, זה יאמר לד׳ אני, איך קיממער

דיא וועלט אין דרייא פערשיעדענע קלאססען אונד בעהויפטונ־
גען. איין קלאססע בעהויפטעט אז מיר דארפען בעצייכנעט
ווערען מיט דיא אייגענשאפט פאן ראסע מעהר וויא מיט רע־
ליגיאן אונד נאציאן, ווען מיר וואללטען אפילו געהאט איין
פאללקאממע זעלבסטשטענדיגע דיפלאָמאטישע רעגיערונג
אונד נאציאנאליטעט, ווייל דיא ראסע איז דיא זיכטבארסטע
צייכען אונד פאָרם אין אונזער פאלק מעהר וויא רעליגיאן
אונד נאציאן, אונד דיא ראסע דארף זיין דיא הויפטבעצייכנונג
פאן אונזער פאלק. דיא אנדער קלאַססע האט דיא זעלבע
בעהויפטונג אויף דיא רעליגיאן, אז דיא רעליגיאן איז דיא
זיכטבארסטע פארם, אונד דער רעליגיאן דארף זיין דער
הויפט בעצייכנונג פאן אונזער פאלק. דיא דריטטע קלאססע
בעהויפטעט אז דיא נאציאן איז דיא גרעסטע אייגענשאַפט
אונד זיכטבארסטער צייכען אונד פאָרם אין אונזער פאלק,
אבוואהל מיר האבען דיא ראַסע אונד רעליגיאן אין איהר
פאללען לעבהאפט, נאך מעהר וויא אין דיא צייט פאן אונזער
נאציאנאליטעט, אונד האבען קיינע דיפלאָמאטישע אונד פאָ־
ליטישע נאציאנאלנע עקזיסטענץ, אונד אין אייניגער מאססען
נאך מעהר ערניעדערט פאַן אנדערע פעלקער וואס האבען
אויך קיין זעלבסטשטענדיגע רעגיערונג אונד נאציאנאליטעט.
דאך איז דיא נאציאנאליטעט אויך יעצט זיכטבארעס אין אונ־
זער פאָלק נאָך מעהר וויא דיא ראסע אונד רעליגיאן, אונד
מיר דארפען בעצייכנעט ווערען אלס מעכטיגע נאציאן.

אבער ניט בלאז ווייל אונזער היסטאָרישע נאַציאָנאַלי־
טעט, דאס וואללטע גראדע געווען גרונדלאָז, אזוי וויא מען

וואָללט איינעם רעכנען אונטער מיללי‌אָנערען ווייל זיינע אור־אור־עלטערן מיט הונדערטע דורות צוריק זיינען געוועזן מילל־יאָנערען, אבער שאן צייט צעהנדליגע דורות וואס זייא זיינען מחוסרי לחם, נור ווייל אויך יעצט האבען מיר דיא פאָללקאָמע נאציאָנאַלנע פאָרם אונד בעזיטצען דיא גרעסטע דיפלאָמאַטי־שע נאציאנאלנע מאַכט.

וואס עס האט צו טהאן מיט ארץ ישראל אונד ציון וירושלים, איז ניט ארץ ישראל האט בעשאפען אונזער נא־ציאָנאַלנעם פאַך, אונד ניט זיא שאַפט אָב אונזער פאך, איין ריכטיגער כלי אומנת מיט איהר ריכטיגען פאָרם אונד נאמען דורכצופיהרען מיט איהר איין געוויסע קונסטיגע אַרבייט, איז זיא איין געצייג מיט איהר פאָרם אונד נאמען צו מען טהום מיט איהר דיא געוויסע ארבייט צו וועלכע זיא איז גע־מאַכט געוואָרען, צו ניט. דיא ארבייט מאַכט קיין ענדערונג אין דעם נאמען אונד דיא פאָרם פאן דיא כלי אומנת, אונד בלייבט אין איהר פאַך ווען מען זאלל אפילו ניט אנהייבען צו טהאן מיט איהר דיא אַרבייט.

אונזער אוננאַציאָנאַלנע טהעטיגקייט אין דעם פערגלייך צו דיא נאַציאָנאַלנע טהעטיגקייט פאן אַללע פעלקער, איז וויא איינער זאָלל נעהמען הערייננצוקלאַפען איין נאגעל אדער וועלכע פעולה, מיט וועלכע פשוטי כלי מתכת (שטיק אייזען) וואס עס קאממט פאָר אין האנד, זיא איז אויך איין האַממער ווען מען קלאפט מיט איהר, אבער אבגעטהאָן דעם ארבייט איז זיא איינפאכע שטיק אייזען, אונד דער האממער איז אלליז מאל איין האממער. איך קלאפ שאן הערייז וויא עס איז מיט

דיא שטיק אייזען, אבער דער האממער איז דיא ריכטיגע געצייג צו דיא פעולה, אונד דיא שטיק אייזען האט מעהר ניט געדיענט אלס האממער, אונד דיא פעולה ווערט אויך ניט ריכטיג אונד גרינג געטהאן.

דיא פעלקער פיהרען זייערע נאציאנאליטעט מיט וועלכע דיפלאמאטישע מיטלען עס קאממט זייא פאר. זייא האבען קיינע פארגעשריבענע וועלכע דיפלאמאטישע פארם, נור וועלכע זייא האבען זיך אליין געמאכט, וויא עס פאסט זייא אונד וויא עס איז זייא פארגעקאממען, אונד פיהרען דערמיט זייער נאציאנאליטעט. דיא נאציאנאליטעט האט בעשאפען דיא דיפלאמאטיע, זאוויא אלע געזעטצע פאן דיא רעגיערונג. זאלל דער נאציאנאלער באנד צערשטערט ווערען וכשל עוזר ונפל עזור, אוים דיפלאמאטען פשוטי מענשען ככל האדם. לא בן אנחנו, אונזער פריהעריגע פארגעשריבענע דיפלאמאטיע אונד געזעלשאפטליכע געזעטצע נאך בעפאר זיא איז געוועזן איין נאציאן אונד רעגיערונג, האט בעשאפען דיא נאציאנאליטעט אונד רעגיערונג, אונד בלייבען מיט דיא פארם, צו דיא געצייג אדער דער אומן איז אין טהעטיגקייט אדער ניט. וואס עס אנבעלאנגט צו ציון וירושלים איז ניט מעהר וואס זיא איז דיא פאססיגע לאנד מיט וועלכע דער נאציאנאל אומן זאל קעננען ריכטיג דורכפיהרען זיין וואונדערליכע נאציאנאליטעט וויא מיר וועללען ווייטער ריידען.

בעפאר מיר וועללען זעהן דיא ארגומענטס אונד דיא בעהויפטונגען פאן דיא דרייא קלאססען, פאן דעם פראקטישען שטאנדפונקט, וועללען מיר געבען איין איבערבליק אין

אלגעמיין דעם פאך פאן אונזער ראסע, רעליגיאן אונד נאציאן, פאן איהר טהעאָרישען שטאַנדפונקט. יעדער קונסט פאן יעדער ארט האט איהר געוויססע פאססיגע מאטריאל אונד מינעראלם מיט וועלכע דיא געוויססע קונסט זאלל קעננען ריכטיג דורכגעפיהרט ווערען. דיא זעלבע ספר התורה וועלבע האט אונז געפאָרמט מיט דיא געוויססע רעליגיאן אלס דער פאססיגער עצם אונד פאססיגער פאלק, פאן זאלכע זיננונגען אונד בעגריפע אונד געפיהלען, וויא מיר וועללען ווייטער ריידען, וועלכע אזא רעליגיעזישע בילד זאלל קענען אויסגעשניצט ווערען. דיא זעלבע ספר תורה וועלכע האט אונז געפאָרמט אונד פאן אונז אויסגעמאהלט אזא הומאנישען לאנדשאפט אלס דיא פאססיגע כאראקטער, אזא וואהלטהאט אונד טוגענד סיסטעם צו ערפיללען. דיא זעלבע ספר התורה וואס האט אונז אנגעטרויט זאלכע געזעטצע אלס דיא עהרליבע ריכטער אונד ריכטיגע אורטהיילער אונד דעסיידער דיא אלע חוקים ומשפטים ודינים ריכטיג דורכצופיהרען. דיא זעלבע ספר התורה האט געפאָרמט אונזער דיפלאָמאטיע אונד נאציאנאליטעט אלס דער פאססיגער עצם אונד אדעל-שטיין אזא נאציאנאלנעם בילד אויסצוהאַקען, וויא דער נביא זאגט: „הביטו אל צור חצבתם אל אברהם אביכם“, בעמערקט אויף דעם טהייערען גראניט בלאק פאן וועלכען אייער נאציאַנאלנעם בילד איז אויסגעהאַקט געווארען, וויא מיר וועללען ווייטער ריידען.

אלזא מיר וועללען זעהן איין וויכטיגע טהייל פאן דער תורה פאן מצות העומדים ברום עולם האנושי, פאן דיא העב-

נונג פאן איין צווייג איז ניט דיא טריקענונג פאן ווארצעל, אבער מיט דעם טריקענונג פאן ווארצעל איז דיא פערניכטונג פאן דיא גאנצע פפלאנצונג.

רבקה האט געוואוסט דיא תרבות רעה פאן עשו מעהר וויא יצחק, דאך האט זיא פאן קיין זאך זא ביטטערליך אויס־געשריען קצתי בחיי וויא פאן דיא בנות חת. רבקה האט געוואוסט אז הערויסצושיקען יעקב׳ן פאן איהר הויז הייסט איין גרש מהסתפוח בבית ד׳ לאמר לך עבוד אלהים אחירים. מעהר וויא דיא איין אידישע הויז איז ניט געוועזן אויף דער וועלט, אונד נאך בייא אזא עבוד אליל וויא לבן, דאך האט זיא ניט אויסגעשריען אם יעבוד חלילה יעקב עבודה זרה וויא עשו למה לי חיים, נור אם לקוח יעקב אשה מבנות חת כאלה וויא עשו, אונד אפילו ניט כאלה נור פאן וועלכע בנות הארץ למה לי חיים.

אלזא דיא רעליגיאן האט אין זיך קיינע נאציאנ־אלנע אויסשליעסונג, ניט פאליטיש אונד ניט היסטאריש, וויא מיר זעהן בייא דיא יצאי מצרים מיט זייער אלהי הנכר אונד טהרת נשי הנכר. ווידער ראסע האט אין זיך איין פאָלע אויס־שליעסונג פאליטיש אונד היסטאָריש, וויא מיר זעהן בייא דיא עלי בבל מיט זייערע נשי הנכר אונד טהרת אלהי הנכר. לא כן כל העמים, דיא ראסע האט בייא זייא קיינע נאציאנאל אויסשליעסונג, ניט פאליטיש אונד ניט היסטאריש. ווען איין צרפתי קאטהאָל זאל הייראטהען איין אשכנזים פראטעסטאנט בלייבט ער איין צרפתי גמור לכל דבריו, דיא רעליגיאן אבער געביטען, אב ניט איין נאציאנאל אויסשליעסונג פאליטיש,

אבער איין פאללע נאציאנאל אויסשליעסונג היסטאָריש.

ווייל דעם איין נאציאנאל יחוס וואס זייא האבען פאן זיי־ער לאנד, אַרט רעגיערונג, ערפינדער אונד גרינדער, מצרים, כנען, מדין, מואב, צרפת, אשכנז, איז איין נאציאנאל יחוס מעהר ניט וויא פאן פאטערס, אבער קיינע יחוס פאן מוטערס אין נאציאנאליטעט זאוויא אין ראסע, אונד האבען קיינע היס־טארישע אנטהייל אין נאציאנאליטעט וויא קיינע היסטאָרישע עראיננערונג אין ראסע, ווער עס זיינען געוועזן דיא פרויען פאן מצרים אונד כנען, אונד ווער דיא מוטערם פאן זייערע קינד־ער, וויא דיא בעוואוסטע פאליטישע ערקלעהרונג. נאציאן אונד רעגיערענדע מאכט האט קיינע פרייען מוטערס אונד פאמיליענפריינד, וואס דאס איז אויך דיא פאליטיק פאן דער תורה פיר כל העמים, עמוני ולא עמונית, מאבי ולא מאבית, ווייל דער לא יבאו עמון ומאב בקהל ד׳ איז פאן איין נאציאנ־אלנע פאליטישע אורזאך, על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים בצאתם ממצרים, ועל אשר שכר עליך את בלעם בן בער לקללך, אונד נאציאנאליטעט האט קיינע פרויען, אונד פרויען האבען ניט צו טהאן מיט נאציאנאלנע פאליטישע עפערס.

אבער לא כן אנחנו, אונזער נאציאָנאלנער יחוס איז פאן פרויען מוטערס, שרה, רבקה, רחל, לאה אונד פאמיליע פריינד וויא פאן פאטערס, אונד האבען זייער היסטאריע אין נאציאנאלנע אונטערנעהמונגען אונד נאציאנאלנע ענטוויקלונ־גען זאוויא אין געבורט אונד ראסע, וויא מיר האבען אין דעם ענין פאן דיא אהלים, אונד אין דעם דעבאטע פאן יצחק אונד

רבקה וועגען דיא ברכות, וואס דיא מוטערס האבען געהאט דיא גרעסטע אנטהייל אין דיא אויפבילדונג אונד אויפבליהונג פאן אונזער נאציאנאליטעט, אונד דיא גאנצע היסטארישע מיססיאן פאן דיא בנות ישראל, זייער אנטהייל אין נאציאנאל־נע בעוועגונגען אונד נאציאנאלע רעטטונגען, פאן דיא אמהות ביז דעם דור מצרים, וואס דער זכות פאן דיא בנות ישראל איז געווען פאן דיא וויכטיגסטע אורזאכע אין דיא גאולה ביז דיא לעצטע פעריאדען זאוויא אסתר אונד יהודית.

וויא דבורה האט ערקלעהרט, חדלו פרזון בישראל חדלו עד שקמתי דברה שקמתי אם בישראל, דורכפיהרענדיג אזא נצחון אונד אזא רעטטונג פיר דיא נאציאן, האב איך דיא פאללע רעכט זיך צו פראקלאמירען ניט בלאס נאציאנאלנע העלדין נור אויך נאציאנאלנע מוטער, זאוויא דיא אמהות וועלכע זיינען פראקלאמירט דורך זייער נאציאנאל אנטהייל, נאציאנאל מוטערס זאוויא מוטערס פאן ראסע.

אם ענדע, איין נאציאנאלנע מאכט וועלכע האט פרויען מוטערס, לייבליכע ברידער, שוועסטער אונד פריינד. הלא אב אחד לכולנו הלא אל אחד בראנו. דיא מיטהאלאגישע פעלקער איז גאר ניט אין זייער פרינציפ צו זיין געבארען פאן איין פאטער, וויל זייער געבורט קען דאך ניט זיין מעהר וויא זייער בעשאפונג, וואס נאך זייערע אידעען אונד גלויבען איז יעדער קראפט האט איין בעזאנדער בעשעפער, אונד וויא פיעל כחות עס געפינט זיך אין דעם נאציאנאלנעם אומפאנג, זא פיעל געטטער. מיר אבער זאגען ד׳ אלהנו ד׳ אחד, דער איין כח פאן כל הכחות, אנו אין לנו אלה ד׳ אחד ותורה אחת

וכהן גדול אחד ואב אחד לכלנו.

אלזא איין נאציאן פאן לייבליכע ברידער אונד שוועסטער ומדוע נבגוד איש באחיו ובגדים בעמוני, צו זוכען אונזערע פרויען אדער מעננער פאן אנדערע פעלקער, ולחלל ברית אבותינו צו צורייסען אונזער לייבליכען בונד (מלאכי ב׳). קינדער אונד ברידער פאן איין פרעמדע מוטער זיינען קיינע ברידער, נור שטיף=קינדער אונד שטיף ברידער. קינדער פאן איין פרעמדען פאטער אונד אייגענע מוטער, אבוואהל זייא זיינען שאן אנערקענט פיר אידישע קינדער, אבער קיין לייבליכע, נור ברידער פאן מוטער אונד ניט פאן פאטער, אונד אז מען האט אונז הערויסגענאממען פאן מצרים מכור הברזל צו זיין איין אונאבהענגיגע נאציאן איז געוועזן דער וואונש להיות לי לעם נחלה בהיום הזה, פיר מיר אליין פאןביידע צדדים, ניט איין נחלה למחצה, אונד אז מיר זיינען גע־וועהלט געווארען פיר איין ממלכת כהנים וגוי קדוש אונד עם סגולה, איז געוועזן דער וואונש מיר זאלען בלייבען איין עם נחלה, אונד קינדער פאן איין פרעמדען פאטער איז קיין בעל נחלה.

דיא נאציאנאלנע עהרען=פפלאנצונג.

לענינינו, עם בני ישראל, ראַנק, טיטעל פאן נאציאן, ראסע, הערשענד, האט מען פאן אונז ניט געקענט אבנעהמ־ען ווען מען האט אונזער מענשען=רעכטע צוגענאממען, איין

נאציאנאל טיטעל פאן דרייא צונויפגעשלאסענע נאציאנאל רינגען וואס מען קען זייא ניט אבשליעסען איינע פאן דיא אנ־דערע, ווייל יעדער איז דיא בעדייטונג פאן דעם צווייטען אונד וואכסען איינע פאן דיא אנדערע. אין אנדערע ווארטען מען קען דעם טיטעל עם ניט אבשליעסען אונטער וועלכע פער־העלטניסע, צו מיר זיינען מיט איין לאַנד אונד רעגיערונג צו ניט, ווייל דער טיטעל עם, הערשענדע נאציאן, וואכסט פאן איין קדמון, ווארצעל ישראל, וועלכער נאמען מיינט הער־שענד. דער בוים האט זיין נאמען, עפּפּעל בוים, פייגען בוים, ווען דיא פרוכט האבען נאך ניט אנגעהויבען צו וואכסען אדער פאן וועלכע אטמאָספּערע שטערונג אויפגעהערט צו וואכסען, ווייל דער זאמען, ווארצעל אונד מין פאן דעם בוים איז פיר דעם מין פרוכט, אונד וויא מיר וועלען ווייטער ריידען, עץ פרי עשה פרי למינו (רש״י), טעם העץ טעם הפרי, וואס דער בוים אליין האט דעם געשמאק פאן דיא פרוכט, דיא בע־זאנדערע סגולה פאן דיא נאציאנאל פפלאנצונג.

אונד זא בעשטימט פאן דעם גרעסטען היסטאָרישען נאציאנאלנער פרעה מלך מצרים, אונז בעשטימט עם בני ישראל, איין געוואלטיגע פרוכטבארע נאציאנאלנע פפלאנצונג, ויען עס איז נאך ניט געווען איין צייכען פאן נאציאנאל פרוכט, ווייל דער ווארצעל פאן וואנען עס האט אויפגעבליהט דער פפלאנצונג ישראל, איז אין איהר נאטור אונד אייגענשאפט פאן הערשענד, ניט נעגעבען אונד געשאנקען נור ערוואָרבען דורך טהעטיגקייט אונד טאלענט. וויא מיר וועלען ווייטער ריידען, אונד איך קען ניט זאגען חדל את מתקו ואת

תנובתו הטובה והלך לנוע על העצים, אונד מעהר ניט מוצלח למלוכה, אז פרעה האט איהר ערקלעהרט פיר איין נאציאַנאלנע פּרוכטבארהייט, ניט מעהר מיט דעם איין נאציאנאל נערוו פאן ראסע אונד טהרת המשפחה, אונד נאך איינינע גרינגע נאציאנאלנע אבצייכנונגען וואס דיא חז"ל רעכנען. הײַנט על אחת כמה וכמה, אז מיר האבען יעצט ביידע נאציאנאל הויפּט נערוום אין איהר העכסטען לעבהאפטט, דיא ראסע אין איהר ריינהייט, אונד רעליגיאן דיא געוואלטיגע נאציאנאל נערוו אין אזא ליכט וואס זיא איז קיין מאל געווען אזוי אין איהר גלענצענדע נאציאנאל פּעריאדם.

ווייטער דיא פּריוואט נאציאנאל נעמען מצרים, כנען, ניט זא וואס זייא שליעסען קיין נאציאנאל טיטעל נור אויך ענדערענד צו יעדער צייט, עס איז קיין אורזאכע ניט צו ענדערען אונד וועכסלען אין גאנצען זיין נאמען מצרי אויף כנעני, ווען ער וועכסעלט זיין לאנד אונד רעגיערונג פאן מצרים אויף כנען, כנען איז אזא יחום וויא מצרים, אונד מצרים אזא יחום וויא כנען. איך גיב איין קינד איין נאמען אברהם, דעם אנדערען יצחק, איך וועל אבער היטען אונד האלטען וויא איין אוצר דעם נאמען גראף, באראן, פיר אלע מיינע קינדער עד סוף כל הדורות.

ומדאה רבה אויף דיא פאלשע בעהויפטונג אז מיט אונזער אבזאנדערהייט פאן לא תתחתון בעמי הארץ, וואס האלט אויף אונזער נאציאנאלנע עהרען טיטעל עם בני ישראל, עם סגולה ונחלה, ממלכת כהנים וגוי קדוש, זאלען מיר זיין איין עם בתוך עם, מעהר וויא דיא מלכים אונד מושלים, וואס

דער לא תתחתן בעמי הארץ נור במשפחות המלכים, איז אזא שטריינגע נאציאנאל געזעצע מעהר וויא דיא געבורט, וואס מיט דיא געבורט קריגט ער דעם קראַהן, אונד מיט דעם איבערטרעטטונג פאן דעם ולא תתחתן קען ער דעם קראַהן אנווערען, אונד וויא יעדער עהרען טיטעל אין דיא פאלק.

ווייטער כל הגוים האבען ניט גערופען זייער פאלקס בע־צייכנונג וועלכע איז אויף דיא נעמען פאן זייערע עלטערען, ניט אויף דיא ראסע בני מצרים, ניט אויך דיא נאציאנאליטעט עם מצרים, אבער קראו, זייא האבען גערופען בשמותם, מיט זייערע פריוואט נעמען, עלי אדמות, אויף דיא בעצייכנונג פאן זייערע ערדען אונד לענדער, וואס זייא זיינען געווען זייערע גרינדער, ארץ מצרים, ארץ כנען, ארץ מאב, ארץ בני עמון, ארץ מדין. מיר אבער רופען ניט דיא לאנד אויף דיא נעמען פאן דיא עלטערען, ארץ אברהם, ארץ יצחק, ארץ יעקב, וויא מיר רופען ניט דיא נאציאנאליטעט עם אברהם, עם יצחק, עם יעקב, אבוואהל דיא ירושה פאן דיא לענדער אונד דיא גאנצע נאציאנאליטעט איז אונז געקאמען פאן זייא, ניט בלאָז וויל זייא זיינען ניט געווען דיא ערפינדער אונד גרינדער פאן דיא לענדער. וויא מיר האבען גערעדט איז ישראל אויך ניט דער נאמען פאן גרינדער, אונד דיא ירושה פאן דיא בני לוט קוני קניזי וקדמוני, זיינען זייערע עלטערען אויך ניט געווען דיא גרינדער, וויא מצרים, כנען, צרפת, אשכנז, דאך רופ־ען זייא זיך אויף דיא עלטערענס נעמען ארץ בני עמון, ארץ מאב, ארץ אדם, נור וויל אברהם, יצחק ויעקב, זייג־ען נאך אליין פריוואט נעמען, וואס זייערע עלטערען האב־

ען זייא געגעבען דעם נאמען בייא זייער געבורט, קיינע הערשענד זינען ביז יעקב, וועלכע האט בעווייזען זיין הערשענקראפט בפעל אונד געקראגען דעם דיפלאָם הער־שער פיר איין עוויגע נאציאנאַל טיטעל, עם בני ישראל, הערשענדע נאציאן, אונד ארץ ישראל, לאנד פאן איין הערשענדע מאכט.

וויא פרעה האט ערקלעהרט אין סורפרייז, עם בני ישראל, ניט אברהמים, יעקבים, נאך דיא נעמען פאן זייער געבורט, וויא מצרים, כנענים, ניט עברים פאן עבר הנהר אדער בני עבר, אדער סעמיטען פאן דעם פליים אונד קוועלע פאן וואנען זייא האבען געוואכסען אונד געשטראָמט, ניט כנענים נאך דיא לאנד ווא זייא האבען עקזיסטירט אין זייער ערשטער געבורט אונד פאן דיא לאנד געקאמען, אויך ניט אין דעם נאמען פאן וועלבע רע־ליגיאן, אם ענדע ניט מצרים אויף דיא לאנד פאן זייער דור געבארען אונד עקזיסטירט, אונד אונטער איהר נא־ציאנאלנער פערבאנד, אין וועלכע לאנד זייא האבען אזא ערהאבענע היסטאריע, מיט אזא ווילקאמענע נאטוראליזם אונד פאזיציאן, מפי מלך מושל, ארץ מצרים לכם היא במוטב הארץ הושב את אחיך, וואס א גאנצע פאלק אלס נאציאן מוז פערשלונגען ווערען אין אזא נאציאנאלנע וויל־קאָם, אונד דער געוואלטיגער נאציאנאלנער שטראָם האט ניט געקענט פערפלייצען איין פריוואַט פאמיליע פאן זיעב־ציג נפשות, אונד בלייבען זאבייא זייער ווארצעל מיט אזא אבצייכנונג אונד אבזאנדערונג, קען זיא אנדערש ניט בע־

צייכנעט ווערען וויא עם בני ישראל, נאציאן, ראסע, הערש=ענד, וועלכע נאציאנאליטעט איז ניט אבהעגניג פאן וועלכע פליים, צייט, אומשטענדע, נור נאציאנאליטעט אין איהר פרינציפ אונד אויסערליכקייט, מיט זייער נאציאנאלע מאכט מיט זיך, וואָ אונד ווען אונד וויא זייא געפינען זיך, מיט איין לאנד אונד רעגיערונג צו אָהנע איין לאַנד.

דער אַדעלשטיין אונד נאציאנאל בילד.

דער טיטעל עם איז ניט בלאָס איין גרונד בעצייכ=נונג פאן רעגיערונג אלס מאַכט אין אַקטיוו, דאס איז מלוכה אונד ממשלה, נור איין ווארצעל בעצייכנונג פאן שררה אין איין פאָלקס=פערבאנד, וואס מיינט הערשענד אונד העלדענמוטה, דער פרינציפ וואס איין ריכטיגע מלוכה ממשלה דארף בעזיצען, וואס הערשענדמוטה האט אין זיך דיא העכסטע גראד פאן חכמת הפאליטיק והדיפלאָמאַט, וויא מיר האבען אין דיא ברכות, וואס דאס איז אין דער טהאַט דיא העכסטע מאַכט אין דער נאטור וואס יעדער פאָלק מוז איהר רעספעקטען.

אברהם, אב המון גוים, איז נאך איין גרעסערער טיטעל וויא ישראל. דער פרינציפ פאן ונברכו בך כל משפחות האדמה וגויי הארץ, וואס דאס איז אונזער נאַ־ציאנאלנער ציעל, וויא מיר האבען אין בעפאריגע פרקים, דאך איז דער נאמען ניט בעשטימט געווארען פיר דעם

הערשענדען נאציאנאל טיטעל אונד געבליבען פיר זיין פריוואַט עהרען נאמען. ישראל, וועלכער איז בעשטיממט געוואָרען פיר דיא נאציאנאל טיטעל לדורות, האט געדאַרפט בלייבען זיין פריוואַט נאמען יעקב, איין ערקלעהרונג אויף דעם נאמען ישראל פיר דיא נאציאנאל טיטעל.

דיא בעשטימונג האט ניט געדארפט זיין פאָן אברהם, ווייל הביטו אל צור חצבתם . . . אל אברהם אביכם, כי אחד קראתיו ואברכיהו, גוי גדול, אב המון גוים, אברהם איז נור געוועזן דער פאַססיגער טהייערער אדעלשטיין, דער בריליאנט בלאָק פאָן וועלכע דיא ערהאַבענע נאציאנאל בילד פאָן ונברכו בו כל הגוים איז אויסגעהאַקט געווארען, אבער נאך ניט געהאט דיא פאָרם פאן נאציאָן, נור אלס זאָמען וואס האט אין זיך דעם גאנצען פפלאַנצונג, אבער ניט בקומתו ובצביונו (עיין לעיל). אלזא האט נאך ניט געהאט דעם נאַציאנאלנעם פאָרם עס זאל זיך פאָן איהם אנפאנגען דער נאציאנאלנער הערשענד טיטעל. יעקב איז אבער שאן געוועזן דער ווארצעל פאן וועלכען יציץ ופרח ישראל, איין קאָמפליטע פפלאַנצונג מיט זיינע צווייגען, בתי אבות, משפחות, שבטים. איין פאלקאמע פאָרם פאן נאציאנאל בילד, פאן וועלכען עס האט זיך שאן געדאַרפט אנפאנגען דער געפאָרמטער נאציאנאל טיטעל, הערשענדע נאציאן.

אין אנדערע וואָרטען, דיא הערשענדע מאַכט פאן אברהם איז געוועזן נור בכח, אלס זאָמען, וויא מיר האבען גערעדט, אין זיינע עצמיות, אונד דער טיטעל לאב המון גוים איז געוועזן נתתיך, איהם געגעבען, געשאָנקען, ניט ערוואָרבען

דורך וועלכע טהעטיגקייט, נור וייל זיינע עצמות אונד נאמור, אונד דער מאַכט בכח אלס זאמען זאלאנג ער איז ניט ערשי־נען בפעל, האט ניט געקענט פראקלאמירט ווערען איין הער־שענד מיטעל פיר דיא קינפטיגע נאציאנאלנע טהעטיגקייט. יעקב אבער איז געוועזן דער הערשענד מיטעל, ניט געשאנקען נור פערדיענט אונד ערוואָרבען דורך זיינע העלדענטהאַט אונד הערשענדמוטה. ישראל יהיה שמך כי שרית אם אלהים ואם אנשים ותוכל, אונד געוויעזען זיין הערשענדמאַכט בפעל, צו זיין בערעכטיגט פיר דעם נאציאנאלנעם הערשענד מיטעל עם בני ישראל לדורות.

אברהם האט אייך דורכגעפיהרט מלחמות מיט גבורות אונד נצחונות. כח אונד גבורה איז אבער ניט שררה, וויא מיר האבען געזעהן, אז שררה איז ניט אבערמאַכט נור איבערגעשטימט אונד איבערגערולט אין איין פריעדליכע וועג. אברהם האט דיא מלכים מיט זיין גבורה זייא געמאַכט מאכט־לאָז אונד זייא פערניכטעט, דיא מאכט איז אבער ניט דער זינען פאן ונברכו בך כל גויי הארץ, וועלכע איז בעשטיממט געוואָרען פיר דיא נאציאנאליטעט פאן זיינע קינדער אין הר בית ציון וירושלים, נור איין הערשונג פאן פריעדליכע דע־סיידונגען בדעת ובמשפט. יעקב׳ס מאַכט איז אבער געוועזן כי שרית ותוכל, ניט זייא געלאזען מאַכטלאָז אונד פערניכט־עט, נור איין קלענערע קראפט פריעדליך איבערגעשטיממט אונד איבערגערולט איין גרעססערע מאַכט, וועלכע האבען פרייוויליג איינשטיממונג געמוזט אבגעבען זייער מלחמה מיט יעקב בעצם כחם, ווען זייא זיינען אין זייער גרעסטע מאַכט.

לבן האט ערקלעהרט, יש לאל ידי לעשות עמכם רע וויא דער זהר הקדוש אונד דער עקידה ברייננען, מנא ידע, פאן וואנען האט ער דאס געוואוסט, ווייל אלהי אביכם אמר אלי . . . השמר לך . . ., אלזא איזו געפעהרליך בין איך געװען פיר דיר אז איך האב געמוזט האבען איין עקסטרא וואָרנונג, אונד געמוזט אין זיין גרעסטע מאַכט פריוויללינ אבגעבען צו יעקב׳ן, עשו אין זיין העכסטע מאַכט אונד צאָרען האט געמוזט פאלען יעקב׳ן אויף׳ן האַלדז, דער מלאך האט געמוזט בעל כרחו ענטפערען אמן אונד מודה זיין אויף דיא ברכות.

אונד דיא פריעדליכע פאך הערשענד מאכט, דער זינען פאן שררה, וועלכע איז בעשטיממט פיר דיא ממלכת כהנים וגוי קדוש, דורכצופיהרען דיא ערשטע ברכה ונברכו בך כל משפחות האדמה וגויי הארץ, פאן דעם זאמען אב המון גוים צו רעגיערען פריעדליך אלס איין מעכטינער פאטער ניט איין מעכטיגער מושל, להיות שופטים ומוכיחים לכל העמים והגוים לא בכח ובגבורת מלחמה, נור ולא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עד מלחמה, צו דעסיידען ניט מיט דיא דיפלאמאטישע דעסיידונג. ווער עס זאל האבען דיא רעכט זיך צו בענוטצען מיט דיא אינטערנאציאנאלנען חזקה פאן כל דאלים גבר (עיין לעיל), כי אם בדעת וברוח ודבר ד׳, וועלכע הערשענד פאַך יעקב האט דאס געוויזען אונד געפרופט צו זיין בערעכטיגט פיר דעם נאציאנאל מיטעל עם בני ישראל.

אלזא איז פאן דעם יחוס שטאַנדפונקט דיא נאציאנאליטעט נאך מעהר אבגעצייכנעט דיא ערשטע אונד דיא איינציגע

מיט דעם נאציאנאל טיטעל עם אין דיא נאציאנאלנע היסטאָ־
ריָע, וויא בני דער טיטעל פאן ראַסע, אונד איין איינציגע
פאלק וועלכע בעזיצט דיא אייגענשאפט פאן פריעדליכע הער־
שענד מאכט אונד דארף בעצייכנעט ווערען אלס איין פאלק
פאן נאציאנאליטעט אייגענשאפט, ווייל דאס איז דער איין
נאציאנאל טיטעל אין היסטאָרישע עקזיסטענץ.

דיא נאציאנאליטעט אין איהר מאַכט אונד ערפינדונג.

בלק האט ערקלעהרט עם יצא ממצרים, עם בני ישראל וואס פרעה האט ערקלעהרט פיר זייער מאכט, כי רב ועצום הוא ממנו, האט דאס בלק פערלייקענט אום צו ערקלעהרען איהר שוואכהייט. איין פאלק וועלכע האט קיין מאל זייא אדער זייערע עלטערען ווען גערעגיערט אונד עקזיסטירט אלס נאציאן. בני איז ראסע וואס האט ניט צו טהאן מיט נאציא־נאליטעט, ישראל איין הערשענד טיטעל ניט צו האבען וועל־כע הערשענדע היסטאָריע. דעם נאמען ישראל, הערשענד, איוף וועלכען זייא רופען זיך האט קיין מאל געהערשט אונד רעגיערט, אדער געפיהרט וועלכע מלחמות, וויא אונזערע היסטארישע נעמען מצרים, כנען, מאב, מדין, וועלכע זיינען געווען דיא גרינדער אונד רעגיערער פאן דיא לאנד אונד נא־ציאן, אדער ערוואָרבען דורך מאַכט אונד שטרייטונג וועלכע מיר בעזיצען אלס אונזער אייגענטהום, יצא אלס רעוועלער, אהנע נאציאנאלנע דיפלאמאטישע סיסטעם מאכט קליימס

אינטערנאציאנאלנע געזעצע, ממצרים פאן אזא היסטארישע מאכט, ויכסו את עין הארץ, פערדעקט דעם גאנצען שיין, פאַרם, פלאן, פאן דיא לאנד, אבגעווישט דעם גאנצען לאנד־קארט פאן ערד־באל, רש״י, ניצחים שלא כמנהג העולם, פיר זייא איז דא קיין מאַפּ, גרענעץ, פלאן, סיסטעם, דיפלאמאטיע, טריטיעס, פאליטישע ארדענונגס, העלדען, פעסטונגען, וויא דיא קראפט פאן בעגייסטערטע רעוואלירער, וועלכע איז דיא גרעסטע געפאהר פיר דיא גאנצע אינטערנאציאנאל, אונד מיר מוזען אוועקלעגען אונזערע אייגענע אינטערעסען, קליימס, איינע צו דיא אנדערע, אונד געהן האנד בייא האנד דיא גאנצע אינטערנאציאנאל אין פעראייניגונג, אם וועניגסטען ואגרשנו מן הארץ, איהם אבשוואכען, איהם הערויסצוטרייבען פאן נאציאנאל אונד לאנד טיטעל.

דארויף איז געוועזן דער ענטפער פאן בלעם, איין פאלק ווערט געבארען, געוואכסען, ארגאניזירט, פארבערייטעט צו זיין צייטיג מיט איין בעפעלקערונג, מאכט, רייכטהום, פאליטישע, דיפלאמאטישע ערפאהרונגען, צו זיין בערעכטיגט פיר דעם טיטעל פאלק אונד דיפלאמאטישע נאציאן, אונד דער נאמען נאציאן איז שאן ענדע פאן איין בעפאריגען לאנגען היסטארישען קאפיטעל פאן איהרע נאציאנאלנע ענטוויקלונגען. איין קינג אבער ווערט בעשטיממט, בעטיטעלט, געקראהנט אין זיין געבורט, ווען ער איז נאך איין קינד, אונד האט נאך קיינע ערפאהרונגען, בעגריפע, פאן זיין קיניגליכע רעגירונג, אונד דער קראָהן איז דער אנפאנג פרק פאן זיין יחוס היסטאריע אונד קיניגליכע מאַכט, כי אחד היה אברהם

ואברכיהו, שאָן איהם געקראָהנט גוי גדול, גראססע נאַציאָנאַ־
ליטעט, אונד דאנן יעצט וארביהו, אלם וואס ער דארף זיין
געבארען איין בן מלך אונד ערצויגען אלם איין מלך, אונד
אויף דיא תנאים האבען דיא פאלק זייער ריינעם רעקארד,
לא היבים און ביעקב, אין איהר געבורט בני אברהם, יצחק
ויעקב, וויא דיא חז"ל זאגען כל ישראל בני מלכים הם, ולא
ראה עמל בישראל, אין איהר פעהיגקייט אונד ערציעהונג פיר
דעם הערשענדען קראָהן, וועלכער קראהן איז געווען אנער־
קענגט פאן דעם העכסטען היסטאָרישען מאנארך. עם בני
ישראל, הערשענדע נאַציאָן אין זייער קינדהייט, ווען זייא האב־
ען נאך פאן זייער קינפטיגע הערשענדע מאַכט קיינע בעגרי־
פע אונד אהנונג געהאַט, אונד איהר מיט אייער גאנצע אויס־
וואכסענדע בעפעלקערונג, מאכט, רעגיערענדע ערפאהרונגען
זייט איהר נאך ניט בערעכטיגט צו דעם נאַציאָנאַל קראהן
עס, אונד וועט קיין מאל בערעכטיגט זיין, ווייל איהר האט
ניט דיא אייגענשאפטען פאן איין הערשענד קראפט וויא זייא.

והיה כי תבאנה האותת האלה לך עשה אשר תמצא
ידיך כי אלהים עמך, דאס איז דיא קעניגליכע אונד נאציאנאל־
נע מאַכט פאן דיא בני ישראל, אונד אנפאנג יחוס, היסטאָריע,
קאַריערע, פאַן איהר ערשטע נאציאנאליטעט אונד קעניג־
טהום, פאן איין בעפאריגע קאריערע מאחורי הבקר, דוד'ס
היסטאריע, קאריערע, גבור חיל, איש מלחמה ונבון, דבר ואיש
תואר, עם ענדע וד' עמו, פאן איין בעפאריגע קאריערע
מאחורי הצאן, יעקב'ס אנפאנג, היסטאריע, קאריערע אונד
טיטעל ישראל, כי שרית ותוכל, פאן איין בעפאריגע היסטאָ־

ריע, קאריערע, אבפינסטערן צוואנציג יאהר בייא לבן. יוסף׳ס היסטאריע, קאריערע, ויהי ד׳ עמו, ויהי איש מצליח, ויהי בבית אדוניו, צו זיין פטפר׳ס רעכטע האַנד (עיין ספרנו), וואס דיא גרעסטע נאבעלס פאן לאנד האבען ניט אזא גליק צו זיין אזוי קרב למלכות, פאן איין בעפאריגע קאריערע משוק עבדים, אונד מבית אסורים יצא למלך, אם ענדע, דיא קראָה־נונג פאן דעם גרעסטען טיטעל עם בני ישראל, ממלכת כהנים וגוי קדוש, פאן איין בעפאריגע היסטאריע, קאריערע פאן איין פאמיליע גרים, גרורים אונד עבדים.

אלזא ד׳ אלהיו עמו ותרועת מלך בו, גאטט מיט איהם איז שאן דער קעניגליכער סאַלוט אין איהם, תרגום, ושכנת מלכהון בינהון, איז אין זייא דער קעניגליכער מאכט פאן גאטט לך המלכים, גאטט מיט איהם איז זיין אנפאנג היסטאָ־ריע, קאריערע, יחוס, קראָהן אונד מאכט, וואס זיינען גע־ווארען געקראהנט ווען זייא זיינען נאך געווען אין וויגעלע, אהיה אשר אהיה זה שמו וזכרו לעולם ועד דור ודור.

דוא זאגסט יצא אלם רעוואלירער אהנע וועלכע נאציא־נאלנע סיסטעם, געזעצע, ארדער, אל מוציאם ממצרים, מיט דעם העכסטען ארדער, קיין טריט געשטעלט אהנע שארפע פינקטליכקייט, אזוי וויא ויהי כחצות הלילה על פי ד׳ יתנו ועל פי ד׳ יסעו. דוא זאגסט יצא אהנע וועלכע נאציאנאלנע אר־דער, ויכסו את עין הארץ, פערדעקט דעם גאנצען פלאן, לאנדקארט, גרענעץ, פאן דיא לאנד. זייערע מסעות, זייער מארטש איז געווען דער ערשטער נאציאנאל מארטש, דער ערשטער מאָדעל, דיא ערשטע ערפינדונג אונד בעשאפונג

פאן דיא גאנצע ציוויליזירטע נאציאנאל געזעצע אונד סיסטעם, זייא זיינען דיא ערשטע וועלכע האבען בעשאפען מיט זייערע מסעות דעם לאנד קארט אונד לאנד גרענעצען, זייא זיינען דיא ערשטע בעשאפער פאן דיא פלאַג וועלכע איז בייא אייך זא הייליג וויא דער קראָהן, באותת לבית אבותם מפה צבוע כגון של אבני הקבוע בחשן, דיא פיר נאציאנאל קאמפף פלעגס, אונד יעדער שבט זיין פלעג נאך דיא בעצייכנונגען אונד בילדער וואס יעקב האט געמאהלט, ומכן למדו המלכות להיות עושין מפה, וצבע לכל מפה ומפה, ושם למדו המלכים להעמוד דגליהם על הכליהם, מדרש רבה ותנחמה, פ׳ נשא, אונד וויא מיר האבען בעריכות דיא ערקלעהרונג פאן דיא פרינציפ פאן אונזער פלאַג, אונד אין וואס דיא לעהרע בעשטעהט.

זייא זיינען דיא ערשטע בעשאַפער פאן דעם טרומייט סיגנאל, זייער מאַרטש איז געווען דער ערשטער בעשאפער פאן דעם מיליטערישען נאציאנאל מאַרטש אין פלאַנקס סיסטעם, צו מארטשען כמין תיבה אין פיער פליעגלען, מזרח, מעריב, דרום, צפון, אין דעם ארדער פאן דיא פיער פלאַגס. זייא זיינען געווען דיא בעשאפער פאן דעם קווארטיר סיסטעם פאראוים, ווען דער קאַמפף וועט קאממען זאללען זייא שאן געפינען אלעס צוגעברייט, אונד דעם פאטראָל מאסף לכל המחנות צום לעצטען. זייא זיינען געווען דיא ערשטע וואס האבען בעשאפען דיא קריעגס געזעצע פאן קריעגס ערקלעהרונג, ניט צו זיין אנגרייפער, וויא מיר האבען איין בעזאנדערע טהעמע וועגען דעם, וישלח ישראל מלאכים אל סחון מלך

האמורי, רש"י, אף על פי שלו נצטוו לפתוח בשלום עשו זאת מעצמם, אונד דיא בעלאגערונג געזעצע, וויא מיר האבען אין דעם ענין. אם ענדע, דעם קעמפפונג ארדער, וויא בלעם האט געזעהן ברוח אלהים, וירא ישראל שכן לשבטיו ויאמר מה טובו אהליך יעקב משכנותך ישראל (עיין לעיל), אונד אומזיסט איז דיין אנוועגדונג אזא מאכט וואס זיא איז דער ווארצעל פאן דיא גאנצע נאציאנאלנע וועלט, אונטער צו דרי-קען. איהר מאכט איז וויא דוא האסט אליין ערקלעהרט נוצחים שלא כמנהג העולם כתעפות רעם לו (עיין רש"י), דיא ערקלעהרונג פאן דיא איבערנאטירליכע מאכט.

אלזא אלס דיא ערשטע בעשאפער אונד ערפינדער פאן דיא גאנצע נאציאנאל סיסטעם, זאוויא דיא ערשטע רע-ליגיאן ערקלעהרער, וויא מיר וועלען וויטער ריידען, אונד דיא מעכטיגסטע, ווייל דיא מאכט פאן גאטטהייט, דארפען בעצייכנעט ווערען אלס איין פאלק פאן נאציאנאליטעט איינגענשאפטען.

דיא נאציאנאליטעט אונד איהר היסטארישען געבורט.

דער ערשטער דבר, דיא ערשטע בעגעגנונג אונד אנער-קענונג פאן גאטט מיט אברהם, דער ערשטער ווארצעל פאן דיא פאלק, איז געוועזן קיין אינהאלט פאן רעליגיאן, מאראל, מדות, געטטליכע פילאזאפיע, נור נאציאנאליטעט, עהרע,

וואהלהאבענד, ואעשך לגוי גדול ואגדלה שמך ואברכך, (רש"י בממון).

דיא נאציאנאליטעט אין איהר היסטארישע עקזיסטענץ.

נעמליך, וויא אליהו האט ניט געגעסען אונד געטרונקען פיערציג טעג אונד נעכט, האט ער דאך געהאט איין אונגע־היירע מעהר שפייזע זעטיגקייט אונד נאהרונגס קרעפטען אין זיך פאן דעם איין מאהלצייט, וויא פיעל יעדער מענש האט זעטיגקייט אונד שפייזע קרעפטען וואס פערצעהרט אונטער דיא צייט הונדערטע מאהלצייטען. איין מענש קען ניט געהן פיערציג טעג אונד נעכט, ניט אונטער דיא צייט צו רוהען, וויא אליהו איז גענאנגען מיט דעם כח אכילה פאן דעם איין מאהלצייט פיערציג טעג נאכאיינאנד.

וויא מיר האבען שאן קנאפע צוויא טויזענד יאהר ניט געהאט איין נאציאנאל שפייזע אין אונזער אידישען קערפער־שאפט האבען מיר נאך אלץ זאפיעל נאציאנאל שפייזע אונד נאציאנאל קרעפטען אין זיך, פאן דעם איין אכילה פאן דיא קרעפטיגע נאציאנאל שפייזע וואס מיר האבען געשפייזט מיט טויזענדע יאהר צוריק אויף אונזער נאציאנאל טייבעל, וויפיעל אלע פעלקער צוזאמען האבען נאציאנאל שפייזע שטאף אונד נאציאנאל קרעפטען, וועלכע האבען אונטער דיא צייט פער־צעהרט אונד פערצעהרען יעדער פעריאר זאלכע אונגעהיירע מאססען נאציאנאליזמוס.

מיר ווילען נור נעהמען אין בעטראכט דעם פעריאד פאן ימי שלמה אז אליהו פאן דעם איין מאהלצייט האט גע־האַט נאהרונג קרעפטען אויף ארבעים יום, איז געווען דער איין נאציאנאל מאהלצייט פאן דיא ארבעים שנה אויפצוהאַל. טען יעדער נאציאנאל נערוו אין זיין פאַללען לעבהאפט, אויף טויזענדע יאהרען. דערוויל האט נאך קיין פאלק געשפייזט אונד וועט ניט שפייזען אזא היסטאָרישען נאציאנאליטעט, פאן אזא קרעפטיגען נאציאנאל מאהלצייט, וויא וישב יהודה וישראל לבטח איש תחת גפני ואיש תחת תאונתו כל ימי שלמה, מיט אזא ריינע שמחת לבב וויא מיר האבען אין בע־פאריגע פרקים אונד וויטערע פרקים, אונד עס איז גאנץ נא־טירליך אז אזא שפייזע זאל ליגען אין מאגען אונד געבען נאַה־רונג קרעפטע אויף טויזענדע יאהרען, אונד עס איז קיינע ריידע צו האבען זא פיעל נאציאנאליזמוס וויא אלע נאציאנען, נור אונגעהייער מעהרער אהנע פערגלייך, וויא מיר ווילען ווייטערריידען.

דיא נאציאנאליטעט אין איהר געגענווערטיגע עקזיסטענץ.

איין פאלק וועלכע זאל פיהרען איהר נאציאנאליטעט איין לענגערע צייט וויא מיר, מיט דעם גרעסטען גליק, אונד ווען זיא זאל פאַלען אונד בלייבען אונטער איין אנדער מאַכט, אונטער וועלכע זיא וועט ניט האבען זאלכע גלענצענדע טעג וויא דיא טעג פאן איהר אייגענע רעגיערונג, וועט ניט פאר־

איבערגעהן ניט טויזענדע נור הונדערטע יאהרען וואס זיא וועט האבען פערגעססען אן איהר גאנצע גלענצענדע פערגאנגענהייט, אונד זיך בעשליעסען מיט איהר שיקזאל, אונד וואס ווייטער אליך מעהר איהר נאציאנאליזמוס אויסגע־וועבט פאן איהר זינען, אהנע מינדעסטע עראינערונגען, האָפ־נונגען אונד שטרעבונגען צו איהר אלטע היים אוּנד נאציאנא־ליטעט, אונד בלייבען פערשלונגען אין דעם שטראם איינפלוס פאן איהר געגענווערטיגע לאנד, פאלק, ארט רעגיערונג, אז איהר פערגאנגענהייט וועט בלייבען נור ־אלס איין טאדטע ווערטער עראינערונג אין דיא היסטאָריע.

מיר אבער, אמת מיר האבען געהאט בימי שלמה איין שטראהל פאן דיא גרעסטע ליכט וואס אזא ליכט האט נאך קיין נאציאן געזעהן, דאס איז אבער געווען וויא איין בליטץ בעפאר דיא שרעקליכע שטורעמס אונד צרות וועלכע עס איז איבערגעגאנגען אויף אונז פאן אנפאנג מלכי יהודה וישראל ביז גלות אשור, בבל אונד רומאים. וויא פיעל צרות מיר וועלען צוזאמענשטעלען אין דיא טויזענדע יאהרען פאן דעם גלות החיל הזה, וועלען מיר אליך ניט האבען זאלכע קלאגע־שטאף פאן קינות וְהגה והי, צו מאבען אזא איכה אונד קינה וויא אויף דיא צווייא פערדאיען פאןביידע רעגיערונגען אונד ביידע חרבנות, וואס מיר האבען זייא געדארפט דערמאנען מיט שרעק אונד אבטרייסלונג, דיא גאנצע צייט פאן דיא רע־גיערונג מלכי יהודה וישראל מיט דיא גרעסטע צרות, דער פאל פאן דיא גרעסטע שרעקליכקייט אונד שוידערהאפט. ווידער פערקעהרט, דיא צייט פאן דיא זיעבציג יאהר אין

בבל אונטער דיא ליבעראלסטע רעגיערונג מיט אלע רעכטע אונד פרייהייט אונד העכסטע פראטעקציאן, וואס דער עראינע־ רונג פאן זייער פערגאנגענהייט האט נור געדארפט ברייגגען שרעק אונד האס, אונד וואס אונזער נאציאנאלנע לעהרע אונד כאראקטער איז ניט צו בלייבען פערביטערט אויף אויף אונזערע בעזיעגער אונד קאנטראלער וויא אנדערע נאַ־ ציאנען, נור צו פערגעססען אונזער היים פרייהייט אונד זעלבסטשטענדיגקייט, אונד בלייבען געטרייא צו דיא לאנד, פאלק, קינג, ארט רעגיערונג, געזעצע אונטער וועלכע מיר זיינען בעזיעגט געווארען, אונד זיך געבעטען בייא אונז דורך דיא נביאים מיר זאלען זיך ניט ביטערען דעם לעבען אונד אויסניצען גאר דיא פרייהייט אונד רעכטע, אונד געניסען אין פאלען מאס דיא פערגעניגען וואס דיא רעגיערונג אונד פאלק פאן בבל האט אונז געאָפפערט, אונד דאך וואס זעהן מיר מיט וואס פיר בייגקונגען אונד ליעבע צובונד זייא האבען איבערגעלעבט דיא זיבציג יאהר אין זייער נייע פערגעניגענדע היים, צו דיא אלטע איינענע היים ציון ווא זייא האבען זא פיעל געליטען, אונד דיא אלע פערגעניגען אפפערונגען האט נאך מעהר ענטוויקעלט זייער היים עראינערונג אונד היים ליעבע, וויא מיר האבען דעם פארשטעלונג אין דעם ערהאַבע־ נעם על נהרות בבל.

אונד ווייטער אויפגעבויט אונד אויפגעבליהט איין צוויי־ טע הייליגטהום, קעניגטהום אונד נאציאנאליטעט, אונד ווייטער קיין נחת, ניט איין טאג דורכגעלעבט רוהיג פאן אזא שנאת חנם, וואס דאס איז דיא געפעהרליכסטע אין לאַנד

אונד רעגיערונג, אונד ווייטער אזא ביטטערע ענדע פאן אזא שרעקליכע נידערלאגע אונד ביטערען חורבן, וואס זאלכע צוויא־העפטיגע ערפאהרונגען איז גענוג צו געבען איין לעהרע אונד ווארנונג, זיך צוריקצוציהען פאן דיא בעגייסטערטע אידעען אונד פעסטעסטע בעשליעסע אויף דיא גלענצענד־סטע אויסזיכטע, צו זיין פאן דיא העכסטע איבערצייגונג ניט צו זיין פעהיג פיר נאציאנאלע פרינציפען אונד נאציאנאלע אונטערנעהמונגען, וויא דיא פערליימדישע בעהויפטונגען פאן דעם כתב שטנה, אז דיא נאציאנאליטעט איז איין געפאהר פיר איהר אונד איין געפאהר פיר דיא אינטערנאציאנאל, ניט צו אכטען אויף דיא בעשטעטיגונג פאן והיו ברכה ונברכו בך כל משפחות האדמה וגויי הארץ, אונד שופטי השלום פיר דיא גליק פאן דיא וועלט אונד מענשהייט, ווייל דיא היסטא־רישע פאקט האט דאנן געוויזען געגען דיא בעשטעטיגונג, אונד ליבערסט זיין אונטער וועלכע ליבעראלע רעגיערונג אונד לעבען אהנע נאציאנאלע עהרע, אבער רוהיג, אדער אונטער וועלכע רעגיערונג, נור עס זאל ניט דארפען פארקאמען זאל־כע שרעקליכע פארשטעלונגען פאן זאלכע שוידערהאפטע חרבנות.

אונד דאך ווייטער געבליבען פעסט בייא איהרע נאציא־נאלע פרינציפען אונד נאציאנאלע בעגייסטערונג, אונד ווי־טער געבליבען געטרייא צו דיא אלטע היים אונד נאציאנאלי־טעט נאך מיט מעהר ליעבע אונד צובונד וויא פריהער, פאן איין פעריאד ניט מעהר וויא זיעבציג יאהר, אונד שאן אוועק קנאפע צווייא טויזענד יאהר, אונד דער לאנגער פעריאד

האט נאך ניט אויסגעוועבט איין גראד פאן איהר נאציאנאל־
נעם גייסט אונד האלטען איהר שטענדיג אין געדאנק אונד
מויל, אונד האָף אונד שטרעבונג בכל עת ובכל שעה ערב
ובקר וצהרים, אונד דיא שולען, תפלות, ימים טובים, שמחות,
געזעלשאפטען, אונטערהאַלטונגען, אם ענדע, דער העכסטער
וואונש פאן אונזער צוועק אונד דאַזיין. אלזא אזא נאציא־
נאלנע בעגייסטערונג אונד אזא נאציאנאלנע קראפט, טא־
לענט אונד דזשעניוס איז העכער וואס קראפט אונד טאלענט
קען בעשאפען.

דיא נאציאנאלנע אינערליכקייט אונד אייגענשאפט מיט
דיא היסטארישע נאציאנאלנע פפלאנצונג אונד נאציאנאלנע
וועבונג פאן איהר פערגאנגענהייט, וואס קיין נאציאן האט
נאך אזא וואונדערבארע נאציאנאל וועבונג, וועלכע איז איינ־
געפפלאנצט אונד איינגעוועבט מיט צווייא טויזענד יאהר
צוריק, אונד איינגעשפייזט אין קערפערשאפט פאן דיא ראסע,
האט נאך פיעל מעהר נאציאנאל קראפט אונד נאציאנאל
לעבהאפט וויפיעל אלע פעלקער צוזאמען, דורך איהרע
שטענדיגע נאציאנאל שפייזען, אונד דיא נאציאנאליטעט איז
דיא העכסטע אונד זיכטבארסטע פאָרם וועלכע שפיעגעלט
זיך אב אין דיא פאלק, אונד דארף בעצייכנעט ווערען מיט
דעם פאָרם, פרינציפ טיטעל, איין פאלק פאן נאציאנאל איי־
גענשאפט אונד נאציאנאלנע מאכט עד היום הזה, וויא דער
דור מצרים וועלכע זיינען געוועזן אין איין ניעדריגער לאגע וויא
מיר, דאך זיינען זייא געוועזן בערעכטיגט פיר זייער נאציאנאל־
נע גרינדונג, בלאס פיר דיא איינציגע נאציאנאל אבשפיגלונג,

פאן דיא נאציאנאל אבצייכנונג שלא שינו את שמותם ולשונם ובגדיהם. דער כח פאן נאציאנאליטעט איז אין דיא היסטאָריע אויך אזא קראפט, טאלענט, אייגענשאפט, ענט-וויקלונג, מיט דיא געבורט אונד פראגרעסס פאן דיא מענש-הייט זאוויא יעדער כח אונד טאלענט אדער נאטור ערשיינונ-גען, וויא דער כח פאן מדבר, רעדען אונד דענקען, וועלכע בחות עס ווערען ניט געקויפט אונד ערוואָרבען, נור געבּארען אונד דער קנין פאן וואפען אונד מיליטער איז ניט דער כח פאן דיא נאטירליכע נאציאנאליטעט וועלכע דיא בני ישראל האבען פאן דיא עצמיות, זאוויא אב המון גוים אונד שררה.

דיא רעליגיאן פאן איהר היסטאָריע, מאכט, סיבה, תכלית אונד פראקטיק.

דיא דריטטע קלאססע בעהויפטעט אז רעליגיאן איז דיא העכסטע אייגענשאפט מיט וועלכע דיא פאלק דארף בעצייכ-נעט ווערען, נעמליך, עס איז קיינע אידעע צו ברייננגען וועלכע אַרגומענטס אויף דיא רעליגיעזע פאך, פאן איהר היסטאַריש-ען שטאנדפונקט, וואס דער מעמד הנבחר שטעלט ניט פאר, אונד דיא גאנצע תורה בכלל, איהר מאַכט איינפלוס אין דיא פאלק, אונד אלס איין אנערקענטע רעליגיאן בייא דיא גאנצע ציוויליזירטע וועלט, אונד איהר ריינהייט, גייסטליכקייט, בע-לעהרונגען, פאן דיא העכסטע ציוויליזירטע פרינציפען, אונד אנערקענט פיר דיא ערשטע מוטער אונד קוועלע פאן אלע

ציוויליזירטע רעליגיאנען אין איהר ריכטיגע לעהרע, אונד דיא פאלק אלס דיא ערשטע וועלכע האבען איהר ערהאלטען אונד פראקלאמירט פיר דיא וועלט, איז פאן דיא אלע שטאַנדפונקטען קיין צווייפעל, אז דיא רעליגיאן דארף זיין דיא הויפט בעצייכנונג פאן דיא פאלק מעהר וויא דיא איבריגע, אלס רעליגיעזע ערפינדער, פראקלאמירער, אונד רעליגיעזע עקספערטס, אם ענדע דיא אש דת, דיא רעליגיאן מפי ד׳ ביד משה, מיט אלע איהרע צווייגען פאן אדם למקום אונד אדם לחבורה, דיא נשמה פאן דיא גאנצע וועלט אונד איהר עקזיסטירענדע ציוויליזאציאן, וואס דארף זיין אנערקענט פיר דיא העכסטע מאכט, איין רעליגיעזע מאכט פאן רעליגיעזע אייגענשאפטען, דער וויכטיגסטער פונקט אונד הויפטזאכע פאן אלעס, וואס דיא רעליגיאן איז דיא סיבה אונד תכלית פאן דיא נאציאנאליטעט, נעמליך,

דיא סיבה.

אברהם איז ניט געווען אנערקענט פאן גאטט פיר איין גראסס נאציאנאליטעט, ווא גאטט איז ניט געווען פריהער אנערקענט פאן אברהם פיר דעם גרעסטען כח אונד בורא ומנהיג העולם, בן שלשה אדער בן ארבעים הכיר אברהם את בראו, דיא הכרה פאן גוי גדול איז געווען פיעל שפעט־ער, ובאברהם הוא אמר אשר התהלך לפניו, נח היה צריך סעד לתומכו, אבל אברהם היה מתחזק ומתהלך בצדקו מאליו, גאטט וואלט ניט גערופען צו אברהם ואעשך לגוי גדול, ווא

אברהם וואלט ניט גערופען בעפאר צו גאטט ואעשך לבורא ומנהיג העולם, וויא מיר האבען דעם ענין בעריכת.

דער תכלית.

ואברהם היו יהיה לגוי גדול ועצום . . ., ונברכו בו כל משפחות האדמה וגויי הארץ, כי ידעתיו דער צוועק פאן מיין איהם בעשטימטען לגוי גדול איז למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ד׳ לעשות צדקה ומשפט לכל העמים וואס נישט מעהר מיט דרך ד׳ קען ריכטיגע צדקה אונד משפט דורכגעפיהרט ווערען.

דיא רעליגיאן אין איהר פראקטיק.

הלא עם אל אלהיו ידרוש, יעדער פאלק האט איין רע־ליגיאָן, נור ווען מיר זאלען נעהמען ניט מעהר וויא דיא אמונת הנוצרים, וועלכע זיינען פאן פיער ביז פינף הונדערט מילליאן, אבוואהל זייא זיינען אין פערשיעדענע פאָרמס, אבער אלע פעראייניגט אין איהרע הויפט פרינציפען, אונד אזא טראָפפען אין ים, קנאפע צעהן מילליאן צווישען פינף הונד־ערט מילליאן, אדער טאַקע דיא גאנצע וועלט פאן טויזענ־דע מילליאנען, ווייל אלע זיינען דאך געגען אונז אונד מיר געגען אלעמען, זאל בלייבען אבגעריסען פאן דיא גאנצע וועלט, מיט אזא אבריישונג, פערשיעדענהייט אונד געגנונג,

וויא פייער מיט וואסער. וואס בייא זייא הייסט רעליגיעזע גלויבען הייסט בייא אונז אונגלויבען, אונד וואס בייא אונז אונגלויבען איז בייא זייא גלויבען, אונד דיא אבגעריסענע אונד אבגעזאנדערטע פאן דעם גאנצען וועלט, ים, רעליג־יאן, טראפפען, שווימט הערום פרייא צווישען איהרע שטורמענדע אונד רייסענדע וועללען, וועלכע זיינען בערייט צו יעדער צייט איהר צו פערשלינגען אונד פערניכטען, מיט וועלכע שרעקליכע אונד גרויזאמע מיטלען עס איז זייא נור פארגעקאממען, אונד דאך מיט זייער מעכטיגסטע אנווענדונג אין זא לאנגע פעריאד איהר ניט געקענט צערשטערען, איז אזא רעליגיאן עלעמענט דער שטארקס־טער עלעמענט אין דער נאטור, שטארקער וויא דיא צבא השמים, וואס דער מעכטיגסטער פלאנעט מיט איין העפ־טיגען אנשטויסונג אן איין אנדערען פלאנעט מוז צושלא־גען ווערען.

אלזא איז דער רעליגיאן טאלענט דיא גרעסטע איינ־ענשאפט אונד דיא זיכטבארסטע פארם פאן דיא איבריגע צווייא, ווייל נאציאנאליטעט זעהן מיר דאך געשטירצט. ראסע האט קיין מאל געהאט וועלכע דירעקטע פערפאל־גונג, אבער אזא גרויזאמע אלגעמיינע פערפאלגונג וויא דיא רעליגיאן האט מימות עולם עד היום הזה, האט נאך קיין רעליגיעזע היסטאריע, אונד דאך געבליבען בייא איהר מאכט, דארף זיא זיין בעשטימט פיר דיא הויפט בעצייכ־נונג פאן דיא פאלק, אלס איין פאלק פאן איין רעליגיעזע מאכט.

דיא בּגדי קודש אונד גוי קדוש.

דיא הייליגע קליידער אונד הייליגע פאלק.

דיא פראַגעס, דעבאַטעס אונד בעהויפּטונגען, וועלכע זאל זיין דיא הויפּט פאלקס בעצייכנונג וועלען עוויג צו קיין בעשטימטע דעסיזיאן קאָממען, ווייל יעדער לעהר־ענט אונד שטודירט יעדער פאָרם אונד אייגענשאפט פאן איין אבגעזאנדערטען שטאנדפּונקט. ווען ער לעהרענט דיא נאציאנאליטעט האט ער ניט צו טהאָן מיט דיא ראַסע אונד רעליגיאן פאָרם, אונד זא ווען מיט רעליגיאן אדער ראסע איז ניט מיט נאציאנאליטעט, אונד זא ווייטער, אונד שטודירט אונזער פאָלק מיט דעם זעלבען סיסטעם וויא אלע פעלקער, וועלכע זיינען נור איין צוזאממענשטעללונג פאן פערשיעדענע גליעדער אונד אָרגאַנען אין איין גאנצען קערפּער.

אמת טאַקע, אז אלע פעלקער האבען אויך אין זיך דיא גליעדער פאן ראסע, רעליגיאן, נאציאן, אבער דאס איז ניט מעהר וויא איין גאנצער מענש מיט אלע זיינע גליעד־ער, אונד ווען עס זאל איהם פעהלען איין גליעד הייסט ער קיין גאַנצער מענש, אבער דיא אויג אונד דיא איבריגע גליעדער בלייבען אין זייער גאַנצהייט אונד געזונדהייט, מיט דעם חסרון פאן דיא האנד, ווייל דיא נערוועז פאן דיא

האַנד האט קיין דירעקטע קאָננעקשאן מיט דיא נערוועז פאן זעהן אונד הערען, אונד קען זיין איין גאנצע פאלקאָ־מע נאציאנאליטעט פאָרם אָהנע איין געוויססע אבגעצייכנעטע רעליגיאן אונד ראסע מיט וועלכע רעליגיאן אדער קיין רע־ליגיאן אונד געמישטע ראַסע, אונד איין פאָלקאָמע רעלי־גיאָן פאָרם אָהנע איין אבגעצייכנעטע אונד אבגעזאנדערטע נאציאנאליטעט, מיט יעדער נאציאן אין דיפלאָמאַטישע פערבינדונגען, אָדער קיין נאציאנאלנע פאָרם.

אם ענדע, איין פאָלקס וועבונג פאן דרייא פערשיע־דענע פעדים אונד קאליערען, ווען דוא וועסט הערוים־ציהען אדער אומבייטען איין פאדעם פאן דיא וועבונג בלייבען דיא איבריגע מינים אין זייער קוואליטע אונד קוואנטיטע אונד קאָליער וויא בעפאָר, ניט געמינערט,

ניט אזוי איז אבער דיא פאלקס וועבונג פאן דיא גוי קדוש, נור מיט דעם זעלבען וועבונג סיסטעם וויא דיא וועבונג פאן דיא בגדי קודש, וועלכע הייליגע וועבונג איז געוועזן איין צונויפשטעלונג פאן פיער, פינף, זעקס אונד זיעבען, אונד אם ענדע פאן אכט־אונד־צוואַנציג. פיער מינים תכלת וארגמן ותלעת שני ושש, געגען דיא פיער גרענעצען פאן דעם נאציאָ־נאל תולדות היחוס, תולדות שם, תולדות אברהם, וואס פאנגט זיך אן פאן תולדות תרח, איבער איהר בעדייטונג אין אברהם׳ס געשיכטען (לעיל בפרקין), תולדות יצחק, תולדות יעקב, וואס יעדער גבול האט איין אַנדער אַרט ברכה, זאָ וויא בייא אברהם ככבי השמים, בייא יצחק כחול אשר על שפת הים, אונד יעדער ברכה האט איהר בעדייטונג, וויא מיר

האבען אין דעם ענין. אונד דער פינפטער מין זהב טהור, דער כימבאל פאן דיא בני ישראל, וועלכע מינעראל האט דיא סגולה מעהר וויא אַלע מינעראַלען, אונד דיא פערא‍ייני־גונג פאן דיא דרייא אייגענשאפטען, נעמליך, 1) שעהנהייט, מאַגניפיסענט, רייצענד, וואס ציעהט צו דיא אויג. 2) ציע־הענד, שפרייטענד. 3) ריינהייט, מיט איין פעראייניגונג פאן איינהייט וואס יעדער אייגענשאפט איז וויל דיא אנדערע אייגענשאפט, אונד דיא עצמות פאן איין אייגענשאפט איז דיא זעלבע עצמות פאן דיא אנדערע, וויא מיר וועלען וויטער ריידען, וויא דיא עם סגולה מכל העמים מיט דיא דרייא אייגענשאפטען פאן דיא זעלבע פעראייניגונג.

1) עס איז נאך ניט דא אזא פאָלק אונטער דיא זון וועלכע זאָל זיין זא מאַגניפיסענט צו ציעהען דיא אויגען פאן דיא וועלט צו איהר, וויא דיא עם בציון ישב בירושלים, וועלכע ונהרו אליו כל העמים, והלכו עמים רבים לארך ומלכים לנוגע זרחך, אלע פעלקער וועלען צו איהר שטראָמען, אונד נאציא־נען אונד קעניגען וועלען געהן פיר דיין ליכט אונד פיר דעם בלישטץ פאן דיינע שיינענדע שטראַהלען, וויא דיא ממלכת ימי שלמה. 2) עס איז ניט דא אזא שפרייטענדע אונד ציע־הענדע פאָלק וויא בני אברהם, יצחק ויעקב, מיט דיא ברכה אונד פראַקטישע עקזיסטענץ, וארבה את זרעך . . ., אשר לא יספרו מרוב, זייא וועלען ניט ווערען אויסגעצעהלט (עיין בפרקין לעיל), מען וועט זייא עוויג דארפען צעהלען, אונד עוויג ניט אויפהערען צו צעהלען, וויל זייא וועלען קיין מאל זיין איבערגעצעהלט, אונד עוויג מוזען האַלטען אין איין צעה־

לען, ווייל עס וועט אלץ ווערען מעהר אונד ניט אויפ־
הערען צו צוקאָממען אונד צו צוואוואַכסען, ניט וויא כל
העמים, וואס זייא מוזען אויפהערען געצעהלט צו ווערען, ווייל
זייער ווארצלענדע ראסע, זייער פאָלל ריינע אַבשטאַממונג
ווערט אלץ וועניגער אונד וועניגער דורך דיא פערמישונג אין
פערשידענע ראַסען, אונד בלייבען אזוי וועניג אז ונער יכתבם,
אונד אם ענדע בלייבען אויסגעצעהלט, אז עס וועט גאר ניט
בלייבען וואס צו צעהלען. 3) ריינהייט מיט וועלכע
סגולה דיא פאלק איז בעריהמט, פאן דיא העכסטע מאָר־
אל אונד טהרת המשפחה מיט איהר ערשטע היסטארישע
תולדה, לתולדותם, למשפחותם, לבית אבותם, ובכל דור
ודור עד היום הזה.

יעדער פאדעם פאן דיא פיער מינים איז געווען פאן
זעקס פעדעם, געגען דיא זעקס נאציאנאלנע פרינציפען,
דרייא, דיא נאציאנאלנע יחוס ווארצלען, לתולדותם,
למשפחותם, לבית אבותם, וועלכע האבען הערויסגעוואקס־
ען דיא דרייא נאציאנאלנע צווייגען ממלכת כהנים וגוי
קדוש, דיא פעראייניגטע הייליגטהום פאן נאציאן, רעליגיאן
אונד ראסע.

דער חוט של זהב דארף שאן ניט זיין איין בעזאנ־
דערע פאדעם פאן זעקס, וועלבער איז נור פיר דער פרינ־
ציפאל סימבאל, אונד שיין אויף דיא פאלקאמע מספר בני
ישראל, אז ווא עס איז דא דער צאהל פאן דיא אלע זעקס
נאציאנאלנע פעדעם אין פעראייניגונג, דאנן שיינט דער
גאלד פאדעם אלס דער הויפט נאציאנאלנער בעצייכנונג

פאן איין פאלקאמען ישראל קאמפליט מיט'ן קאמפליטען נאמען איד אין פעראייניגונג (עיין בראש פרקין), אז דער נאמען איד בעצייכנעט אלס נאציאן, רעליגיאן, ראסע, אונד דאנן דיא פיער פעדעם פאן דיא פיער מינים אין דיא זעקס פעראייניגונגען מיט דעם זיעבעטען קאמפליט בעצייכנונג, אין פעראייניגונג דיא פיער יחוס אונד תולדה גרענעצען, איין גבול מיט דעם אנדערען גבול, צו איין גאנצע איינהייט אהנע מינדעסטע אבטהיילונג פאן דעם איינצעלנדען פרט ביז דעם כלל שבכללים, יעדער פרינציפ איז אין אלע אונד אלע אין איינעם, וואס דאס איז דיא איינהייט פאן גאטטהייט, וויא מיר וועלען ווייטער רעדען. וואס אלע מינים פאן אלע פעדעם אין דיא גאנצע וועבונג איז אין איין פאדעם, אונד יעדער איינציגער פאדעם איז אין אלע פעדעם פאן דיא גאנצע וועבונג. ווען דוא זאלסט הערויס ציהען איין 28טען פעראייניגטען פאדעם וועט שאן פעהלען דיא כמות אונד איכות, קוואליטע אונד קוואנטיטע פאן אלע מינים פאן דיא גאנצע וועבונג, הערויסציהען איין גאנצען איין זעקס פעראייניגטען פאדעם, וועט שאן פעהלען איין גאַנצער טהייל פאן איין גאנצען גבול אין דיא וועבונג, אונד דיא ברכה פאן דעם גבול, וויא מיר האבען גערעדט, אם ענדע, איין איינציגען פאדעם, וועט שאן זיין גע'פסל'ט דעם סימבאל אונד בעצייכנונג פאן גאלד פאדעם אלס איין ישראל גמור, איין פאלקאמער איד.

אלזא וועלכען נאציאנאלנעם פאדעם דוא וועסט הערויס נעהמען פאן דיא פאַלקס וועבונג, ניט זא וואס דער

פרינציפ ווערט דיר פעהלען אונד ניט זיין איין פאלקאמען נאציאנאל קערפערשאפט, נור עס ווערט אייך פעהלען דער קראפט פאן דיא איבריגע גליעדער, ווייל אלע חושים זיינען קאננעקטעד מיט דיא זעלבע נערוועז זאוויא דער זיעבטער גאלד נאציאנאל סימבאל, וואס דיא מאגניפים אונד שפרייטענד איז ווייל דיא עצמיות פאן ריינהייט, אונד דיא ריינהייט ווייל דיא עצמיות פאן זייא ביידען, דיא נאציאנאלנע שטארקהייט, מאגניפיסענט אונד שפרייטענד פאן לא יספר מרוב איז ווייל דיא עצמיות פאן דיא ריינהייט טהרת משפחה אונד ניט פערמישונג אין פרעמדע ראסען, אונד דיא טהרת המשפחה ווייל דיא עצמיות פאן נאציאנאליטעט אונד רעליגיאן, אונד דער חסרון פאן רעליגיאן איז דער חסרון פאן נאציאנאליטעט אונד ראסע, אונד נאציאנאליטעט דער חסרון פאן דיא איבריגע, (עיין בראש פרקין).

אלזא דיא צוזאמענשטעלונג אונד פעדעם פאן דיא בגדי כהונה, דיא וועבונג איז אחד, דיא מלאכות פאן איהר פארם איז אחד, קיין זאך געוועזן געמאכט בעזאנדער אונד צוגענייט, נור אלעם פאן איין וועבונג, דיא כרובים מיט'ן פרוכת אחד, דיא מנורה אחד, אם ענדע והיה המשכן אחד, אתה אחד ושמך אחד ומי כעמך גוי אחד בארץ, אחד אין דעם זינען אין איין פעראייניגונג פאן איין איינהייט, וויא מיר האבען גערעדט, קיינע בעזאנדערע אבטהיילונגען פאן רבוים, פרינציפ, מדות.

ווייל דער העכסטער ווארט מיט וואס דיא העכסטע קדושה אונד גייסטליכקייט קען אויסגעדריקט ווערען, אונד

דעם העכסטען זינען פאן הייליגטהום איבער דיא נאטיר־
ליכקייט איז איינהייט פאן שללת הרבוי, גבולין, אבטהיי־
לונגען, אבזאנדערונגען, איין פרינציפ פאן דעם אנדערען,
נור אלע אין איינעם אונד איינער אין אלע, אפילו ברגז
רחם תזכר, אויך דיא צווייא געגענדע פרינציפען זיינען ניט
אין דיא בעזאנדערהייט, ווען אונד ווא איינער איז דער
אנדערער, אם ענדע, דער העכסטער קבלת מלכות שמים
אין דעם זינען פאן דיא העכסטע מאַכט פאן הייליגטהום
איז שמע ישראל ד׳ אלהנו ד׳ אחד, וואס אין בעזאנדער־
הייט איז גאר קיין מאל געוועזן צייט זייער געבורט, וויא
מיר האבען בייא מעשה המנורה בראש פרקין, וראה ועשה
כתבנתו כמראה אשר מראתה בהר, מלמד שנתקשה
משה בעשיתה, ביז וואנען מען האט געמוזט העריינוואר־
פען אין פייער אונד הערויס איין מנורה. עס איז נאך ניט
דא אזא סימפעל אונד קלארע בעשרייבונג אין דיא גאנצע
מלאכת המשכן וויא דיא מנורה, טוו את העיזים, דיא
כרובים אונד דיא ירעת איז געוועזן מעהר קונסט צו פער־
שטעהן וויא צו מאכען, אונד דיא עדות התורה אשר מלא אתם
חכמה ותבונה לעשות אותם, אז עס האט געמוזט זיין דיא
הילפע פאן חונן הדעת היד ד׳ תקצר, צו געבען דיא חכמה
אונד תבונה אין דיא מעשהה מנורה, איהר צו מאכען נאך דיא
כונה, צו ריידען מיט גאטט פה אל פה, כאשר ידבור איש
אל רעהו, דאס האט משה געקענט בעגרייפען, אונד דיא
סימפעל בעשרייבונג האט משה ניט געקענט בענעהמען
וויא דורכצופיהרען נור כמראה אשר מראתה, מיינט ער זאל

מאכען וויא ער האט געזעהן אלעס מיט איין מאל אין איין בליק, ניט איין גליעד פריהער פיר דעם אנדערען, דאס איז געוועזן אזוי צו פערשטעהן וויא שמור וזכור בדבור אחד, אלס איין פפלאַנצונג געוואכסען אלע אויף איין מאל פאן איין קלענערע צו איין גרעסערע פארמאַט, אונד בליי־בען עוויג אין איינהייט אהנע וועלכע אבזאנדערהייט פאן וועלכען פרינציפ.

ואברהם היה יהיה לגוי גדול ועצום, אברהם וועט זיין אונד זיין איין גראססמאכט אהנע וועלכע אויפהער פאן זמן מהזמנים, צו דוא וועסט זיך אליין רעגיערען דיין נאציא־נאליטעט אדער דיין נאציאנאליטעט וועט ווערען געפיהרט דורך איין אנדער מאכט. דער טאלענטפאלער אדער אויס־געשטודירטער קינסטלער אויף איין געוויססע פאך מיט זיין דיפלאָם, הערט ניט אויף צו זיין איין קינסטלער אונד ווערט ניט אן זיין טאלענט אונד זיין דיפלאָם אונד טיטעל ווען פאן איין אויסערליכע אורזאך וואס האט ניט צו טהאָן מיט דיא וויססענשאפט אונד אייגענשאפט פאן זיין פאך, ווערט דיא פאך אומנת דורכגעפיהרט דורך איין אנדער אומן.

אונד דיא מעכטיגע אונד שטאַרקע עוויגע עקזיסטענץ פאן דיא אלע דרייא נאציאנאלנע פעדעם, ראסע, רעלי־גיאן, נאציאן, נאך דיא עדות פאן אלע דרייא קלאססען, איז וייל יעדער נאציאנאל פאדעם אונד פאַרם איז פאן אלע דרייא צוזאמען, אדער פאן 28 צוזאמען, וואס דאס האט קיין נאציאנאלנער פאדעם, אונד אלע פעדעם אונד פאָרמס איין גלייכע שטארקייט.

אונד דיא דעבאטען אונד פערשיעדענע בעהויפטונגען קאמט דערפאן וואס איינעם שיינט דער פאָרם מעהר וויא דיא איבריגע, אונד איינעם שיינט הערוים מעהר איין אנדער פאָרם, אדער א מאל שיינט הערוים דער פאָרם מעהר, אונד אמאל איין אַנדערער מעהר, אונד דיא איבריגע פעדעם זיינען פערדונקעלט, פערשטויבט אונד פערטראגען פאַן דיא שלעכטע אטמאָספערע, אונד זעהן זיך ניט פאן וועלכע אומ־שטענדע, זמן, מקום, מצב, וויא מיר האבען אין דיא ערשטע פרקים, והופיץ אתכם ד׳ בגוים ונשארתם מתי מספר, וואס דאס וועט פערארורזאכען אז ועבדתם שם אלהים אחורים . . . אבער ניט זיין פערזונקען אין גאַנצען, ובקשתם משם את ד׳ אלהיך ומצאת וכו׳, אונד עקזיסטירען אלע פעדעם צוזאמען אין זייער פאָללען לעבהאַפט.

שיינט דיר בלאָס איין נאַציאָנאַל פאָדעם, פרוביר דעם גאַנצען פאדעם אבשייערען אונד אבריינינגען פאַן דיא שטויב אונד פינסטערע אטמאָספערע, וועלכע האבען איהם פער־טראגען אונד פערדונקעלט, וועסט דוא דערזעהן אונטער דעם נאציאנאל פאדעם נאך צווייא ליכטיגע פעדעם פאן רעליגיאן אונד ראסע מיט איהם איינגעדרעהט אונד פעראייניגט, מיט איין ענגע צונויפוואכסונג, אונד אזוי מיט יעדער פאָ־דעם אונד פאָרם.

אונד ווען דוא האסט געמאַכט איין נרינדליכע אונ־טערזוכונג אונד האסט אין דעם בלישצענדען נאציאנאל פאדעם ניט געפונען דיא איבריגע צווייא פעדעם פאן רא־סע אונד רעליגיאן, דאנן זאלסט וויסען אז דוא האסט אויך

קיין ריכטיגען נאציאנאל פאדעם, אונד דער נאציאנאל בלאנק איז שאן קיין חוט של זהב טהור, נוד איין שיין נאציאנאל, אבער קיין ווירקליכער אידישער נאציאנאליסט אונד אזוי מיט דיא איבריגע פעדעם פאן ראסע אונד רע־ליגיאן, עס האט ניט צו טהאן מיט זיינע נאציאנאלנע טהעטיגקייט, איך גלויב אין זיין טהעטיגקייט אונד אין זיין ערנסט, אונד אנערקען זיין אנטהייל, אבער דאס איז ניט מעהר וויא סימפאַטהיע וואס דאס קען האבען אויך איין פרעמדער. מיר וויסען אבער וואס סימפאטהיע איז, וויא וויט מען איז זיכער מיט איהר אנטהייל. איין אידעע, איין בעוועגונג, גע־גען דיא אידעע אונד מיינונגען פאן דעם סימפאטהייזער, אונד דיא סימפאטהיע איז פערלארען, אונד ניט זעלטען איין רע־זולט פאן דעם סימפאטהייזער צו איין גרעסטען געגנער.

ניט אזוי איז אבער מיט איין אינגערליכען פאמיליע מיט־גליעד, וואס קיין געגנונג, ווידערשפרעכונג אונד ווידער־דענקונג, קען צערשטערען זייער אינערליכען פערבאנד, אונד שטערען דיא בעוועגונגען אונד שטרעבונגען פיר דיא אלגע־מיינע וואָהל פאן דיא פאמיליע אונד צוועק. איין גליעד פאן דיא פאמיליע איז אלע מאל בערייט אבצוגעבען זיינע מיינונ־גען אונד בעשליססע ווא ער זאל וויסען אז דאס זאל זיין דיא מינדעסטע שטערונג אין דיא אלגעמיינע פאמיליע אינטערעס־ען, אונד האב קיינע גאראנטיע אויף איין זיכערען אנטהייל אויף אונזערע נאציאנאלנע אנגעלעגענהייטען, סיידען דורך איין געטרייע פאמיליע גליעד.

אונד אין דעם פאַל ווא דוא זעהסט אין איהם קיין רעלי־

גיאן אונד ראסע פרינציפ, אונד דאך זעהסט דוא אין איהם איין ערנסטען אונד אינערליכען נאציאנאליסט, מיט דיא פרינציפען פאן איין פאמיליע מיטגליעד, אדער אין אנדערע פאָרמס איין ערנסטען רעליגיאניסט אונד קיין נאציאנאליסט דאנן מוזט קאָממען צו דיא בעשלוססע, אונד בעשלוס אז זיין ניט רעליגיעזישע אדער ראסע פאָרמס איז נור במקרא אונד ניט בעצם, אונד בעצם איז ער אויך זא טראַי צו זיין רעליגיאָן אונד ראסע וויא צו דיא נאציאנאליטעט, וויא מיר האבען דעם היסטאָרישען פאַקט, וויא דער נאציאנאל פרינציפ האט גע־לוכטען אין קיינע רעליגיאן אונד ראסע פאָרם, דאָך זיינען זייא געוועזן מיט דיא לעצטע צווייא פרינציפען אין זייער עצמיות וויא מיט דיא נאציאנאליטעט, פאן דעם דור מצרים אונד זייער רעליגיאן, אונד דיא עולה בבל איז זייער ראסע, וואס דער דור מצרים האבען אויסגעשריען נעשה ונשמע, צו וויסען קיין אנדער זאך נור איין רעליגיאן פאן גאטט, אונד דיא סגנים ושרים פאן בבל זיך צו שיידען אונד אָפּפערען זייערע פרויען אונד קינדער פיר דיא גאנצקייט פאן דיא אידישע נאַ־ציאנאליטעט, פאן ראסע, רעליגיאן אונד נאציאן.

דער אינהאַלט פאָן דער מגילה אונד איהר דאַבּעל שריפט.

ואתה בן אדם פצה פיך ואכל את אשר אני נתן אליך
ואראה והנה יד שלוחה והנה בו מגלת ספר, עפפען דיין מויל
אונד שפייז זיך אן דער מיט וואס איך גיב דיר, אונד איך
האב געזעהן איין האנד איז אויסגעשטרעקט געווארען אונד
אין דיא האנד איז איין היסטאָרישער פאלקס בעשרייבונג אונד
איין פאלקס דאקומענט. ויפרוש אותה לפניו, אונד ער האט
פענאנדערגעראָללט דיא גאנצע מגילה בעפאר מיר פאָן איהר
אנפאנג נאציאנאלנעם וועבונג אונד פפלאנצונג פאָן איהר
פערגאנגענהייט ביז דעם לעצטען פאדעם אונד צוויג פאָן
איהר געגענווערטיגקייט, פאָן דעם ערשטען היסטאָרישען קאַ־
פיטעל פאָן דיא נאציאנאלנע געבורט ביז דעם לעצטען קאַפּי־
טעל פאָן איהר עקזיסטענץ, אונד ביז דיא מגילה צונויפראָל־
לונג אונד פערוויקלונג. והיא כתובה פנים ואחור, אונד דיא
מגילה איז געשריעבען דעם גאנצען נאציאנאלנעם פלאן וועל־
כע איז בעפאר אונז אונד וועלכען מיר לעבען אונד עקזיסטי־
רען אונד וועלכע האלט אויך איין דעם נאציאנאלנעם שטראָם
וואס מיט אונזער נאציאנאליטעט ועט ווייטער פאססירען
בעהיינד דיא מגלה וועז דיא מגלה ועט פעררָאָללט ווערען
אונד דיא געגענווערטיגע נאציאנאליטעט וועט פאָן אונז פער־
וויקעלט ווערען, מיט׳ן לערנען אונד שטודירען דעם פלאן פאָן

דיא נאציאנאליטעט פאן דיא געגענווערטיגקייט אונד מיט'ן זיך פעראייניגען מיט איהרע אלע וויססענשאפטען ווערט אונז אויך לערנען דיא נאציאנאליטעט פאן קינפטיג, אונד אונז גע־בען נאציאנאלנע זעטיגקייט אונד נאציאנאלנע קרעפטען, אז דער נאציאנאלנער גייסט זאל ניט אבגעשוואכט ווערען אונד בלייבען אין זיין פאללע לעבהאפט ביז דיא מגלה ווערט צוריק אויפגעראללט ווערען אונד דיא נאציאנאליטעט צוריק אויפגע־וויקעלט ווערען בעפאר אונז.

וכתוב אליה קינם והגה והי, דיא קלאגע פאן קינם הייסט זא וויא ואתה שא קינה אל נשיאי ישראל וכו' עד ותצא אש ממטה בדיה פריה אכלה ולא היה בה מטה עז שבט למשול קינה היא ותהי לקינה, דיא קינה מיינט ניט איין בעדויערונג אונד טרויערונג פאן ביטטערקייט וועלכע שטראמט פאן פיינליכע אונד שמערצ־ליכע עמפפינדונגען, וועלכער ביטטערט פאן זיינע שמערצלי־כע אנגרייפונג אונד פייניגונג, נור איין גייסטליכע פאעזישע טרויער פארשטעללונג אונד שילדערונג פאן איין טראגישע סצענע וועלכע עס האט געטראפפען אדער איין פארשטעללענ־דע סצענע וועלכע ווערט טרעפען. וואס יעדער זאטץ אונד יע־דער ווארט מוז קאממען מיט איין געוויססען טיעפען פאעטי־שען סדר, אורדער אונד געדאנק, נאך דיא געזעצע פאן פאעזיע, פאעם אונד פאעט, וועלכע בלייבט איין עוויגע פאעם פערפאסונג, אונד קינם, צווייא טרויער פאעמס פאן בכו תבכה, צווייא בכיות, צווייא טרויער סצענעס פאן צווייא שרעקליכע נידערלאגעס פאן חרבן בית ראשון אונד חרבן

בית שני, אונד והגה, דאס איז שאן איין קלאגע פאן בעדויע־
רונג, טרויער, ביטטערונג אונד אויסשרייאונג וועלכע קאָממט
פאן הגות לב, וואס זיין פערדריקטע אונד פערביטערטע
האַרץ שרייט אויס. נאך דיא ענטוויקלונג פאן דיא שמערצ־
ליכע אינד פיינליכע אנגרייפונג אונד הארץ פרעסונג, וועלכע
קאָממט ניט געמאלט אונד פערפאַסט מיט איין פאעזישע
שילדערונג אונד פאעזישען ארדער, איהרע זאַטצען אונד
פראַזען קאממען נאך דעם אַטטאַק אונד אַנגריף פאן איהרע
שמערצען, אונד וועלכע שטרונע זייא גרייפען אונד בעריהרען
דיא שטרונע גיבט ארויס איהר טרויער קלאַנג אונד טרויער
פראַזע, אונד דיא אלע טרויער אונד קלאַגע שטרונעס ווערען
בעריהרט פאן זייערע שמערץ אונד פיין, מוזיקאַנטען פראַי
אָהנע קאָנטראָל אונד אָרדער.

אבער דיא קלאַגע פאן הגה אונד הגות לב פאן שמערצליכע אונד פיינליכע געפיהלען אונד אנגרייפונג, איז ניט אין דיא צייט ווען דיא פיין אונד שמערצען זיינען אין זייער ערשטע אונד נאטירליכע קרעפטע אונד טהעטיגקייט, נור וויא דיא עקספלאָזיאן אונד פייער קראפט וועלכע ליגט רוהיג אין איין מעטש אונד פולווער, דינאַמיט, אונד דער כח פאן זייער נאטור ווערט בעוועגט דאַנן דורך איין העפטיגע בעריהרונג, אונד דיא טרויער עמפּ־
פינדונגען פאן הגה איז איין פערזאמלונג פאן פיינליכע אונד שמערצליכע געפיהלען וועלכע זיינען געוואָרען פאן בעפאריגע שמערצליכע טרעפונגען אונד שמערצליכע קוועללע, אָבער רוהיג אָהנע שמערצליכע טהעטיגקייט, אונד דער עקספלאָזיאָן

אונד טהעטיגקייט פאן דיא שמערצליכע געפיהלען קאָממט יעצט דאַנן ווען זיא קריגט איין העפטיגע בעריהרונג, אונד דיא בעריהרונג פאן איין פערזאמלונג פאן רוהיגע פיינליכע שמערץ געפיהלען צו בעוועגונג, אונד איין עקספּלאָזיאָן איז איין בע־געגנונג פאַן איין שמחה אונד העפטיגע פערגעניגען סצענע, וויא דיא סצענע פאן על נהרות בבל, ווען זייא זיינען געוועזען אין דיא לייקס אונד רעזאָרטס אונד פערגעניגען פלעטצער, וואס דיא אלע פערגעניגען סצענעס אונד לאַנדשאפט האט ענטוויקעלט אונד ערוועקט זייער טרויער אונד שמערצ־ען פאן דיא פערלארענע היים ביז צו טייכען טרעהרען, אונד פאן דיא טרויער צו שמחה אונד זיעסען בטחון, אונד צו איין אונגעהיירע ליעבע ענטוויקלונג צו דיא אלטע היים ציון, מיט אזא אינערליכקייט ביז דיא פייערדיגע שבועה תשכח ימיני תדבק לשוני לחכי אם אשכחך ירושלים, אבוואהל ניט אלע האבען שאן געהאפט צו זעהן ירושלים צוריק מיט זייערע אויגען, איז געוועזען זייער טרייסט דעם ניט פערגעססען. איין עבודה החוזרת איז דער טרייסט דער האפפנונג אז דער שאדען וועט צוריק קאממען. איין עבודה שאינה חוזרת, אזוי וויא דיא ביטטערונג כהמור על הבכור, איז דער טרייסט דעם ניט פערגעססען אן זיין קינד, אונד דעם אויסגיעסען אין זיין עראינערונג דיא ביטטערקייט פאן זיין הארץ מיט טרעה־רען, איז דאס זיין טרייסט אונד פערגעניגען, דיא בעסט וואס ער קען טהאן פיר דעם רעספּעקט פאן זיין טהייערען קינד, אונד דאנן וויטער צו פערשיעדענע בעריהרונגען פאן שמערצ־ליכע שטרונעס וויא אדם בבל מיט איין אויסשרייאונג אין דיא

גרעסטע ביטטערקייט פאן זייערע פערדריקטע הערצער, ווען דיא שוידערליכע הערצרייסענדע סצענעס איז זייא פארגעקאָמען אין זייער פארשטעלונג.

דאנן דיא דריטטע קלאַגע פאן והי, וועלכע האט שאן קיינע פראזען אונד קיינע ווארטען, וועלכע קלאגע קאממט שאן ניט פאן וועלכע געוויססע אנגריפע אונד בעריהרונג, נור איין אלגעמיינע קלאַגע, הוי! הוי! פאן דעם גאנצען ים צרות וועלכע איז אויף אונז הערייבער געשטראמט אונד שטראמט עד היום, וואס עס איז גאר ניט דא וואס פריהער צו דערמאנען, אונד פאן וועלכע צייט אונד טרעפונג פאן דעם ערשטען קאפיטעל פאן אונזער געשיכטע ביז דעם געגענווערטיגען תשעה באב בין כתל מערבי, אויף וועלכע מיר האפפען להבנית במהרה בימינו, אמן.

דיא אכילת המגלה אונד דער כח אכילה.

דיא ערשטע שפייזונג פאן דיא מגלה אונד איהר שפייזע קראפט.

ויאמר אלי בן אדם את אשר תמצא אכול, אכול את את המגלה הזאת, וואס דוא ועסט געפינען אין דיא מגילה זאלסט עססען, דוא זאלסט פאן איהר קיין זאך איבערלאזען, קיין ליין, קיין ווארט. קלייב ניט דיא ענינים פאן דיא מגלה

וועלכע איז נעטהיג צו וויססען לפי העת, מקום, זמן, מצב, אונד וואס עס איז ניט נעטהיג, גיב ניט דיא ענינים וועלכע שטעלען פאר דיין געגענווערטיגקייט מעהר וויכט וויא דיא ספורים פאן דיין פערגאנגענהייט אונד קינפטיג, וויל דוא קענסט ניט האבען ערקלעהרט ריכטיג דיא וועג פאן דיין געגענווערטיגקייט ווא דוא זאלסט ניט וויססען דיין פערגאנ=גענהייט, אונד פאן זייאביידען וועסט דוא וויסען דיין צו=קונפט, אונד דיא אלע דרייא צייטען פאן פערגאנגענהייט, געגענווערטיג אונד קינפטיג, זיינען איין ערקלעהרונג איינע אויף דיא אנדערע.

אבול את המגלה כי רב ממך הדרך, עסס דיא מגלה אונד שפייז איהר ביז זאט אונד אין גאנצען, ווארום דוא וועסט דארפען מיט דיא קראפט פאן נאציאנאלנע שפייזע געהן איין וויטע וועג וואס דוא וועסט קיין נאציאנאלנע שפייזע האבען, אונד מוזט האבען נאציאנאלנע זעטיגקייט אונד נאציאנאלנע קרעפטען, צו קאממען צוריק צו דיין היים אונד נאציאנאליטעט. דיא מגלה איז ניט בלאָס איין לעזונג וואס עס איז אין איהר פאָרגעשריעבען אין פנים, דער לעזונג וועט זיך נאך יעצט אנפאנגען בעהיינד דיא פאָרגעשריבענע אין פנים, חען דיא מגלה וועט פאן דיר פערדראָלט אונד פערוויקעלט ווערען, אונד דאנן קאָממט יעצט איין פיעל לענגערער אונד האַרטערער לעזונג, אלזא ווען דוא וועסט לעזען דעם פנים קאמפליט אונד ריכטיג וועסט קענען לעזען נאך איין לענגערען לעזונג אויסווענ׳ג, אונד ווען ניט, איז גלייך וויא דיא מגלה וועט פאן דיר

פערוויקעלט ווערען, בלייבסט בייא גאר ניט צו וויססען אפילו וואס דוא האסט געלייענט אינסייד, וויא דוא וואלסט קיין מאל געלערענט אונד געהאַלטען איין ספר אין דיין לעבען, וזה כלל גדול, אב עס בלייבט פיר דיר פיר דיין לערנען אינסייד, קיין לעהרע אונד לעזונג אויסווענינ, איז א סימן אז דוא האסט קיין מאל אינוועניג געלערענט וויא מען דארף. בייא איין גוטען לערנער קען אויך א מאל טרעפען ער זאל פערגעססען ווא ער האט געלערענט (דעם ספר), אבער קיין זאך פערגעססען וואס ער האט געלערענט, עפענען איין ספר אונד איהם פערמאַכען וויא מען האט איהם געעפענט, ניט צו געקאממען בייא זיך אין מיינד אונד אין ספר, איז וויא עפענען איין סטאָר אונד איהר פערמאכען וויא מען האט איהר געעפענט.

קלייב ניט סאָביעקטס אונד ענינים וואס האט צו טהאָן מיט דיין טהעמאַ אין וועלכע דוא ביזט אינטערעסירט, אונד וועלכע סאביעקטס עס האט ניט צו טהאן מיט דיין אינטערעסע אונד טהעמאַ. עפענסט אויף דעם תנ"ך אויסצואוועבען איין נאציאנאלנעם וועבונג אין וועלכען דוא ביזט אינטערעסירט. לאז ניט אויסען דיא פעדעם פאן ראסע אונד רעליגיאן, ווארום דיא צווייא פעדעם וועלען זיין צווייא פּראצענט אונד דיא שטאַרקייט פאן דעם נאציאנאל פאַדעם אין דיא גאנצע נאציאנאלע וועבונג, אונד דיא זעלבע מיט אלע פעדעם פאן רעליגיאן אונד ראסע. באלד וועסט דוא זעהן איין לעבענדיגען פאקט, אלע זיינען הערוים פאן בבל גלייכע פאטריאָטישע נאציאנאליסטען אונד ציוניסטען.

אלע האבען אויפגעהאנגען זייערע וויאָלינס אויף דיא צוויינ־
ען בייא דיא עראינערונג פאן זייער געליעבטע היים ציון,
אונד געגאָסען טייכען טרעהרען אן דיא רעזאָרטס אונד
אונד לייקס פאן בבל, אונד אלע האבען געשוואָרען דיא
הערצליכע אינערליכע שבועה צו בלייבען געטראַיי צו זייער
לאַנד, אבער וואס איז געוועזן דיא ענדע בייא דיא וועלכע
עס האט געפעהלט דיא פעדעם פאן ראסע אונד רעליגיאן
האט זיך אויך איבערגעריסען דער נאציאנאלנער פאדעם,
אונד ווען זייא האבען געוואָלט צוריק זיין צוגעבונדען צו
דעם נאציאנאלנעם פאדעם האבען זייא געמוזט הערויינ־
פלעכטען דיא ראסע אונד רעליגיאן פעדעם צוריק, אונד
פיעלע אונד פיעלע זיינען געבליבען אבגעריסען אונד פער־
לאָרען פאן זייער נאציאָן אין גאנצען.

ואפתך את פי ויאכלנו את המגלה הזאת, האב איך
גנעפענט מיין מויל מיט אזא לוסט אונד אפעטיט צו עסען
דיא מגלה זאוויא עשו הלעטיני אפתח את פי ושפוך לתוכה
הרבה (רש"י), אבוואָהל זיא איז אזא ביטטערע אכילה
פאן זאלכע דרייא ביטטערע שטאָפען וויא קינים, והגה,
והי, דאך האב איך דאס געשפייזט מיט דיא גרעסטע
לוסט אונד געשמאַק, ווייל איך וויים דיא נוטצען וואס זיא
האט אין זיך, ווען איך וועל דיא מעדיצין ריכטיג נעהמען,
ויאכליני את המגלה הזאת, אונד מיר געמאַכט עססען מיט
דער מגלה.

דיא צווייטע שפייזונג פאן דער מגלה.

ויאמר אלי בן אדם בטנך תאכל ומעיך תמלא את המגלה הזאת אשר אני נותן אליך, וואָרט נאך יחזקאל, דאס איז נאך ניט אלעס, מיט דיא אבילה בינסט נאך ניט יוצא, דוא מוזט נאך שפייזען נאך איין אבילה מיט איין אנדער וועג, דיא אבילה האב איך דיר געמאכט עססען כדרך אבילת כל בני אדם ובו"ח, גענעסען מיט'ן מויל אונד פאָלל געמאַכט דעם מאגען, אבער מיט'ן געוואהנלי= כען עססען מיט'ן מויל אונד פאָלל מאַכען דעם מאגען קען דיא נאַהרונג אונד זעטיגקייט קראפט ניט צו לאַנג האַלטען, דאס קען נור זאלאנג דיא זעטיגקייט אויפהאַלטען זאלאנג דיא פערדויאונג טהעטיגקייט האט ניט געענדיגט איהר ארבייט, אבער זא גיך וויא דיא פערדויאונג איז קאָמפליט איז דיא נאהרונג אונד זעטיגקייט פאראיבער, אונד דיא פערדויאונג קען צו לאַנג ניט נעהמען.

דיא געוואהנליכע אבילה איז קוים גענוג אויפצוהאַלטען דיא נאַהרונג אונד נאציאנאלע זעטיגקייט אונד נאציאנאלע קרעפטע צו געהן מיט דעם כח אבילה דיא וועג פאן דיא בע= שטימטע זיעבציג יאהר, וועלכע זמן איז געווען בייא דיא ער= נעהנטערונג פאן דיא ענדע פאן דיא צענטורע, אונד דעם דור וואס דיא נאציאנאלע שפייזע זאל נאך זיין אין מאגען ניט אין גאנצען פערצעהרט, וואס פיעלע האבען נאך געלעבט אין

דעם דור וואס זיינען נאך געזעסען בייא דעם ערשטען נאציאָ־נאלנעם טיש, ורבים מהכהנים והלוים וראשי האבות הזקנים אשר ראו את הבית הראשון ביסדו זה הבית בעיניהם בוכים בקול גדול ורבים בתרועה בשמחה להרים קול ואין העם מכירים קול תרועת השמחה לקול בכי העם והקול נשמע עד למרחוק, אונד דיא וועלכע וואס האבען ניט גע־זעהן איז געוועזן גענוג נאך פריש אונד לעבעדיג פער־פפלאַנצט פאן זייערע עלטערען.

אונד דאך האט זיך געפונען איין גראָססע טהייל, אונד טאַקע מהשרים והסגנים במעל, וועלכע האבען באלד פערגעססען אן זייער נאציאָן. אונד שטאַם, אונד גע־קאָממען צו איין העסליכע פערמישונג, אונד פיעלע זיינען געבליבען אויסגעגאַנגען פאן הונגער, וואס דיא נאציאנאלי־טעט איז שאן געווען בייא זייא פערצעהרט, אָהנע איין זכר צו בלייבען, אונד געבליבען אבגעשטאָרבען אונד פערלאָרען אין גאַנצען פאן זייער נאַציאן, היינט וואס וואלט שאן געוועזן ווען עס וואלט העריבער דיא גאנצע צענטורע בכלות כל הדור ההוא, וועלכע האבען געזעהן דעם נאציאנאלנעם טייבעל אונד קיינער וואלט אין דיא אויגען ניט געזעהן.

דער מדבר זאַהאַראַ אונד דיא קאַמעל.
דיא אניות המדבר, דיא שיף פאַן דעזערט.

אלזא דיא ערשטע אכילה מיט'ן מויל אונד פאַלל מאַכ-
ען דעם מאגען, איז מעהר ניט געוועזן גענוג צו זעטיגען דיא
ערשטע צונויפראַללונג פאַן דיא נאציאנאלנע מגלה וועלכע
האט מעהר ניט גענאָמען וויא זיעבציג יאהר ביז איהר צוריק
אויפוויקלונג. עס וועט אבער פארקאָמען איין צווייטע צו-
נויפראַללונג וועלכע קען בלייבען פערראָלט אונד פערוויק-
עלט פאַן אייך ניט זיעבציג יאהר נור טויזענדע יאהרען,
אונד ניט אונטער איין פּראָטעקשאָן פאַן איין פרייע אונד
ליבעראַלע גאָווערנמענט מיט אלע בירגער-רעכטע, נור
דורכצורייזען איין ווייטען, טיעפען אונד געפּעהרליכען דע-
זערט, איין מדבר גדול ונורא פאַן צווייא טויזענד יאהר,
פאַן נחשים ועקרבים אונד הייסע זאמד, מקום ציה ושרב
ומים אין לשתות, דיא דורסט, דיא געברייכליכע אונד
נאָטהווענדיגסטע ארטיקעל אין לעבען ביז צוריק צו דיא
נאציאנאלנע היים.

אונד עס איז קיין אנדער מעגליכקייט דעם מדבר
דורכצורייזען אום ניט צו בלייבען פערשאָטען אונד פער-
טריקענט פאַן דיא גליהענדע זאמד, סיידען מיט איין קאַ-
ראַוואַן אָרגאניזאציאן, וועלכע זאל טראגען דיא גאַנצע
סופּפלאַי פּראָוויאַנט מיט אלע נאָטהווענדיגע געברויכען,

אונד דער הויפט וואַססער וואס דאס איז דיא נאָטה־
ווענדיגסטע, אונד דיא געברייכע מוז זיין מיט איין
סטריקט אָרדער אונד דיסיפלין, מיט אבוועגונג אונד אב־
מעסטונג יעדער זופ, אונד שטראפע פיר דיא שטערער
דעם ארדער פאן וואַססער געברייכע.

אבער דיא אלע אנגרייטונג פאן פראוויאנט, וואַססער,
דיסיפלין, ארדער אונד קאַראַוואַן סיסטעם, וואָלט אלין ניט
העלפען, אונד מען וואָלט קיין מאל זיך אונטערנעהמען
דעם געפעהרליכען מדבר צו רייזען, ווען ניט דיא אניות
המדבר, דיא שיפען פאן דעזערט, דיא וואונדערבאַרע
אונד נוטצליכע אונד שטאַרקע אונד פאָרזיכטיגע קאַמעל,
וועלכע פערלאָזט זיך ניט אויף דיא בארעלם וואססער
וועלכע זיא טראגט אויף איהרע שולטערם אונד שטארקען
רוקען, אבוואָהל זיא וויים אז מען וועט איהר ניט פער־
טהיילען אונד איהר געבען דעם ערשטען חלק, נור יעדע
זופ וואססער וואס זיא טהוט טהיילט זיא אויף דיא העלפט,
איין טהייל אין מאגען צו שטילען איהר דורשט, וועלכע
ווערט פערצעהרט, אונד איין טהייל אין דעם מאגאזין וואס
זיא האט אין איהר אינגעווייט פיר אנגרייטונג, טאָמער
וועט דיא וואססער פאן דיא באַרעלם אויסגעהן, אונד
בלייבט דארטען פערזאמעלט קאלט אונד פריש וויא לאנג
עס זאל זיך דארטען אויפהאלטען, אונד ווען דיא וואססער
פאן דיא בארעלם זאל אויסגעהן גיבט זיא איין זופ מיט'ן
מאגען דיא סופפלאַי וואססער וועלכע זיא האט פערזאמ־
עלט אין איהר אינגעווייט אום צו שטילען איהר דורשט,

אונד וועט קיין מאל אויסניטצען גאר דיא וואססער פאן מאגאזין וויא ברענענדיג איהר דורשט זאל זיין, אונד קיין מאל טרינקען ביז זאט נור איין געוואגענעם אונד געמאס־טענעם זופ דעם לעבען צו דערהאלטען, אונד ניט אויס־ניטצען גאר דיא וואססער ווען עס זאל איהר אפילו האל־טען ביים לעבען, אונד אלע מאל וועט מען געפינען פרי־שע וואססער אין מאגאזין נאך איהר טאָדט וועלכע זאל נוטצען פיר איין ערקוויקונג פיר דיא לעבענדיגע, אונד איהרע ליפפען גראָב אונד הארט וויא ציינער, אז אין דער צייט פאן הונגער־נאָטה, ווען אלע נאטירליכע שפייזע־שטאָף זאל אויסגעהן, זאל זיא קענען עססען דערנער, צווייגען אונד שטיינדלאך, וואס פיר דעם וייכען גומען איז שעדליך עס זאל ניט צושטעכען אונד צורייסען, אונד צו־מאָלט בעפאר מיט דיא ליפפען.

אונד ניט וויל דיא בריאה האט ליעב דיא קאמעל מעהר וויא דעם מענש אדער אלע ב״ח איהר צו פראָ־טעקטען אונד צו פערזארגען אין איין געפאהר מעהר וויא אלעמען, נור דער תכלית איז צו פערהיטען אונד פערזאָר־גען דעם מענשען פאן איין אונטערגאנג. מיר קעמלען זיינען ניט בעשאפען מיט אונזערע אייגענשאפטען בלאס פיר אונזער בענעפיט, נור פיר דיא בענעפיט פיר דיא מענשהייט. מיר זיינען דיא מעכטיגסטע פאן אלע ב״ח צו לאדען שווערע מסעות וואס אויף קיין ב״ח קענט איהר זא פיעל אויפלאדען וויא אויף אונז. מיר זיינען דיא איינ־ציגע וועלכע קענען אייך מיט דיא פיעלע פראָוויאַנט דעם

ברייטען אונד געפעהרליכען דעזערט דורכטראגען. מיר קעמלען זיינען דיא ערטרעגליכסטע יעדער נאָטה אונד סאָפפערינג דורכצוטראגען, אונזערע קרעפטען מוז זיין דיא לענגסטע אונד בלייבען דיא לעטצטע.

ווא וואלט איהר געווען מיט אייער נאציאנאליזם, רעליגיאנען, ראסען, דיא דרייא קאָרנער־סטאָנס פאן דיא ציוויליזאציאן, וועלכע האלטען אין עווינע וועכסלונגען, ענדערונגען, רעפארמונגען, ווען מיר וואָלטען מיט אונזער אונערמיעדליכע קרעפטע ניט אויפהאַלטען אויף אונזער שולטערם דיא ערשטע קוועלע פאן דיא דרייא פרינציפען אין איהר לעבהאפט אונד פרישהייט, וואס קיין נאציאן האט זיך געפיהלט מעכטיג אזא עווינע לאדונג אויף איהר שולטערם צו נעהמען אונד סוקסעספאל דורכטראגען אין יעדער נאטה, סאָפפערינג, פערפאלגונג, אנשטאט בעלאָהנונג פיר אונזער אויפהאלטונג אייער לעבענס פראדוקטען.

ווען איהר זאלט קאָממען צו דיא גרעסטע אויספעהלונג, מיעדינקייט אונד שוואכהייט, וואס מיט אייערע אייגענע קרעפטען וואלט קיינע מעגליכקייט געווען דעם ברעג צו דערגרייכען, דאנן זיינען מיר קעמלען צו הילפע מיט אונזערע לעצטע קרעפטען אייך דורכצוטראגען. ווען דיא וואססער דיא וויכטיגסטע נאטהווענדיגקייט אין דעם הייסען גליהענדען דעזערט וועט אנהייבען אויסצופעהלען אונד קאממען צו אזא סאָפפערינג אונד שוואכהייט קיין טריט וויטער צו שטעלען, אונד אָט איז פיר דיא אויגען דער ברעג, אָט איז פיר אייערע אויגען דיא אָאייסיס (גן עדן

המדבר) וועלכע איז איין וויינגארטען אין מיטען דיא זאמד נור איינינע צעהנדליג טריט צו צוגעהן, אבער וואס איז דיא נוטצען אונד דיא שמחה אז מען קען דיא עטליכע צעהנדליגע טריט ניט געבען, אבער זאלאנג עס איז נאך איין סיין פאן לעבען אונד מיר קעמלען בייא אונזערע קרעפ־טען זייט איהר נאך אלץ ניט פערלארען, אונד מיר קעמ־לען וועלען אייך שאן צוטראגען צום גן עדן רעטטונג אונד ערקוויקונג אינזעל, אונד וואס אונז קעמלען קען גע־בען דיא קרעפטען אייך צוצוטראגען צו אייער לעבענס־רעטטונג איז ·איין געוואָגענער אונד געמאָסטענער זופּ וואַססער פאן אונזער סופפלאַי מאגאזין, אונד דער איינצי־גער זופּ וואסער איז זא פיעל אונד מעהרערווערטה פאן טאָנען וואַססער וועלכע קען רעטטען הונדערטע לעבענס.

אם ענדע, ווען איהר זאלט שאן קאממען צו אזא לאגע אונד אזא שוואכהייט אז טאקע מיר וועלען אייך שאן צו טראגען צום רעטטונגס־פלאטץ וואס דארף נעה־מען צעהנדליגע מינוטען אונד צעהנדליגע טריט, אבער ווער וויים אב איהר וועט קענען דיא צעהנדליגע מינוטען אויסהאלטען, אונד אז מיר וועלען אייך שאן ברינגען ווער וויים אב מיר וועלען אייך ברינגען לעבעדיגע, אונד בייא דיא איינינע צעהנדליגע מינוטען דעם לעבען אויפצוהאל־טען בעשטעהט דיא רעטטונג, דאנן קוילעט איינעם פאן אונז אונד איהר וועט געפינען אין סופפלאי מאגאזין פרישע קאלטע וואססער, אונד נעהמען יעדער צו איין זופּ וועלכע וועט אייך געבען דיא ערקוויקונג אונד לעבענס אויפהאל־

טונג אויף דיא קורצע צייט, אונד געהט לשלום מיט דיא איבריגע קאראוואן צו אייער עוויגע גליק אונד הצלחה.

אלזא, יחזקאל, בטנך תאכל ומעך תמלא את המגלה הזאת, בעסיידם וואס איך האב דיר געמאכט שפייזען מיט דיין מויל מוזט דוא מאכען אליין נאך איין אנשפייזונג מיט דיין מאגען. דוא מוזט דא ווערען איין אניות המדבר, איין דעזערט שיף, איין דעזערט קאמעל, אונד מוזט האב-ען איין סופפלאי מאגאזין אין דיינע אינגעווייט, אונד מיט'ן מאגען איינצושפייזען פאן מאגאזין אין איין צייט פאן איין נאָמה. דיא נאציאנאלע אכילה פאן דיא מגלה מוז צו-טהיילט ווערען אויף צווייא טהייל. איין טהייל אכילה בדרך כל האכלות, עססען מיט'ן מויל אונד פאַלל מאכען דעם מאגען, וועלכע איז צו פערצעהרען אונד פערדייען אונד זעטיגען מיט איין קרעפטיגע נאציאנאל מאלצייט, אונד געהן מיט דעם כח אכילה דיא גאנצע צייט פאן זיעבציג יאהר, וויא מיר האבען גערעדט. אבער עס וועט פארקאממען נאך איין רייזע, ניט אונטער אזא ליבעראליטי וויא בבל, מיט איין טריטיע אונד גאראנטיע איך גוט צו בעהאנדלען, אונד מיר אויך צוריק דערלאנגען נאך דיא צייט פאן אייער פרייע פאסעליניע, מיט דיא לייטונג פאן איין בעשטימטען עהרען בעאמטען, נור איין רייזע דורך איין רייזע דורך איין פרייען מדבר, אונד מען קען ניט פאראויס זאגען וויא לאנג דיא רייזע וועט נעהמען, אונד איז מיט איין זעטיגקייט פאן איין כח אכילה, איז קיינע רייד דעם מדבר דורכצורייזען.

אלזא, מוזט דיא אנדערע טהייל פאן דיא נאציאנאל־ נע אבילה פאן דער מגלה פערזאמלען אין איין געוויססען מאגאזין אין דיינע אינגעווייט פיר סופפלאֵי, אונד עס זאל דיא סופפלאֵי שטאָף פאן מאגאזין קיין מאל אויסגעהן, אונד מיט'ן מאגען א זופ טהאן פאן מאגאזין אין דיא צייט פאן איין נאָמטה ווען דיא נאציאנאלנע פראוויאנט בעלא־ דונג זאל האלטען ביים אויסגעהן, אונד אויפהאלטען דעם נאציאנאלנעם לעבען ביז וואנען מיר זאלען קענען קאָמען צום ברעג צו אונזער היים ציון, צו דיא פאלקאמע בעזיט־ צונג פאן היים אונד האנאר, וויא עס איז אונז פארגע־ שריבען, אונד וויא מיר זיינען איהר אמאל בעזעססען, אם וועניגסטענס צו דערגרייכען צו איין אָאייסים ניט גאר צום ברעג, אבער איין ערפרישונג ווא דיא נאציאנאליזם זאל קריגען ערקוויקונג אונד ערפרישונג צו זאמלען נייע אונד פרישע קרעפטען צו קאמען צום ריכטיגען מקום המנוחה והנחלה, צום צוריק אויפראָללונג דיא גאנצע נאציאנאלנע מגלה בעפאר אונז אין איהר פאללע נאציאנאלנע וועבונג פאן ממלכת כהנים וגוי קדוש, במהרה בימינו אמן

דיא נאציאנאליטעט אין איהר מאַכט נידערלאגע אונד אין איהרע תפלות.

מיר קלאגען אויף חרבן בית המקדש, דאס איז דיא ערשטע אויסדריקע, ניט חרבן ירושלים אדער ציון. זיא איז דיא אויסדריק שפריכליך אונד זא שריפטליך, חרבן בית ראשון, חרבן בית שני, אונד אויך זא איהר עקזיס־טענץ אויף דעם נאמען פאן בית ראשון, בית שני, ימי בית ראשון ושני, ניט ימי ירושלים וציון ראשון ושני, ממלכת ירושלים ראשון ושני אדער ממלכת ציון ראשון ושני, מיט איינעם וואָרט דער בית איז דער סאָביעקט פאן אונזער טרויערן, אונד איהר עקזיסטענץ אונד איהר בע־דויערונג, ניט דיא לאנד, רעגיערונג אונד הערליכען עקזיס־טענץ ושאונה והמונה ועלוז בה.

כל עם וממשלה, יעדער לאנד אונד נאציאן האט איהר פרינציפאל בילדינגס, פאן קעניגליכע אונד רעליגיעזע פאלאסטען, אוצרות, פעסטונגען. איהר הערט ניט שפריכליך אדער שריפטליך אז דיא בראַניק פאן זייער לאנד אונד רעגיערונג זאל ווערען גערופען אויף דעם נאמען פאן זייער פרינציפאלע שטאַאט בילדינגס, אדער זייער פאַל אונד דעסטראַיאונג אויף דעם נאמען פאן דיא פאַל פאן דיא הויפט בילדינגס פאן דיא לאנד, וויא אין אונזער היסטאָריע.

דיא פרינציפאל תפלה פאן אונזער בעדויערונג, פאן אונזער גלענצענדע פערגאנגענהייט, דיא ערשטע אונד הערצליכסטע טרויער אויסשרייאונג ומפני חטאינו גלינו מארצינו ונתרחקנו מעל אדמתינו, פערטריעבען פאן אונ־זער לאנד אונד הערשאפט, ערוויטערט פאן אונזערע היימס, פארמס אונד קאלאניעס אונד געבליבען נע ונד וויא בלודנע שעפסען ערנידערט אונד פערפאלגט. ואין אנו יכולים, אונד דאס וואס מיר קענען איין טאג ניט פער־געססען דערפאן, וואס עס געהט אונז פאן זינען ניט הער־רויס, וואס מיר וואלטען דאס יעדער טאג וועלען ערגרייכ־ען אונד קענען ניט, איז וואס. אונד וואס איז אונזער ביטערסטער טרויער אונד בעדויערונג, ניט וואס מיר קענ־ען ניט ערגרייכען אונזער לאנד אונד נאציאנאליטעט, אונ־זער היימס אונד פארמס אונד זיינען זא נע ונד אונד ער־נידערט, נור ואין אנו יכולים לעלות ולראות ולהשתחות לפניך ולעשות חובותינו בבית בחירתיך בבית הגדול והקדוש שנקרא שמך אליו מפני היד שנשתלחה במקדשיך, דאס איז אונזער הויפט טרויער, דער בית המקדש אונד דיא עבודת הקרבנות.

אונד גלייך יהי רצון וכו׳, מלך רחמן שתשוב ותרחם עלינו ועל מקדשך ברחמך הרבים, דוא זאלסט אויף אונז רחמנות האבען מיט דיין גרעסטע רחמנות, אויף וואס? ניט וואס מיר ליידען דא זאלכע צרות אונד גלות, נור ועל מקדשך ברחמך, דיא רחמנות וואס מיר בעטען מיינט נור דעם בית המקדש, ותבנהו מהרה ותגדל כבודו, אויף

בילדען דעם בית המקדש אונד דעם האנאר פאן בית המקדש, אונד דאנן ערשט אבינו מלכנו גלה כבוד מלכותך עלינו וכו׳, ונקרב פזורינו וכו׳, והביאינו לציון ערך ברנה ולרושלים בית מקדשך בשמחת עולם, ווייל אָהנע דעם קען דער בית המקדש ניט געבויט ווערען, ווייל דארטען איז בעשטימט דער פליים פיר דעם בית המקדש אונד ניט אנדערסוואָ, אונד ווען דא וואלט גע־קענט געבויט ווערען דער בית המקדש אונד געקענט פראווען דיא גאנצע עבודה וואלט דא רעכט געוועז, אב־וואָהל אין גלות, אָהנע לאַנד אונד רעגיערונג אונד אהנע היימס, ווארום ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו, ווארום דאס וואס מיר בעטען ציון אונד ירושלים איז דאך אויך דער צוועק ניט בלאָס וואס מיר ווילען אונזער לאַנד אונד רעגיערונג אונד היימס, נור לעשות לפניך את קרבנות חובותינו, אונד מיר וואָלטען קענען דא האבען, וואלט דא רעכט זיין.

ווייטער, אלהינו ואלהי אבותינו מלך רחמן רחם עלינו טוב ומטיב הדרש לנו שובה אלינו בהמון רחמיך בגלל אבות שעשו רצוניך, זא וויא אונזערע עלטערען זיינען געוועזן גוט צו דיר, זא זאלסט דוא זיין גוט צו אונז, דאס אלעם וואס איז פארגעבראכט דעם קליים מכח האבת, זא וויא עס וואלט גאר קיין געזעצליכער דאקומענט פאן מתנה, ירושה, הבטחה, שבועה, עקזיסטירט אין דעם זכות אונד כח פאן אונזערע עלטערען, אונד ווייטער דיא זעלבע, דיא גאנצע רחמנות אונד טובות פאן רחמן אונד מטיב איז ניט אונזער

פערוואגלונג וואס מיר זיינען זא וויא הפקר, קיין קלאגער, ריכטער, ווער עס זאל זיך פיר אונז אננעהמען, אונד אונזער הערצליכער געבעט פאן דעם רחמן בהמון רחמיו אין זיין העכסטען גראד רחמנות, אונד טוב ומטיב הדרש לנו, מיט זיין העכסטע בעגיטיגונג אונז קאממען צו הילפע איז ניט אונז צו ברייגגען אין דיא אייגענע לאנד, רעגיערונג, היימס, בילדען אונזער נאציאנאליטעט, נור דיא הויפט־זאכע בנה ביתך כבתחילה וכונן מקדשך על מכונו וכו׳ והשיב כהנים לעבודתם ולוים לשרם ולזמרם, בילדען דעם בית המקדש מיט כהנים וואס זאלען מקריב זיין קרבנות, אונד דיא מוזיק פאן דיא לוים, דאנן זיינען מיד געהאלפען פאן אלע צרות, ניט השיבה שופטינו כבראשונה וויעצינו כבתחילה, וייל דאס איז דער צוועק פאן אונזער רעטטונג אונד הילפע.

אם ענדע בגלל אבות שעשו רצוניך, אויסער וויא מיר האבען גערעדט, ניט דערמאנט דעם געזעצליכען קליים בגלל אבות שהבטחת ונשבעת להם איז אין דער טהאט גאר איין נייע געבארענע פארדערונג וואס מען האט אונז גאר קיין מאל געפראמעסט, כי לא דברת את אבותינו בברית בן הבתרים ובאור כשדים ובבית־אל אל דברי בית עולה וזבח כהנים, לוים, שירות וזמירת, כי אם זה הדבר אשר דברת להם גוי גדול, רכוש גדול, ארץ זבת חלב ודבש, ניעמאלס צוגעזאגט אונזערע עלטערען אין דיא הבטחות אונד שבעות איין בית המקדש, קרבנות, כהנים, לוים אונד מוזיק, נור לאנד, נאציאנאליטעט, רייכקייט, גראס

מאכט, אונד זא וויטער.

וויטער, מיר האבען נאך ניט געהאט איין פלאן, מאפ, מאָדעל, פאן אונזער לאנד, ארט, רעגיערונג, וועלכע מיר זיינען געגאנגען בעזיטצען אונד רעגיערען. מען האט אונז אבער שאן געגעבען דעם פערפעקט פלאן, מאדעל, פאן בית כהנים, לוים אונד קרבנות, אונד ניט בעטרעטען דיא לאנד ווא מיר האבען שאן געהאט דעם בית קאָמ־פליט, אונד אהנע דעם בית האט דיא רייזע ניט געקענט פאָרטגעזעצט ווערען, אונד אין דעם בית מיט דיא כהנים ולוים איז בעשטאנען דער הויפט ארדער, פראגראם פאן דיא רייזע אונד קאַמפּונג. מיט איינעם וואָרטע דער בית איז דער ערשטער צענטער פונקט אין דיא ערשטע בעוועגונג פאן דיא נאציאן צו איהר גליק, פראכט אונד מאכט, אונד געבליעבען דער לעצטער אונד איינציגער טרייסט אונד וואונש אין איהר ניעדערלאגע.

דיא זיעסע היים אונד דער פאלקס־ליעד.

וויל אונזער נאציאנאלער פרינציפ איז ניט דער הויפט דיא רעגיערונג אונד איהר פאליטישע דיפלאמאטישע מאכט וויא דיא נאציאנאל פאן אלע פעלקער, נור דיא שטילע, רוהי־גע אונד זיעסע היים. והיתה מנוחתו כבוד, אונזער עהרע איז ניט דיא עהרע פאן אלע פעלקער, דיא רוישענדע מאכט, נור דיא רוהיגע היים, אונד אונזער שיר הלאום, נאציאנרלנער

געזאנג איז ניט אונזער מאכט, נצחנות, אונזערע העלדען, נור דיא געזאנג, זיעסע מעלאָדיען פאן דיא זיעסע היים.

היים אין איהר ריכטיגען זינען אונד כאראקטער איז ניט פראכטפאָללע געציערטע וואהנונגען פאן רוישענדע פערגעני־גען, נור דער פלאטץ ווא עלטערען אונד קינדער זיינען צו־זאממען, ווא פאטער אונד מוטער לעבען געפינען זיך, דאָרט איז דעם קינד׳ס ליעבלינג היים, וואס ער וועט ניט בייטען פיר דיא גרעסטע פראכט פערגעניגען אין דער וועלט אונד דיא שעהנסטע פאלאסטען. אָהנע דעם פאטער אונד מוטער הייסט בייא קינדער קיין היים, אונד פיהלען זיך אין דער פרעמד מיט דיא פיהלונגען פאן דער פרעמד. מיט דעם פאטער אונד מוטער אין דעם ענגסטען אונד ארעמסטען צימ־מער הייסט פיר דעם קינד ער איז אין דער היים מיט אלע זיעסע פיהלונגען פאן איין היים, אונד דיא זעלבע, עלטערן אהנע קינדער.

נאך דעם חטא פאן עגל וואס זייא זיינען געוועזן בני מות, ווען משה וואלט פיר זייא ניט געבעטען, דערנאך אז מען האט זייא אנגעזאגט דיא זיעסע בשורה אז זייא זיינען פערגעבען, אונד לך עלה מזה אתה והעם . . . אל הארץ אשר נשבעתי . . . ושלחתי לפניך מלאך, וגרשתי את הכנעני . . . אל ארץ זבת חלב ודבש, נור כי לא אעלה בקרביך, ווייל מיין זיין מיט אייך צוזאממען איז פיר אייך געפעהר־ליך, כי עם קשי ערף אתה, פן אכלך בדרך, אין מיין אויפרעגונג, ווייל עס איז ניט דא איין זאך וואס זאל מיר שטעהן אין וועג. אמת אל תמור בו, איהר זאלט זיך

פערהאלטען רוהיג, כי לא ישא לפשעכם, דער מלאך וועט אייך ניט דולדען אונד קען אייך ניט שיינקען, אבער האט אויך קיין אויטהאָריטע אייך צו שטראפען, נור אייך צו האלטען אין צוואנג אב איהר וועט זיין געגען איהם, איז וישמע העם את הדבר הרע הזה ויתאבלו ולא שתו איש עדיו עליו, האבען זיך ניט געטרייסט מיט דיא גוטע בשורה וויא באלד ניט צוזאממען מיט גאטט, אבוואהל מיט דיא פאלקאממע ערפיללונג פאן זייער תכלית אונד גליק, אונד האבען געגעבען איין בעשלאססענעם אנטוואָרט, אם אין פניך הולכים עמנו אל תעלינו מזה, מיר וועלען בעססער בלייבען דא מיט דיר צוזאממען אין דער מדבר אלס היים קינדער מיט'ן פאטער, איידער מיט איין פרעמדען אין אייך פאראדיז, אונד מיר פיהלען זיך מעהר פראטעקטיסט אונד פרייא מיט איין פאטער אין זיין העכסטע אויפרעגונג, וויא מיט איין פרעמדען אין זיין העכסטע מילדהייט. דעם פאַ־טער'ס הערץ בלייבט מעהר טרייא צו זיין קינד אפילו ווען ער געהט איהם ראבין אם במחתרת ימצא, ווא בייא איין פרעמדען וואס קען געבען אכול ושתו יאמר לו, אונד דאך ולבו בל עמו.

אַן דיא רעזאָרטס אונד לייקס פאן בבל ווען אונזערע פאַנגער האבען אונז געבעטען זינגען דיא נאציאנאלנע ליעדער פאן שירי ציון, איז געוועזן דער אנטוואָרט אויך נשיר את שיר ד' על אדמת נכר. אונזער נאציאנאלנער ליעד, שיר ציון, איז קיין אנדער ליעד וויא איין שיר פאן היים, וועלכער איז דער בעוואוסטער שיר ד', ד' ד' אל

רחום וחנון ארך אפים ורב חסד, דיא טיעפכטע זיעסקייט אונד צערטליכקייט פאן כרחם אב על° בנים, אונד וויא קענען מיר זינגען דעם זיעסען היים ליעד על אדמת נכר? וויא מיר האבען דעם ענין אין דעם ערהאבענעם על נהרות בבל, ווא זייא האבען הערויסגעוויעזען אזא היים=ליעבע קראפט ווא עס איז אונטער דיא זון דא פאן קיין נאציאן, וויא מיר ווערען רעדען אין נעכסטען פרק.

נוה שאנן סוכת שלם רצוף אהבה שכנת כבודיך.

איין שטילע רוהיגע וואָהנונג, פריעדליכע סוכה, פאן איין צערטליכע ליעבע פערבאנד, וועיל דיא שכנה פאן דיין עהרע.

בסוכת תשבו שבעת ימים, תשבו כעין תדורו דרת קבע וישבת קבע, אלס איין רעזידענט אין איין רעגעלע היים פאן פאמיליע פערבאנד, דיא פעלת ווערכע איז אנבעלאנג צו דיא היים, מיט ווערכע טהאט עס זאל ווערען בעצייכנעט אז דאס איז קיין אנדער פלאטץ וויא איין היים, פאן איין אינערליכע צערטליכע פאמיליען ליעבע אונד פאמיליען פערבאנד, איז קיין מסחר וקנין וואס איז אין איין בית מסחר, קיין אומנות וואס דאס איז אין איין בית מלאכה, ווערכע ביידע האבען קיין פערבינדונג אונד צוזאמענגעהמונג פאן עלטערען מיט קינדער, נור דיא פעלת פאן ואכלת ושבעת וברכת את ד' אלהיך אל כל הטובה אשר נתן לך, צו זיצען מיט דיא פאמי= ליע ביים טיש, אין דיא רעגעלע מאלצייטען מיט ברכת המוציא והמזון.

ווען איך בעצייכען איין זאך פיר איין באנד וואס נעהמט אונד שליעסט צוזאמען פיעלע פרטים צו איין כלל, דארף זיא זיא זיין דיא שטארקסטע זאך וואס זאל קענען האלטען דיא פרטים צוזאממען, אונד דער פרינציפ אדער נאטהוועגדיגסטע עלעמענט אין זייער עקזיסטענץ, אונד דיא איינציגע אונד שטארקסטע זאך וואס זאל האלטען דיא פאמיליע אין פערבאנד אונד צוזאמענגעהמונג איז דיא פעולה פאן ואכלת ושבעת וברכת, וויל זיא איז דיא נאטהוועגדיגסטע אונד גע־ברויכליכסטע אין דעם עקזיסטענץ פאן מענשען, שחיו תלוים בהם, אונד עס ניט דא איין אנדער טהאט וועלכע זאל זא האלטען אין איין פערזאמלונג צוזאמען דיא עלטערען מיט דיא קינדער אין איין טהעטיגקייט וויא דער טהאט פאן ואכלת ושבעת וברכת אין דער היים ביים טייבעל, אונד ווען איך זאג דיא צייט אונד פלאטץ פאן ואכלת ושבעת וברכת וויים איך שאן אז דאס מיינט היים אונד אין דער היים, אונד אז איך זאג היים מיינט דער פליים ואכלת ושבעת וברכת, איינע בעצייכ־נעט דיא אנדערע.

אלזא זאלסט זיין מיט דיין פאמיליע איין גאנצע טאג אין סוכה, אונד דיא אייניגע שטונדע פאן דיינע רעגעלע מאלציי־טען אבהאלטען אין הויז. האסט ניט אנגעהויבען מקיים צו זיין מצות סוכה, זאלסט איין גאנצען טאג זיין מיט דיין פאמי־ליע אין הויז, נור דיא רעגעלע מאלצייטען אבהאלטען אין סוכה, בינסט מקיים מצות סוכה כהלכתה תשבו כעין תדורו איין רעגעלע היים פיר דרת אונד ישבת קבע, דער פרינציפ פאן היים אונד פאמיליע פערבאנד.

אלזא עמי בני ישראל, איהר וועט ערקלעהרען אייער אינערליכען וואונש אונד בעשלוס אז איהר קימערט זיך ניט פיר דיא ארץ זבת חלב ודבש מיט דיא גאנצע נאציאנאלע מאכט אונד עהרע, ווא זיא זאל ניט זיין איין פאלקאמע היים, ווא דארטען זאל זיך געפינען קאמפליט דיא צערטליכע ליעבע פאן פאמיליע פערבאנד מיט מיר צוזאמען אלס איין דרת וישבת קבע. דיעזער אייער עהרליכער צערטליכער אונד ערנסטער וואונש וועט ערפיעלט ווערען, דעשו לי מקדש ושכנתי בתוכם מיט איין דרת וישבת קבע פאן איין נוה שאנן סוכת שלם רצוף אהבה, איין זיעסע שטיללע וואָהנונג, פריעד־ליכע סוכה פאן איין צערטליכע ליעבע פערבאנד, איך מיט אייך צוזאממען, מיט דיא פעלת פאן פאמיליע פערבאנד אונד היים בעצייכנונג, וועלכע מהאטען זיינען דיא נאטהווענדיגסטע געברייכע אונד פארדערונגען פאן אונזער ביידענס עקזיסטענץ, דיא פעלת פאן ואכלת ושבעת וברכת את ד׳ אלהיך על כל הטוב אשר נתן לך במקום אשר יבחר, דיא ציון המציונת וועלכע איז בעצייכנעט אונד געגרינדעט מיט דיא גרינדונג פאן דיא וועלט, אלס איין. יפה נוף כללת יופי משוש כל הארץ, דער פראכטפאלסטער לאנדשאפט, דיא פריידע אונד ענט־ציקונג פאן דיא גאנצע וועלט, פיר איין רעזידענץ פאן פאמי־ליע פערבאנד מיט אלע איהרע געברויכע פאן לחמי תודה זבחי שלמים תודותיכם ונדבותיכם וראשי חדשיכם ומעדיכם וקרבנות צבור ומעמדות, קאמפליט דיא גאנצע פאמיליע אין איהר אלע רעגעלע מאלציימען אין דיא רעגעלע היים פאן ואכלת ושבעת וברכת את ד׳ אלהיך, איך מיט אייך צוזאמען ביים שולחן גבוה.

אונד שטרענג פערבאטען קדשים בחוץ, ניט צו האבען איין רעגעלען מאלצייט אויסער דיא היים, ווייל נור דיא היים איז דיא איינציגע פלאטץ פיר דעם איינציגען צוועק פאן ואכלת ושבעת וברכת, דער איינציגער עהרען פלאטץ פיר פאמיליע פערבאנד אונד געהן אבהאלטען דעם רעגעלען פאמיליען מאלצייט אויסער דיא היים, איז אנגעגריפען אונד געשאדעט דיא עהרע פאן היים אונד פאמיליע. האלסט דוא דיין רע־געלע מאלצייט אין וועלכע פלייס עס קאמט דיר פאר, ווייסט אז דוא האסט קיין ריכטיגע בעשטימטע היים, קיין ריכטיגע היים הייסט קיין ריכטיגע פאמיליען ליעבע אונד פאמיליען פערבאנד, קיין ריכטיגע פאמיליען פערבאנד הייסט קיין סבות שלום, קיין שלום בית, אויף וועלכע עס קען קיין ברכה זיין, אם ענדע, עפעקטעד דעם פרינציפ פאן דיא גאנצע נאציא־נאלע געביידע, וועלכער מוז פערפאלגט ווערען אלס פערדעמטער.

אלזא בעפאר מיר וועלען בעזיטצען אונזער לאנד, נא־ציאנאליטעט, אין איהר פאללען רייכקייט, דערווייל ניט צו זיין אהנע איין היים, אבוואהל אין דעם קלענסטען רום, נור מיט דיא פאמיליע צוזאממען, ווייל דיא היים אונד פאמיליען פערבאנד איז זא וויא זא דיא הויפטזאכע, אונד שאן דארף געשעהן איין מאדעל היים מיט'ן גאנצען פלאן ביז דיא פאללע היים אין איהר רייכקייט.

אלזא נאך דעם נעהמען מיין ערשטען פאזיציאן אין לפני ולפנים ווא דער ארון אונד לחות געפינען זיך, וואס קיינ־ער דארף דארטען הערייקאמען, וויא דער דרך ארץ פאן

כבוד אב שלא יושב במקום שישוב אביו, איז נעבסט דער שולחן מיט דיא לחם הפנים, דיא הערץ אונד לעבהאפט פאן פאן פאמיליען פערבאנד, תמיד לא יסורו, מיט איין שטענדיג־ען געגרייטען טיש, ניט איין ווײלע זיין דיא פאמיליע אין אב־זאנדערהייט, דען ערוך השולחן צפה הצפוש, בעלוכטען דעם שולחן המלך מיט דיא הערליכע מנורה, דער הויפט סימבאל פאן דיא פאמיליע אונד נאציאנאל פפלאנצונג אין איהר פער־איינינונג אונד איינהייט, אונד דיא משרשי ד׳ והשולחן גבוה, אין דיא נאציאנאל יוניפארם פאן בגדי קדוש אונד גוי קדוש, אונד דעם זעלבען איינהייט פרינציפ פאן דיא נאציאנאלנע ווערבונג ממלכת כהנים וגוי קדוש (עיין מכל זה לעיל פרקין), מיט איין שארפען ארדער, פראגראם, צערעמאניע, מוזיק, סאל קעניגליכע היים אונד קעניגליכע פאמיליע, כל ישראל בני מלכים הם.

אונד זא וויא עס איז דער פפליכט פאן פאטער צו פער־זארגען דעם קינד מיט גייסטליכע שפייזע, הדרכה והנהגה ישרה, זא וויא דיא מאטעריאלישע שפייזע וואס אין דיא פא־מיליעס פאן כל העמים, איז דיא מאטעריאלישע שפייזע אין דער היים מיט דיא פאמיליע אונד דיא גייסטליכע שפייזע אין בית הלימוד מיט׳ן לעהרער, וועלכע אינסטיטוציאן איז שאן ניט פאן איין פאמיליע צוזאמענגעהמונג, נור אלגעמיין. אם ענדע,ביידע פערשיעדענע שפייזע אין צווייא בעזאנדערע היימאטהען אונד טישען, וואס ניט איינע פאן דיא וואהנונגען זיינען שאן דרת וישבת קבע, איז אונזער היים פאן שכינה שריה בניהם אוכלין ולומדין על שולחן אחד, דיא מאטעריא־

לישע אונד גייסטליכע שפייזע אין דיא זעלבע פאמיליען פער־
באנד וואס היים אונד פאמיליע פעראייניגונג איז דיא הויפט
אורזאכע פאן אונזער נאציאנאלנע בעשטעטיגונג, ואברהם
היה יהיה לגוי גדול ועצום כי ידעתיו, דיא נאציאנאלנע בע־
שטימונג איז למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו
דרך ד׳ לעשות צדקה ומשפט, צו פע־פפלאנצען אין דער
מיטטע פאן היים אונד פאמיליע דיא גייסטליכע לעהרע, וויל
טוב תורה אם דרך ארץ, דיא גוטעס פאן תורה איז צו זיין
פערפפלאנצט מיט דרך ארץ צוזאממען, אם אין קמח אין
תורה . . ., תורה אהנע גוטע ענטוויקלונג, ערקלעהרונג, אין
איהר פראקטישע געברייכע איז זא איין גייסטליכע שפייזע
וויא קארן ניט צומאלען, איין מאטעריאלישע שפייזע.

דיא כהנים, לוים, דיא משרשי שולחן גבוה פאן מאטע־
ריאלישע פאמיליע פערבאנד, דיא זעלבע פאלקס לעהרער
אונד פאלקס ריכטער, דיא זעלבע היים פאן ואכלת ושבעת
וברכת, איז דיא היים פאן בתי משפט, סנהדרין, נאציאנאלנע
דעפארטמענטס, אוצרות, קעניגליכע קראַהנונגען, א״ז״וו,
איין פאלקאמע היים פאן דרת וישבת קבע, עוויג ניט צו
דארפען פערלאזען דיא זעלבע היים אונד אלע איהרע פא־
מיליע אונד נאציאנאל פארדערונגען.

אלזא והכהן הגדול מאחיו, דער ראש אונד דער
הויפט פאן דיא גאנצע היים אונד נאציאנאל פאמיליע אין
איהר מאטעריאלישע אונד גייסטליכע עפערס, וויא מיר
וועלען וויטער רעדען, דארף זיין גדול מאחיו אלס פאטער
בחכמה ובעשר.

אם ענדע, דער טאג פאן יום הכפורים, דער נעהנט־סטער אונד ערנסטער טאג פאן היים אונד פאמיליע אין איהר העכסטען פרינציפ פאן קינדער צו עלטערן, וואס דיא צווייא פאמיליע נערווס, וועלכע זיינע מאטעריאלישע אונד גייסטליכען לעבען זיינען אן זייא אבהענגיג, זייגען אין דעם העכסטען מצב פאן לעבהאפט וואס איין למעלה הימנו וויא אין דעם טאג, נעמליך, רצון אונד רחמנות, כרחם אב על בנים, יום סליחה כפרה ומחילה, וועלכע שטראמען פאן רחמנות פאטער צו קינדער, אונד יום רצון פאן עניי נפש ובשר פאן קינדער צום פאטער, דארף אין דעם טאג דיא היים אונד פאמיליע זיין אין איהר העכס־טען קאמפליטען פארם.

אלזא ביתו זו אשתו, וויל דיא פרויא איז בעצם וראשונה, וועלכע בעצייכנעט היים, בית, בן בית, בית אב, פאמיליע, אונד אהנע פרויא איז קיין צייכען פאן בית אונד היים, אונד זא וויא דער כהן גדול איז דער הויפט אונד משיעף פאן דעם העכסטען היים אונד פאמיליע דיענסט פאן דעם טאג, אונד דער ערשטער אונד איינציגער פאר־שטעהער פיר דיא היים אונד פאמיליע, אין דעם איינצי־גען טאג פיר איהרע פאדערונגען מיט זיין תפילה קצרה יהי רצון שתהי השנה הזאת שנה שחונה וגשומה פיר דיא היים פאן רצוף אהבה, מוז ער זיין איין בן ברית אהבה אונד בן בית, איין חיים אונד פאמיליע פארם, אבער קיין בן בית אונד היים סאָביעקט, אונד קיין בן ברית אהבה, איז פסול צו דיא עבודה, אלזא איז וכפר בעדו ובעד ביתו זו אשתו ומזמנין לו אשה אחרת שמה תמות אשתו.

האבען מיר דיא היים האבען מיר אלעס,
איז דיא היים פערלארען איז אלעס פערלארען.

מיר האבען פערלארען אונזער לאנד, נאציאנאליטעט, אונזער אינדוסטריע, קאממערץ, יהודה וארץ ישראל המה ברוכליך בחטי מנית ופנג דבש ושמן וצרי (יחזקאל כ״ז), דיא בעסטע אגריקולטור אונד הארטיקולטור לאנד פאן דיא טהייערסטע פראדוקטען אין דער וועלט. דיא העכסטע אגריקולטור עקספערטס, קויפלייטע, וועלכע האבען אויפגעבליהט דיא העכסטע אינדוסטריע אונד געפיהרט דעם גרעסטען וועלט מארקעט, פראדוצירט אונד געשפייזט דיא גאנצע וועלט מיט דיא העכסטע, טהייערסטע אונד רייכסטע פראדוקטען פאן דער נאטור, מיט דיא טהייערסטע ווייטצען, דיא טהייערסטע שפייזע פאן אלערהאנד באקווערקע, טהייערסטע פערפומע, בשמים, האניג, אֶעל, באלזאם, אונד דיא טאלענטפאלע אגריקולטור פראדוצירער זיינען דאס בערויבט פאן דיא לאנד אינדוסטריע, מיט דעם העסליכען פאלשען אויסרייד אז זייא זיינען ניט פעהיג דערצו נור צו גרינגע אונטערנעהמונגען אונד וועלט איינשלינגער.

אלזא געגוג פערלארען בערויבט אונד ערניעדערט, אבער מיר וואלטען נאך קיין זאך פערלארען ווען מיר וואלטען דיא נוה שאנן אונזער סוכת שלום, אונזער זיעסע אונד

שטילע היים נים פערלארען, דעם שולחן גבוה פאן רצוף אהבה, דיא ריינע, צערטליכע פאמיליען ליעבע אונד פאמיליע פערבאנד פאן דיין שכנת כבודיך. האבען מיר אבער דיא סוכת שלום, דיא זיעסע היים פערלארען, האבען מיר אלעס פערלארען, אונד עס וועט אונז שאן קיין זאך אין דער וועלט טרייסטען.

מיר זיינען איך יעצט, דא אין גלות, מיט דעם זעלבען בעשלום וויא אין דער מדבר, אם אין פניך הולכים אתנו אל תעלינו מזה, מיר וואלטען בעססער צופריעדען זיין דא אין גלות אָהנע דיא נאציאנאלנע מאכט אונד נאציאנאלנע עהרע, נור מיט דיר צוזאמען אין איין פאמיליע היים פאן איין סכת שלום, שכינת כבודיך, איידער אין דיא ארץ זבת חלב ודבש מיט דיא נאציאנאלנע גלאנץ, פראכט אונד מאכט, אהנע דיא נוה שאנן, אונד זא וויא דיא היים פאן דיין שכינה איז נור אבגעצייכנעט דיא ציון המציונות, איז והאביאינו לציון ולירושלים בית מקדשך, אבער פיר דעם הויפט צוועק ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו, וואס דאס איז דער הויפט היים בעצייכנונג אונד פאמיליע פעאבאנד.

מלך רחמן רחם עלינו טוב ומטיב הדרש לנו, שובה אלינו בהמון רחמיך בגלל אבות שעשו רצוניך, פפליכט האט נים צו טהאן מיט כאראקטער, עמפפינדונגען אונד געפיהלען. דעם קינד׳ס פפליכט איז צו טהאן דעם וויללען פאן פאטער, נים ווייל זיינע געפיהלען רחמנות צו טהאן דעם פאטער וועל־בע גוטעס, נור ווייל דאס איז דעם פאטער׳ס רצון, אבוואהל פאן דיא גרעסטע קאסט פיר דעם קינד אונד קיין בענעפיט

פיר דעם פאטער, וויא דיא גמרה בריינגט אפילו זרק כסו לתוך הים, דארף פאן קינד קיין פראטעסט זיין, בלאס ווייל דאס איז דעם פאטער׳ס וויללען. דער פאטער צום קינד אבער איז פאן קיינע פפליכט, דער קינד האט דעם פאטער אין קיין זאך וואס צו בעפעהלען, נור פאן געפיהלען פאן רחמנות כרחם אב על בנים.

דוא האסט אונזער עלטערען געגוג געפרופט, געגוג מצער געוועזען, אום קיינע בענעפיט פיר דיר אונד דיא העכסטע קאסט פיר זייא, ולא הרהרו אחרי מדתיך, ניט זא קיין פראַ= טעסט נור אויך געטהאן מיט דיא גרעסטע שמחה, בלאס ווייל דאס איז דיין רצון אונד ערפיעלט זייער פפליכט, קינדער צו עלטערען פארטרעפליך, טהוע דוא אויך פאן דיינער זייטע פאטער צו קינדער. מיר זיינען קיין הבאים בטענה פאן וועלכע מתנה הבטחה פראמים פאן אונזער לאנד, רעגיערונג, גראססהייט, עהרע, רייכקייט, וואס דיא אלע זאכען איז קיין סאָביעקט פאן רחמנות אונד מיטלייד, מען קען לעבען אָהנע נאציאנאלע עהרע, וואס דאס איז איין גע= זעצליכע טענה אונד תביע צווישען פרעמדע, אבער ניט פאן קינדער צו איין פאטער, וואס דיא עלטערען האבען רעכטע צו טהאן מיט דיא קינדער׳ס רייכטהום וויא זייא איז געפעהלען, נור אלס רחמנות, דיא נאטור געזעצליכע עמפפינדונגען, געפיהלען, פאן כרחם אב על בנים. דער העכסטער סאָביעקט פאן מיטלייד אונד עלענד, וואס אהנע קיין זאך אין דער וועלט פיהלט זיך דער קינד ניט זא עלענד, טרויעריג, מוטלאָז, וויא אָהנע איין היים, אָהנע על=

טערען צו האבען מיט זיך. דוא וועסט אונז מיט דיא היים פאן איין סוכת שלם מיט דיין שכינה צוזאממען אָהנע דיא לאנד, נאציאנאליטעט, מעהר גוטעס טהאן וויא מיט דיא לאנד, נאציאנאליטעט, מאכט רייכקייט אהנע דיא היים. זעהע קינדער אין דעם רייכסטען אנשטאלט מיט דיא רייכסטע אויפוואכטונג וויא מוטלאז אונד טרויעריג זייא זיינען, ווייל אהנע עלטערען אין דער פרעמד, אונד אין דעם ארעמסטען ענגען צימּמער מיט דיא ארעמסטע שפייזע, קליידונג, אויפוואכטונג, וויא היימליך אונד גליקליך זייא זיינען, ווייל אין דער היים מיט פאטער אונד מוטער.

אלזא דעם עלענד אונד רחמנות מוזט צוזעהן אונד אונז געבען דיא היים, וואס דיא היים ליעבע איז אונזער אייגענטהום מיט אונז געבארען, וויא מיר וועל־ען ווייטער רעדען. ובנה ביתך כבתחילה וכונן מקדשך אל מכונו, ושם נעשה ונראה ונשתחוה לפניך בשלוש פעמי רגלינו . . ., אונד אהנע דעם בית המקדש, דיא הויפט היים בעצייבנונג, האט ניט דיא נאציאנאליטעט, מאכט, עהרע, רייכקייט, שמחות, שבתים וימים טובים, איהר וערטה, דוא וועסט שאן אונז געבען רייבע גליקליבע ימים טובים; אונד אנזאגען ושמחת בחגיך אתה ובתיך, אבער חדל שאנן עליזים שבת משוש כנור, מיר וועלען זיך שאן פריי־ען, זינגען, שפיעלען, אבער דיא פרייד אונד דיא זיעסקייט פאן דעם שיר כליל התקדש החג פאן דיא לוים אין בית המקדש, אונד דיא ימים טובים, מיט אונזער פאמיליעס הערום דעם טיש פאן שולחן גבוה, וועט שאן ניט זיין,

שבת משות חופים, מיר וועלען שאן פויקען, טאנצען אונד פרעהליך זיין, אבער דיא שמחת הלבב כהולך בחליל לבוא בהר ד' על צור ישראל, דיא פרעהליכע הערין פאן דיא פויקען ווען מיר זיינען געוועזן עלי לרגל אונד געבראכט דיא בכורים אויף'ן הר הבית אין בית המקדש, וועלען מיר שאן ניט האבען אונד קען ניט זיין.

ווען ישעיהו הנביא האט געוואלט פארשטעלען דיא גראססע שמחה וענג פאן זיין ערהאבענע פארגעשטעלטע ישועה וגאולה, פאן אזא ליכט וואס אור הלבנה כאור החמה ואור החמה שבעתים כאור שבעת הימים, האט ער דיא זיסקייט אונד טיעפקייט פאן דיא שמחה מיט קיין אנדער פארשטעלונג ערקלעהרט וויא השיר יהיה לכם כליל התקדש החג ושמחת הלבב כהלוך בחליל לבוא בהר ד' אל צור ישראל, בשיר לא ישתו יין ימר שכר לשותיו, מיר וועלען טרינקען אונד זינגען, אבער ניט טרינקען פאן דיא זיעסקייט אונד פרעהליכקייט פאן געזאנג, נור זינגען פאן דיא פרעהליכקייט פאן טרינקען ווען מען וועט שאן ניט פיהלען דיא ביטטערקייט פאן דיא ביער, צווחה על היין בחוצות ערבה כל שמחה, איז קיין ווייו דא איז ניט דא וואס עס זאל פרעהליך מאכען (עיין מכל זה בחלק ראשון), מיט איינעם ווארטע, אַב דוא ווילסט זעהן אונזער גליק איז מיט קיין אנדער זאך וויא דעם רחמנות צו בילדען דיא היים, דעם נוה שאנן סוכת שלום שכונת כבודיך, אונד דיא ציון המצויונות במהרה בימינו אמן.

אבן שתיה בית הבחירה פנת יקרת רצוף אהבה.

דער ווארצעל אונד גרונדשטיין פאן דיא וועלט אונד אויס־
גערוועהלטע היים, דער טהייערסטער קארנער פאן
צערטליכע ליעבע אונד פאמיליע פערבאנד.

ווען דער בורא האט בעשאפען דיא וועלט, איז גע־
ווען אויף דעם תנאי אז זיא זאל זיך פיהרען מיט איין אָר־
דער, אונד אָהנע איין ארדער איז דיא וועלט ניטווערטה
איהר עקזיסטענץ. איין ריכטיגער ארדער קען ניט געפיהרט
ווערען אָהנע איין צענטראל מיטטעלפונקט, אלס איין קוועל־
לע פאן וואנען דער ארדער זאל שטראמען אין אלע וועלט
טהיילען, אלזא דער קארנער־שטיין, פונדאמענט, ווארצעל,
פאן דיא וועלט, איז דער פונדאמענט פאן דיא געפלאנטע
רעגיערונגס געביידע דיא בית הבחירה, דער צענטראל וואס
כי מציון תצא תורה, פאן דארטען זאל שטראמען דער סדר
הנהגה אין אלע וועלט טהיילען.

אונד דיא געביידע אין איהר גאנצהייט פאן וועלט אונד
ארדער מוז זיין געבויט אויף איין פונדאמענט, אונד קענען
ניט זיין צוויא סאָביעקס, צוויא בעזאנדערע געביידעס אונד
קאמען איינע פריהער וויא דיא אנדערע, וויילביידע איז איינע
אונד איינע ביידע. וועלט, פאלק, נאציאן, מיינט סיסטעמא־
טישע ארדער, אונד סדר ומשטר הייסט וועלט אונד נאציאן.

ארדער, סדר, משטר, הייסט ארגאניזאציאן, פערבאנד,

פעראיינינונג פאן אלגעמיינע בעשליססע, בעשטימונגען, צו איין אלגעמיינעם געוויססען תכלית, מיט וועלכע באנדס, קרעפטע, וואס האלטען דיא אלע פרטים אין איין צוזאממענ־נעהמונג צו איין גאנצהייט פאן איין כלל, וועלכע קרעפטען מוזען אויך וואכסען שטראממען פאן איין פעראיינינונג, קוועל־לע, זאמען אונד ווארצעל.

דיא קוועללע, זאמען, פאן דיא ארגאניזאציאן פער־באנד איז היים אונד פאמיליע, וועלכע האבען דיא צווייא שטארקסטע פפליכטליכע אונד צערטליכע צוזאממענ־נעהמענדע קרעפט פאן רצון אונד רחמנות, וויא מיר הא־בען גערעדט, רצון פאן קינדער צו עלטערען, רחמנות פאן עלטערען צו קינדער, וואס פאן דעם זאמען, היים, בית אב, פאטער מיט קינדער, וואכסען הערוים דער גאנצער נאציאנאל פפלאנצונג אין זיין ארדער פאן בית אב, משפחה, פאלק, ביז דיפלאמאטישע הערשענדע נאציאן, אונד וואס דער פעראייניגונגס פערבאנד איז שטארקער איז אליך דער סדר אונד ארדער זיכערער אונד פאלקאמער.

אונד קיין נאציאן אונטער דיא זון איז בערעכטיגט פעהיג פיר דעם אמט, צו בעזיצען דעם רעגיערענדען צענ־טער, אלס דיא קוועללע פאן וואנען עס זאל שטראמען דער וועלט ארדער וויא מיר. וויל קיינער האט אזא כא־ראקטער, טאלענט פאן ליעבע צו היים, פאמיליע פער־באנד אונד פאמיליע פראטעקשאן וויא מיר, דער ריכטיג־ער זאמען אונד קוועללע פאן נאציאנאל ארדער. קיינער אונטער דיא זון האט נאך געוויעזען זאלכע מעכטיגע פא־

מיליען פערבאנד פאן רצון רחמנות אונד פאמיליען אפפערונג וויא מיר, וועלכע זיינען אויף דיא אייגענשאפטען געפרופט, עקזאמינירט אונד געפונען אין דיא מדות פארטרעפליך. אם ענדע, קיין נאציאנאל זאמען, ווארצעל, האט אויפגעבליהט אזא פראכטפאָלע נאציאנאל פפלאנצונג, בתי אבות, משפחות, שבטים, ביז הערשענדע נאציאן ישראל, אין אזא ערהאבענעם ריינעם ארדער, צווייג פאן שטאם, שטאַם פאן ווארצעל, ווארצעל פאן זאמען, וויא דער ישרש יעקב, (עיין לעיל), וואס דיא אלע פרינציפען, אייגענשאפטען, זיינען דיא ריכטיגע גאראנטיע צו געבען איין ריכטיגען גליקליכען וועלט ארדער.

אלעס איז אונז געגעבען, געבענשט אדער גערהאלפען. איין רעליגיאן געגעבען מיט איין לאנד, נאציאנאליטעט, געבענשט, געהאלפען. מיט איינעם ווארטע, דאס איז אלעס זאלכע זאכען וואס. ווען ניט דוא וואלטען מיר דאס ניט אנגעהויבען צו האבען אונד ניט געהאט וואס צו מאַ־נען, מיט איין אויסנאהמע דיא היים אונד פאמיליען ליעבע וועלכע איז אונזערע מיטגעבאָרענע אייגענטהום, ואעשך לגוי גדול, ואגדלה שמיך, והיה ברכה, ונברכו בך כל משפחות האדמה וגויי הארץ, דיא ערשטע ברכה מיט'ן ערשטען בעגעגנונג פאן גאט מיט אברהם, איז ניט גע־ווען איין יש מאין, איין נייע בעשאפונג, נור שאן דער ווארצעל, פפלאנצונג, וועלכע איז הערויסגעוואכסען פאן דעם זאמען היים, פאמיליען ליעבע, פאמיליען פערבאנד, וויא דיא רעליגיאן אשר התהלך לפני (עיין רש"י, נח),

אונד פאמיליע פראטעקציאן, מיט וועלכע אברהם איז געוועזן בעגאבט אונד געבארען.

דער יסוד הפינה, דער פנת יקרת, דער קארנער שטיין פאן היים, פאמיליען ליעבע אונד פאמיליע אפפערונג אויף וועלכען קארנער שטיין דער נאציאנאל פאלאסט אין זיין פאללען פלאן איז געבויט געווארען, איז געוועזן וואס אברהם האט אליין געבראכט מיט זיך אונד פאן זיך, אונד געפרופט אונד געפונען דעם זיכערסטען אונד שטארקסטען פונדאמענט, קארנער שטיין, אויף וועלכען עס זאל קענען געבויט ווערען איין עם עולם, איין עווינע נאציאנאליטעט געביידע פיר דיא אינטערנאציאנאל ארדער.

דיא פרופס פאן דעם נאציאנאל קארנער שטיין.

דיא ברכה ואעשך לגוי גדול ואגדלה שמך, איז אברהם׳ען יעצט געגעבען געווארען דאנן נאך דיא שארפע פרוף פאן לך לך מארצך וממלדתיך ומבית אביך, ווא עס איז געפרופט געווארען זיין געוואלטיג היים ליעבע אונד פאמיליען פערבאנד מיט אזא צובונד וואס עס איז זיך ניט פארצושטעללען מיט איין געוואהנליכען נאטירליכען דמיון אונד כאראקטער.

עשרה נסינת נתנסה אברהם אבינו ועמד בכולן, רש״י ולא הרהר אחר מדותיו, דער ערשטער נסיון וועלכע איז פארגעשטעלט אין דיא עהנליכקייט פאן דער עקידה, איז לך לך מארציך וממלדתיך ומבית אביך (רש״י, ולתת

לו שכר על כל דבור ודבור, כיצא בו את בנך את יחידך אשר אהבת את יצחק וכו׳), איין נסיון פאן אברהם וואס ער איז ניט געווען דאגעגען, אונד געפאלגט גאטט ניט נאכצודענקען אויף דעם גראססען אומזיסטיגען צער וואס גאטט וויל איהם דא טהאן, איהם צו שיידען פאן זיין לאנד, געבורטס ארט, פאטער׳ס הויז, אונד איהם געבען שכר פיר דעם גראססען צער וואס אברהם האט געליטען פאן יעדער ווארט וואס גאטט האט איהם פארגעשטעלט, צו פערלאססען זא איין זיעסע אונד ליעבע לאנד, רעגיע־רונג, אונד געבורט פלאטץ, ווא ער האט געלעבט אין איין שטענדיגע מלחמה איינער מיט דיא גאנצע לאנד, אין דיא ביטטערסטע געפעהרליכסטע פערפאלגונג ביז צו וואר־פען אין פייער, פאן אזא הויז אונד פאטער ווא דער אברהם המכיר את בראו האט זיך געמוזט צוקוקען טאג טעגליך אויף דעם אלטען טאטען דעם הינדו, מיט דיא העסליכע סצענעס פאן זיינע געצענדיענערייא, אונד פאן אזא לאנד אונד געבורטס ארט אונד פאטער׳ס הויז, וואס יעדער וואלט געלאפען וויא פאן פייער, אונד טאקע פאן פייער אין וויסטענעס, מדבריות, נור פאן אזא שלאנגען גרוב פטור צו ווערען, האט אברהם געליטען דעם גרעס־טען צער איהר צו פערלאססען אונד מיט זא איין לאנד אונד היים זיך צו שיידען, אונד פאן זאלכע שמערצען אז עס איז געווען פאן דעם גרעסטען נסיון, וואס נור אברהם דער בעל הנסיון האט .געקענט ביישטעהן ניט להרהר אחר מדותיו, ווייל דאך געבורט, לאנד, עלטערן, היים,

וועלכע געבורט, לאנד, עלטערען, זייא זאלען זיין, וועלכע טראַבעל מען זאל דארפען פאן זייא דורכטראגען, איז ניט גענוג געווען פיר אברהם צו צורייסען דיא פאמיליע פערבאנד אונד אם ענדע דאך אין גאנצען זיך ניט געקענט שיידען, מיט-גענאמען מיט זיך דעם אונגליקליכען לוט'ן וועלכען ער האט געקענט פאן דער היים, אונד געוואוסט דיא אונאנגענעהמ-הייט וואס זיין קאמפאניע קען איהם פערארזאכען, אבער זיך פרייא מאכען פאן פאמיליע איז וויא זיך פרייא מאכען פאן דיא רעכטע האנד, זא לאנג עס איז מעגליך צו דולדען.

אין דער תורה אונד נביאים געפינען מיר ועקתם ביום ההוא ואין שמוע ומשיע אתכם, ווייל מען האט אייך גענוג געווארענט בעפאר, אונד אז איהר האט זיך ניט געקימערט איז לכו באור אשכם ובזקות בערתם מידי היתה זאת לכם למעצבה תשכבון, איהר האט זיך מיט אייער פאלען זינען געווארפען אין פייער, אונד קיינער דארף זיך ניט ווארפען אין געפאהר נאכלויפען אין פייער אייך צו רעטטען. לוט האט גאנץ גוט געוואוסט אז ואנשי סדום רעים וחטאים לד׳ מאוד (רש״י, רעים בממנם וחטאים בגופם) והוא יושב בסדום, (רש״י, מי גרם לו כל זאת ישיבתו בסדום) אונד געווען גענוג געווארענט אז עס קען קיין גוטעס געבען פיר איין ריכטיגען מענשען צווישען אזא געפעהרליכע קאמיוניטי, אונד אז ער האט דארויף ניט געאכטעט איז ער ניט בעססער וויא זייא, אונד איז אויף קיינעם וועג געווען בערעכטיגט פיר אזא רעטטונג פערבונדען מיט אזא געפאהר, אבער פיר אזא פאמיליען פריינד, פאמיליען פראטעקטאר וויא אברהם

איז דאס אלץ קיין אבהאלט, אונד איהם ניט אבגעלאזען פאן אויג (רש"י, אם השמאל ואמינה בכל אשר תשב אשב לא אתרחק ממך ואעמוד לך למגן ולעזר וסוף דבר הוצרך לו וכו׳), אונד זיך געווארפען אין אזא געפאהר אייניגע הונדערט מענשען געגען איין פעראייניגטע פיער מעכטע, העלדען אונד וויקטארס (מנצחים) פאן פינף מלכים צו רעטטען איהם אונד זיין פאמיליע רייכקייט ביז דעם לעצטען פאדעם, אונד דאס וואס מיינט מאכט, נצחון, עוויגקייט, פאטערלאנד, אין איהר ריכטיגען זינען ניט וואס מען פערצאמט אייך, אונד מען זאגט אייך דאס איז פאטערלאנד וואו אייערע עלטערן זיינען געבארען, געלעבט, געליטען אונד געשטארבען, דארטען מוסט איהר אויך לעבען אונד ליידען אונד פיר איהר שטארבען. העלדענ-מוטה, אפפערונג פיר פאטערלאנד מיינט ליעבע צו היים אונד האנאר.

דיא מלחמה האט איהם אבער געבראכט איהרע פרוכט, באלד אחר הדברים האלה אל תירא אברהם אנכי מגן לך שכרך הרבה מאוד, אזא מעכטיגע פראטעקציאן כאראקטער איז בערעכטיגט פיר איין עוויגע בעשיטצונג, אונד איהם אונטערגעשריעבען זיין נאציאנאל דיפלאמא אב המון גוים, ניט מלך מושל המון גוים, פראטעקציאן פאן מאכט, צוואנג אונד בעשטיממונג, נור בעשיטצונג פאן געבירטליכע נאטירליכע פאמיליען ליעבע אונד פרייר הייט עס זאל צו קיין גוואלדטהאט אונד בלוטפערגיעסונג קאממען, ושפט בן הגוים והוכיח לעמים רבים ולא ישא

גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה, דיא מלחמה וועט אויפהאַלטען דעם פריעדען פאן דיא וועלט עס זאל קיין מלחמות זיין, אונד גלייך דיא נאציאנאל טריעטי פאן ברית בן הבתרים מיט דעם נאציאנאַל טיטעל אב המון גוים, וועלכע היים, פאמיליע ליעבע אונד בעשיצונג איז געבליעבען דיא עוויגע ירושה אונד דער איינציגער וואונש פאן דיא נאציאן עד היום הזה.

אלזא, וואס גאטט דוא ווילסט טהאן מיט אונז טובות, חסדים, מתנות, רייכקייט, עהרע. טהוע צו טהוע ניט, מיר האבען דיר דארויף ניט וואס צו זאגען, דאס איז אלס דיין אייגענטהום, אבער פאן אונזער נאטירליכען אייגענטהום, וואס קיינער האט אונז ניט געגעבען, נור מיט אונז געבאָרען, דיא ליעבע פאן איין רוהיגע שטיללע היים. שטערע דיא רוהע ניט. ווילסט אונז געבען דיא הבטחות, ברכות, פאן אונזערע עלטערען. גיב אונז דיא היים פאן רצוף אהבה, וואס שלום אונד ברכת הבית איז דיא קוועלע פאן אלע ברכות אויף וועלכע מיר ווארטען אונד האפפען, במהרה בימינו אמן.

דיא קאַמעל קאַראַוואַנע עקספעדיציאָן
אל ארצי ואל מולדתי.

אלזא, מיר האבען ניט געדאַרפט אין גאנצען דיא קאראוואנע סיסטעם ווען מיר האבען פערלאזען דעם ערש־טען מאל אונזער נוה שאנן סוכת שלום, היים אונד שולחן גבוה, וויל אויף דיא צייט פאן דיא זיעבציג יאהר איז נאך דיא זעטיגקייט פאן דיא ערשטע היים שפייזע ניט געוועזן פערצעהרט, וואס פיעלע האבען נאך געזעהן מיט דיא אויגען דעם ערשטען היים טייבעל, אונד געוואוסט בעשטימט דיא צייט ווען דער תענית וועט זיך ענדיגען, אונד קענען האבען באלד דעם ערקוויקענדען היים מאל־צייט, אונד דיא בעשטיממונג ווער עס זאל זייא ברייננגען צו זייער היים, וואס דיא אלע פת בסלו מאכט דעם תענית גרינגער אונד ערטרעגליכער.

עס וועט אבער קאָממען צו פערלאזען דעם צווייטען מאל דיא היים, אונד דעם פאמיליען טייבעל, אונד ניט אזוי אונטער פראטעקציאן פאן איין ליבעראלע מאכט, נור דורך איין מדבר גדול ונורה מקום ציה ושרב נחשים ועקרבים וואס וועלען אונז וועלען צו יעדער צייט איינשלינ־גען. איין געפעהרליכער מדבר פאן גליעהענדע אונד ברענענדיגע זאַמד אונד קיינע וואַססער קוועללע אונד אהנע בעשטיממונג פאן צייט, וואס קען נעהמען טויזענדע

יאהרען, אונד וויא אונד ווער זאל זייא צוריק ברייגגען, וואס דיא אונבעשטימטהייט פאן דיא ענדע מאכט אליך מעהר אונערטרעגליך, אונד דיא געפאהר איז בעפאר אונז צו בלייבען פערטריקענט אונד פערשאַטען אונטער דיא הייסע בערג זאמד.

אלזא יחזקאל, דוא מוזט נעהמען דיא קאמעל קאַ־ראַוואַנע פאן אל ארצי ואל מולדתי וואס אברהם האט געגרינדעט, ויקח עשרה גמלים מגמלי אדוניו (עיין רש״י) וכל טוב אדוניו בידו, שטר מתנה כתב ליצחק על כל אשר לו, דעם גאנצען אונגעהייערען פערמעגען וואס אברהם האט געהאט, האט דאס אליעזר געטראגען מיט איין שטר מתנה, איין דאקומענט אונטערגעשריבען פאן אברהם אז אלעס וואס ער פערמאגט געהערט צו יצחק׳ן, וועלכער דאָקומענט האט דעם גאנצען כח אונד זכות צו בעזיצען אברהם׳ס גאנצען פערמעגען.

דיא גאנצע שווערע לאַדונג פראוויאנט פאן היים אונד נאציאנאל שפייזע פאן דעם שולחן גבוה, וועלכע מוז זיין בעזארגט, פילייכט פיר טויזענדע יאהרען האט מען אונז דערלאנגט אין איין דאָקומענט, אין איין סדר התפלה וועלכע דאָקומענט האט אין זיך דעם גאנצען פערמעגען זעטיגקייט, כח, זכות, פאן דיא היים שפייזע, ונשלמה פרים שפתינו תפילה במקום קרבנות, דעם שטודירען, לייענען, דעם דאָקומענט פאן סדר התפלה מיט דיא ליפפען, מויל אונד הערץ, וועט ערפילען דיא גאנצע קראפט, זעטיגקייט פאן דיא היים אונד נאציאנאל שפייזע פאן דיא פרים,

אונד פערזארגט מיט דעם פאמיליען טייבעל זא לאנג דיא רייזע וועט נעהמען. דיא היים שפייזע וואס איהר האט געשפייזט אין קערפער זאלט איהר בעלאדען אויף דיא ליפפען, אונד איהר געברויך מוז זיין נאך דיא זאהארא קאראוואנע קאמעל געזעצע, מיט איין שארפען דיסציפלין, סדר, אָרדער אונד צייט, אונד אין מאס אונד וואג ניט איין ווארט מעהרער אדער וועניגער וויא איהר נאטהווענדיג־קייט, אונד אין איין געוויססע אונד בעשטימטע צייט נאך דען דין פאן שולחן ערוך אונד סדר התפילה, דיא געזעצע פאן דיא אל ארצי ואל מולדתי קאראוואנע רייזע.

עס קען אבער קאממען צו אזא לאנגע, צו אזא צייט, אז דיא פראוויאנט אונד דער הויפט דיא בארעלס וואסער וואס איז געלאדען אויף דיא שולטערס פאן דיא קעמלען זאל אנהויבען אויספעהלען, אונד דיא היים אונד נאציאנא־ליטעט ערקוויקונג זאל ביסלעכווייס שוואכער ווערען, אז דיא תפילות פאן אונזערע ליפפען זאל אנהויבען וועניגער געהערט צו ווערען, דאַנן זיינען מיר וויטער אין איין זיכערען אונטערגאנג, צו בלייבען פערזונקען אין דעם גלות החול אהנע קרעפטען וואס זאל אונז צוטראגען צום ברעג אדער אם וועניגסטענס צו איין אַאייסים (גן המדבר) צו איין קבוץ גלות צו שעפפען נייע קרעפטען אויף איין וויי־טערע וועג.

אלזא יחזקאל, לך דבר אל בני ישראל, זייא זאלען זיין זעהר פארזיכטיג מיט דיא שארפע פארזיכטיגקייט פאן דיא קאמעל סגולה, פאן מאגאזין סופפלאי אין איהרע אינער־

ליכקייט. תפילה בלא כונה כגוף בלא נשמה, וואס איין גוף אליין קען קיין לאנגע לעבהאפט האבען, מיט'ן שפייזען אונד ריידען דיא תפילות מיט'ן מויל אליין איז ניט גענוג, וויא דען ? בטנך תאכל ומעך תמלא, ווען דוא זאנסט דיא תפילות מיט'ן מויל מוזט פערפפלאנצען דיא כונה אונד טעם פאן דיא רייד אין דיין טיעפען זינען אונד טיעפען הערצען פיר סופפלאַי אין דיינע אינערליכקייט, וואס דיא כונה איז דיא נשמה פאן דיא תפילות, וועלכע וועט דיר אויפהאלטען אין דיין לעבהאפט, אפילו ווען דער גוף פאן דיינע ליפפען זאלען חלילה אנהויבען אויפצוהערען, אבער איין נשמה שטאַרבט ניט. איין גוטע כונה, זינען, אידעע, פערפלאנצט אין דיין אינערליכקייט אונד דיין הערץ, בלייבט אויף עוויג פריש אונד לעבענדיג אין זיין שטראָם אפילו ווען דער גוף הערט אויף צו עקזיסטירען, אונד דיא סופפלאַי וועט דיר געבען גענוג קרעפטען צו גרייכען דיא היים.

אונד אונז געגעבען דעם פראגראם וויא מיר זאלען ד״א היים אונד נאציאנאליטעט שפייזע געברויכען, נאך דיא ריכ= טיגע סגולה פאן דיא אניות המדבר, אונד איהר שפייזע נא= טור פאן דיא ליפפען, וויא מיר האבען גערעדט, ביז אין איהרע אינערליכקייט. ד׳ שפתי תפתח, מיינע ליפפען זאלען זיין אָפפען שטארק אונד הארט, ניט מיעד צו ווערען צו צומאלען שארף אונד קלאר יעדער וואָרט מיט זיינע נקודות, ופי יגיד תהילתיך, אז מיין מויל זאל זאגען אין דעם זינען פאן הגדה אלס עדות דייטליך, דיא אויערען זאלען הערען ריכטיג וואס דיא מויל רעדט, דאנן יהיה לרצון אמרי פי, אלס אמירה

וועט שאן דיא רייד זיין ווייך אונד זיעס אין מיין מויל, צו האבען בעשאפפען איין גוטען אדרעלען גוף, והגיון לבי אום צו געבען זיין נשמה דיא פערפפלאנצונג פאן דיא כונה אין מיין טיעפען הערצען לפניך ד׳, צו האבען בעפאר דיר אונזער פערפעקט נאציאנאל בעשאפונג אונד נאציאנאל קרעפטע פאן אונזער זייט, דאנן צורי וגועלי זיינען מיר זיכער פאן דיינ־ער זייטע צו זיין אונזער מאכט אונד ערלעזער פאן דעם לעצ־טען גלות צו אונזער היים אונד שולחן גבוה אין דיא ציון המציונות, במהרה בימינו אמן.

דיא אל ארצו ואל מולדתו סופפלאי פאן דיא קאראוואנע עקס־פעדיציאן אין איהרע מינים אונד קלאססען.

נעמליך: 1) פאן עשה למען שמיך ביז למען שכינתיך אונד דעם נאמען פאן גאמטהייט. 2) פאן למען אברהם ביז דוד ושלמה אונד דעם נא־מען פאן דיא עלטערען. 3) פאן למען ירושלים ביז הרוסת מזבחך אונד דעם נאמען פאן לאנד, נאציאנאליטעט, אונד איהר עקזיסטענץ אונד דעסטראַיונג. 4) פאן למען הרוגים על שם קדשך אונד דעם נאמען פאן דיא נאציאנאלנע מאַרטירערס. 5) אם ענדע, למען רחמיך הרבים פאן כרחם אב על בנים.

מיר זיינען אין פאללען האָפפנונג צו גרייכען אונזער

היים, נאך מיט דעם כח אבילה פאן דיא ערשטע שפייזע, דעם העכסטען אונד הויפט נאציאנאל תכלית פאן דעם נאמען פאן גאטטהייט, אונד ווען זאל חלילה קאמען צו אזא צייט אז דיא הויפט פראוויאנט זאל אנהויבען צו פעהלען, אז דיא אלע נעהמען זאל וועניג געהערט ווערען, זיינען מיר נאך ניט פער־לארען, קאמט דיא צווייטע קלאס היים שפייזע, דיא עראינע־רונג פאן אונזערע עלטערען וועלבע האט נאך גענוג נאציא־נאל זעטיגקייט אונז קרעפטען צו געבען אונזער היים צו ער־רייכען. עס קען נאך אבער קאמען צו אזא געפעהרליכע טרוקענהייט, צו אזא לאנגע, אז דיא שפייזע זאל אייך אנהויב־ען אויסצופעהלען, אז דיא עראינערונג פאן דיא עלטערען זאל אויך אנהויבען פערשוואונדען אונד פערגעססען ווערען, צו אזא שטופע אז מען זאל זיך שעהמען, אונד וועלען פערלייקע־נען דעם יודישען געבורט אונד אבשטאמונג, אב ניט דירעקט איז אינדירעקט, פאן וועלבע פערהעלטניססע, זא וויא מיר האבען אין דיא רעליגיאן, והפיץ ד׳ אתם בגוים ונשארתם מתי מספר, זיינען מיר נאך אלץ ניט פערלארען, קאמט דיא דריטטע קלאססע נאציאנאל שפייזע אונד נאציאנאל קרעפטע דיא היסטארישע עראינערונג פאן אונזער לאנד, נאציאנאלי־טעט, דיא גלענצענדע פערגאנגענגעהייט פאן איהר עקזיס־טענץ ביז דיא נאציאנאל טרייהייט אונד נאציאנאלנע העלדענ־טהאט ביז דעסטראיונג, גלייך מיט אלע היסטארישע נאציאנ־ען, וואס זייא האבען ניעמאלס געהאט איין צוועק פאן גאטט־הייט אונד ניעמאלס געהאט עלטערען עראינערונג אין זייער נאציאנאלנע היסטאריע, מיט דעם יתר שאת פאן דיא קאמעל

סגולה, פאן דיא אינערליכע טיעפע פערפפלאנצונג, צו זיין געזעטיגט דערמיט וואס איז אמאל געשפייזט געווארען, וואס קיין נאציאן האט דיא סגולה, פערצעהרט דיא שפייזע איז אוים דיא זעטינקייט.

איין איד געבארען אונטער דיא פלעג פאן דיא דרייא הייליגע סטרייפס ממלכת כהנים וגוי קדוש, נאציאן, רעליגיאן אונד ראסע, וועסט אליץ הערען אמאל פאן איהם אין זיין גרעסטע פערגעססענהייט אונד פערזינקונג, איין הערצליכע עראינערונג אין וועלכע פאך פאן זיין אבשטאם, אונד אב ניט פאן אייגענע ערוועקונג, איז מיט דיא נאטור געזעצע פאן יעדער עלעמענט צו ווערען ערוועקט, צוגעצויגען אין ערנעהרונג, געפיהל, צו דעם כח פאן זיין יסוד. איהר קענט אבער ניט נעהמען אלע נאציאנאלע עלעמענטס אין דיא נאטור געזעצע, ווייל קיין נאציאן האט אזא טיעפען, שטארקען, דרייא־פאכיגען איינגעווארצעלטען יסוד וויא אונזער נאציאנאל עלעמענט, אונד דיא כחות אין איהר פאללען אינערליכען אונד עפפענטליכען לעבהאפט פאן אלע דרייא יסודות איז לא אלמן בישראל אין יעדער צייט, פליים, פערהעלטניססע.

אם ענדע, מיר זאלען שאן קאממען חלילה צו אזא אויספעהלונג, פאן דיא לעצטע שפייזע מיטטעל אונד קראפטלאזינקייט אפילו אין דיא נאטירליכע כחות אונד יסודות, אונד ווען אפילו איינינע מעכטינע קעמלען זאלען אונז שאן ברינגען וויא עם איז צום ברעג, אבער מאכטלאז פיר איין עקזיסטענץ אונד אין דיא העכסטע פערצווייפלונג.

דאנן וויא סורפרייזט וועלען מיר ווערען, מען רעדט ניט

פאן דיא חסידי וצדיקי עולם, אבער וויא פיעל האבען מיר זאלכע פאקטס אין אונזער היסטאריע, זאלכע וואס מען האט ניט געזעהן אויף זייא איין צייכען פאן אידען, אונד ניט געוועזן צו גלויבען אז זייא זאלען זיין אידען, אונד דיא זיינען געוועזן דיא גרעסטע מארטירער, הרוגים וטבחים, ובאי באש ובמים אל יחודיך ואל קדוש שם קדשיך, אונד בייא דיא הייליגע מארטירער האט מען דאס געפונען אין זייערע טיעפע אינערליכקייט איין פערזאמלונג פאן בריליאנטענע פרישע, קלארע אונד ערקוויקענדע היים, רעליגיאן, ראסע אונד נאציאנאליטעט ערקוויקונג, וואס דיא הייליגע מארטירער מיט זייערע ב״ש וועלען געבען ערקוויקונג אונד ערמינטערונג צו דיא אלע עצמות היבשת מיט דיא גרעסטע מוטה בעגייסטערונג פאן פרישע היים, נאציאן, ליעבע, בעקרעפטיג אונד בעשלאססען צו דיא וויטערע הייליגע בעוועגונג.

דיא היסטאריע האט אויך רעליגיעזע אונד נאציאנאלע מארטירער אין אלע פעלקער, אבער קיין ריינע ריכטיגע מסרת נפש, נור אויפגעפלאמט אונד אויפגערעגט פאן וועלכע פאנאטישע אויפברויזונג, אבער ניט זאלכע בעזעסענע, בעזאנענע אונד בעשלאססענע מארטירער, וועלכע אין געגענטהייל זיינען וויט בתכלית הרחוק פאן בעאיינפלוסענדע בעגייסטערטע אבזיכטע, נור בלאס וויל אנגעגריפען זייער יסוד, דעם יודישען עלעמענט אונד קדוש השם. מיר וויסען וויא משע מלך מאב האט געאָפפערט זיין בכור, אבער זעהט דיא היסטאריע מיט וואס פיר איין

בארבארישע ווילדע אויפרעגונג דאס איז געווען, אונד זעהט דיא ווארטען אין עקדה, בייא וישכם אברהם בבקר מיט וואס פיר איין בעזעסענהייט, קאלטהייט, אבער מיט צו־פריעדענהייט אברהם האט געאקט, ווייל קיינע אבזיכטע, קיינע איבערראשונג, נור ווייל רצון ד׳, אם ענדע, ווען אלעס זאל זיין אויסגעגאנגען איז עשה למען רחמיך . . . כרחם אב על בנים, אונזער ערשטער נאציאנאל ליעד ד׳ ד׳ אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת, וואס ההרים ימושו והגבעות תמוטינה וחסדי מאתי לא תמוש, אונז צו ברייגגען צו אונזער ציעל, היים, נאציאנאליטעט, במהרה בימינו אמן.

דער בוים אין זיין האָפפנונג,
דיא מגלה אין איהר זיעסקייט.

ואכלה את המגלה, פאן זאלבע דרייא ביטטערע קלאגען קנים, והגה, והי, פאן דיאביידע חרבנות אונד דעם לאנגען ביטטערען גלות. ותהי בפי כדבת למתוק, אזא זיעסקייט פאן אזא זיעסען האפפנונג קען קיין גרעס־סערע זיעסקייט געבען אין דער נאטור. מיין שרעק אונד טרויער איז ניט אויף זייער רעזולט, וועלכע האבען געמוזט האבען, נור טאמיר וועט דיא צרות פערטרינקען זייער נאציאנאל האפפנונג אונד בלייבען חלילה פערלארען. אבער וואס פיר איין גרעססערע זיעסקייט קען זיין צו זעהן

אזא שטארקען אונד איינגעווארצעלטען נאציאנאל פפלאנ־צונג שבכל הרוחות שבעולם באות ומנשבות ואין יכולין לזוזות ממקומה, זאלכע צרות פאן זאלכע צווייא חרבנות אונד דיא צייט פאן דיא רעגיערונגען אויך קיין נחת גע־האט, אונד אזא לאנגען ביטטערען גלות, אונד דיא אלע צרות האט ניט געקענט אבשוואכען דיא ליעבע, צובונד, ווינשע אונד האפפנונג צו דיא אלטע היים אונד נאציאנאליטעט.

וויא מיר האבען בראש פרקין, כי יש לעץ תקוה, צו דעם נאציאנאלנעם בוים איז אזא עוויגע האפפנונג, אפילו אם יכרות, אז דיא נאציאנאליטעט זאל אבגעהאקט ווערען ביז'ן ווארצעל, איז ועוד יחליף, ווערט ער נאך בע־קומען זיינע נאציאנאל קרעפטען צו איין וויטערע אויפבליהונג אהנע וועלכע אויסערליכע הילפע, וינתקו לא יחדל וויל דער ווארצעל איז נאך געבליבען אין זיינע פאללע פייכטקייט אונד קרעפטען, ואף אם ימות בארץ גזעו ובעפר ימות שרשו, ווען אפילו דער ווארצעל זאל אויסגע־טריקענט אונד אבגעשטארבען ווערען, קיין צייכען, פונק, פאן נאציאנאליטעט עראינערונגען אונד נאכדענקונגען אונד אלעס אבגעשטארבען אונד פערגעססען איז נאך אלץ ניט פערלארען, מרוח מים יפריח ועשה קציר כמו נטע, מיט איין ערוועקונג אונד ערמינטערונג פאן איין נאציאנאלנעם געפיהל וועלכע איז פערזאמעלט אונד פערפפלאנצט אין זיינע אינערליכקייט, אדער פאן זיינע עלטערען אדער פאן דעם גאנצען יודישען עלעמענט, אם ענדע פאן איין מאר־

טירער על קדוש השם, ווערט דער זאמען אבלעבען מיט אזא קראפט, ניט אזוי וואס ער זאל יעצט דארפען אנ־הייבען צו וואכסען אונד צו בליהען, נור ועשה קציר, צו זיין פערטיג מיט צייטיגע פרוכט כמו נטע וויא איין לאנג געפפלאנצטע (וויא מיר האבען בראש פרקין) כי נחם ד׳ ציון נחם כל חרבותיה, מיט איין טרייסט אלעם אבלעבען דער גאנצער בוים בקומתו, ובצביונו, מיט איין מאל.

ווייל דיא זאך וואס האט איין זאמען שטארבט ניט אב, אלעמענס שטארבען איז דעם זאמענס לעבען. שטאר־בען פאן יעדער צמיח, ב״ח, איז דיא אויסטריקענונג פאן זיין לעבענס זאפט, אונד טרוקענהייט איז דעם זאמענס גע־זינדסטער לעבען אונד זיכערער דויערונג. דיא טריקענונג אונד פייכטקייט הייסט ניט מעהר געסטאפט דיא טהעטיג־קייט אונד געבראכט אין טהעטיגקייט (עיין לעיל), ווען דיא נאציאנאליטעט וואס איז אונז געגעבען אדער גע־בענשט זאל אבגעהאקט יוערען ביים ווארצעל, אבער דיא זאמען פאן וואנען דער גאנצער נאציאנאלנער בוים, שטאם אונד ווארצעל איז הערויסגעוואכסען. דיא ליעבע, פער־באנד, פראטעקציאן צו היים אונד פאמיליע, וועלכע עס איז מיט אונז געבארען קען ניט אבשטארבען זאלאנג איין אידישער אטהעם וועט אטהעמען, נור געסטאפט איהר טהעטיגקייט אונד מיט איין ערקוויקונג אונד טרייסט אב־לעבען פיר איין ווייטערע בעפרוכטערונג.

לא כן, דיא נאציאנאליטעט פאן כל העמים אלס בילדינג, איז דער בילדינג פונאנדערגעפאלען, ווען עס זאל

דער ים אויף איהם איבערפליעססען, האט ער קיין האָפפ־
נונג אויף איין ווידער צוריקשטעללונג, אבער כל ישראל
יש להם חלק לעולם הבה, נאך יעדער אבלעבונג בלייבט
אלץ איין טהייל אונד זאמען פיר איין קינפטיגען לעבען,
וויא מיר וועלען ווייטער ריידען.

דיא נאציאנאל פפלאנצונג אין דיא אויגען פאן דיא סנורים אונד אין איהר ריכטיגען נאציאנאל פאָרם.

מיט דיא זעלבע פערגעניגען וואס דיא מלאכים האב־
ען זיך צוגעקוקט וויא דיא אנשי סדום מאטערען זיך צו
צוברעכען דיא טיהר אין זייער פערבלענדענעס. צו זעהן
דיא טיהר אויף'ן דאך, אונד דעם קוימען אויף'ן גאניג,
אונד דעם קעללער אויף'ן בוידעם, קוקען מיר זיך צו וויא
בכל דור ודור מאטערען זיך אויסצורייסען דעם נאציאנאל
בוים אין דיא גרעסטע פערבלענדענעס, צו זעהן דעם בוים
איבערגעקעהרט דיא ווארצלען אין דער הויך אונד דיא
צווייגען מיט דיא פרוכט בייא דיא גרונד, נעמליך, אזוי
וויא דיא ראסע איז אין נאטור דיא ערשטע בעפאר נא־
ציאנאליטעט אונד רעליגיאן, ווארום וואס איז נאך פריה־
ער וויא געבורט? אונד אזוי וויא זייא זעהען דעם פאקט
אז דיא ראסע איז בייא אונז דער שטארקסטער פרינציפ
וואס ווערט געהיט אפילו בייא דעם וואס איז שוואַך אין

רעליגיאן, אלזא איז דיא ראסע דער ווארצעל, שטאם אונד גוף העילן.

אונד אזוי וויא זייא זעהן אז דיא רעליגיאן איז ניע־מאלס אבגעשאקעלט געווארען אונד געבליבען צוגעוואכסען צום בוים אין אלע צייטען, פלעטצער, פערהעלטניססע, אלזא איז דיא רעליגיאן. דיא צווייגען וועלכע קאמען נאך, אונד העכער דעם ווארצעל אונד שטאם, אונד בעפאר דיא פרוכט, אונד אזוי וויא דיא נאציאנאליטעט איז גע־קאמען דיא לעצטע אונד איין מאל אבגעשאקעלט געווארען פאן בוים אונד ווייטער איינגעוואכסען אונד ווייטער אב־געשאקעלט, איז דאס דיא פרוכט וועלכע איז יעצט אויף'ן בוים אלס איין פוסטע בליהונג, וואס מיט דעם גרינגסטען ווינטעל קען זיא ווערען הערא[ב]געווארפען, וועלכע האלט זיך זא וויא זא קוים אויף'ן בוים, וואס דער רוח הזמן בלאזט אב פאן צייט צו צייט.

אלזא האבען זייא אנגעהויבען צו געהן כסדר, דאס ערשטע געגלויבט, גרינג, קורץ אונד באלד פערטיג געווארען מיט דיא פוסטע בליהונג, מיט דיא נאציאנאליטעט וועלכע האלט זיך קוים אויף דיא צווייגען מיט איין גרינגען בלאז צו האבען הערא[ב]געבלאזען, דערנאך זיך גענאמען העדום האק־ען דיא צווייגען, דיא רעליגיאן, וועלכע האט שאן געפאדערט מעהר טהעטיגקייט אונד ענערגיע וויא מיט דיא נאציאנאלי־טעט, אונד דאנן אז זייא האבען שאן געגלויבט אז דער בוים איז שאן געבליבען נאקעט פאן דיא פרוכט אונד צווייגען, ניט מעהר בייא דעם אלטען שטאם אונד ווארצעל, דיא אלטע

ראסע, האט מען זיך גענאמען צום ווארצעל צו דיא ראסע אויסצורייסען אז מיר זיינען גאר ניט בני אברהם.

אונד ברעכען זיך דיא קעפ צו זוכען שטיינער אפילו אונטער דער ערד פאן וועלכען מיר זאלען הערויסוואכסען. דאס וואס עס שטעהט אויסגעקריצט מיט גראססע בוכשטאבען אויף דעם גראססען אדעלשטיין פאן וועלכען מיר זיינען אויסגעהאקט געווארען. הביטו אל צור חצבתם אל אברהם אביכם ואל שרה תחללכם, איז בייא זייא קיין פרוף אז דאס זיינען מיר, דאס קענען זיין אנדערע. ווער דיא אנדערע, קענען זייא ניט זאגען. נעהמט אבער אונז מיט אלע פעלקער אונד פיהרט צו צום שטיין, אונד זעהט ווער עס איז מעהר עהנליך צו דעם שטיין, אז מיר זיינען דיא זעלבע קאליר, קוואליטע, עצמיות, פאן דעם אדעלשטיין, דארויף זיינען זייא זאלבע מבינים אויף דעם שטיין וויא אויף דעם בוים, אונד זעהען זא ריכטיג דעם שטיין מיט דעם בוים וויא דיא סנורים פאן סדום, לוט׳ס הויז מיט דיא טיהר.

דער בוים אין זיין ווירקליכקייט אלס דיא נאציאנאל פפלאנצונגען, אתרוג, הדס, לולב, ערבות.

היינט וועלען מיר זעהן דעם בוים אין זיין ריכטיגען וואכסונג, פאן זיין ערשטע זאמען, שפראצונג, ביז דיא פרוכט על ראש האמיר. מיר וויסען שאן דעם זאמען,

ווארצעל, פאן דיא נאציאנאלנע פפלאנצונג אדער פונדא־ מענט פאן דיא נאציאנאלנע געביידע, נעמליך, דיא היים, פאמיליען ליעבע, פאמיליען פערבאנד אונד פאמיליע בע־ שיטצונג, אונד ווער דער ערשטער זאמען, ווארצעל, איז געווען פאן דיא אייגענשאפטען, קיין אנדערער וויא דער אחד היה אברהם, איינער אונד דער איינציגער, נאך קיין אנפאנג פאן ראסע, אפילו פאן משפחה, והברכהו, שאן איהם געבענשט, ואעשך לגוי גדול, ניט ואעשה זרעך לגוי גדול, וואס דיא ברכה איז געקאמען דערנאך, נור דיר אליין מאכען פיר דיא גראססע נאציאנאליטעט, ווארצעל, שטאם, וועלכע איז געקאממען פאן דעם זאמען היים אונד פאמיליע, מיט וועלכע אייגענשאפטען דיא ביזט געבארען אונד דערנאך יעצט וארבהו (אין עתיד), ווען ער איז שאן געווען בעשטימט אונד ערקלעהרט פיר איין מעכטי־ גען נאציאנאל שטאם, ווארצעל, איז געקאמען דיא צווייגען דיא ראסע, דיא ברכה וארבה את זרעך לשבטיהם, למשפחותם, לבית אבותם (עיין לעיל), פערקעהרט דעם נאציאנאל סדר פאן כל העמים, וואס דער נאציאנאל טיטעל קאמט יעצט פאר דאנן, נאך פיעלע פעריאדען, מאכט אונד בעפעלקערונג.

אונד דאנן דיא סיבה אונד דער תכלית, צוועק, פאן דעם גאנצען נאציאנאל בוים, זאמען, ווארצעל, שטאם, דיא פרוכט, דיא רעליגיאן בראש אמיר, ואברהם היה יהיה לגוי גדול ועצום . . . כי ידעתיו, דיא גראסס נאציאנאלנע בעשטיממונג איז למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו

אחריו ושמרו דרך ד׳, מיט דיא סגולה פאן דעם אתרג, דיא איינציגע פפלאנצונג וועלכע איז געבליבען נאך דיא ערשטע בונה עץ פרי, עשה פרי, טעם העץ כטעם הפרי, (פרי עץ הדר עץ שטעם עצו ופריו שוים, רש״י), איין ממלכת כהנים וגוי קדוש פפלאַנצונג, פאן נאציאן, רעליגיאן, ראסע, אונד דעם סיסטעם פאַן דיא בגדי קודש, אלע דרייא פעראייניגט איינע אין דיא אנדערע, וואס יעדערענס אייגענשאפט איז דיא אורזאך אויף דיא אייגענשאפט פאן דיא צווייטע, אין דיא סגולה פאן זהב טהור, אונד אלע אין אלגעמיינען זינען פאן איינהייט, הייליגטהום, (עיין לעיל).

אונד דיא הדסים ענף עץ עבות, שענפיו קלועים, אין דעם הדר פאן משולשים, דרייא בלעטלאך, נאציאן, רעליגיאן, ראסע, אין זייער געפלאכטענעם הדר, איין בלעטעל געגען דיא אנדערע הערום דעם צווייג, ניט איינע העכער אדער נידריגער פיר דיא אנדערע, אלס זאמען אונד פפלאנצונג ניט אלס געביידע, וואס אלעם וואכסט אויף איין מאל אונד אין איין צייט, פאן איין קלענערען צו איין גרעססערען פארמאט, אונד אין דעם פרינציפ פאן דיא נאציאנאלע מנורה (עיין לעיל), מיט איינעם ווארטע, נאציאן, רעליגיאן, ראסע, אין איינהייט פאן בעשאפונג, עקזיסטענץ, פראגרעסס אונד ווירקונג.

אונד דיא ערבי נחל וכפות תמרים וואס בלעם האט פארגעשטעלט ברוח אלהים כנחלים נטיו, כגנות עלי נהר, דיא הערליכסטע בילד אונד לאנדשאפט פאן היים, ליעבע אונד פרייהייט, אונד דיא זיעבציג תמרים בייא דיא שתים

עשרה עינות מים (רש״י), כנגד שנים עשרה שבטים ושבעים זקנים, דער ערשטער סטאַציאָן וואו עס איז געגרינדעט דער פראַכטפאללער קאַמפּ אונד היים פלאַן פאן ישראל, שוכן לשבטיו, יעדער שבט בייא זיין ערקוויקענדע קוועלע, צו גע־ניססען זיין אבסאלוט פערזענליכע היים פרייהייט אין דעם פערבאנד פאן דיא אלגעמיינע געזעצע, פאן דיא אלגעמיינע רעגיערער, דיא שבעים זקנים (עיין לעיל ותראו עונג), אונד מיט דיא נאציאנאלנע איינהייט פפלאנצונג, זיך צו פרייען אין דיא נאציאנאלנע היים פאן ליעבע אונד פאמיליען פערבאנד אונד איינהייט דיא סכת שלם רצוף אהבה.

דיא סנורים אין זייער טהעטיגקייט.

אלזא אויף דעם פליים פאן דיא רעליגיאן זעהען זייא דיא נאציאנאליטעט, אויף דיא נאציאנאליטעט דיא ראססע, אויף דיא ראססע דיא רעליגיאן. ווען זייא בלאזען אויף׳ן שפיטץ בוים דיא פוסטע בליהונג בלאזען זייא גאר אויף דעם דיקען שטאם אונד ווארצעל. וואו זייא דענקען צו האבען צו טהאן מיט דעם ווארצעל, איז גאר דיא צווייגען, וואו דיא צווייגען איז דיא פרוכט, אם ענדע ו׳ען זייא גלויבען אז זייא זיינען שאן פערטיג מיט דיא פרוכט אונד צווייגען אונד האלטען שאן ביים ווארצעל, האבען זייא נאך פאן בוים קיין בלעטעל גע־ריהרט, אונד אזוי זיינען זייא חזר חלילה מיט איין עוויגע אומ־זיסטיגע מידינקייט, אונד דיא אנטיסעמיטען וועלען אזוי אוים־

רייסען דעם בוים וויא דיא אנשי סדום האבען צובראכען דיא טיהר, ביז וואנען זייא וועלען מיד ווערען אונד מוזען אם ענדע אבגעבען אונד אנערקענען אונזער איבערמאַכט אונד עווינקייט.

דיא וועלט יורשים, אדער דער גארטען אונד זיינע בלומען אונד פפלאַנצונגען.

כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא, אַלע אידען האָבּ־ען איין טהייל אלס זאמען ווען זייא וועלען אבלעבען איין וועלט, פיר איין אויפבליהונג אונד אויפלעבונג איין קינפ־טיגע וועלט, קיין אונטערשיעד וועלכע וועלט, צו איין נאציאנאלע וועלט וויא געולת ציון וירושלים, צו איין קער־פערליכע וועלט וויא תחית המתים, צו איין גייסטליכע וועלט פאַן נהניו מזיו השכינה, נור איין כלל דיא ישראל אבלעבען אונד אבשטארבען אין גאנצען אהנע איין האפפ־נונג אויף איין נייע קינפטיגען לעבען איז ניט דא, שנאמר ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ, איהר וועט אלע מאל בלייבען דיא לעצטע אויף'ן ערד־באל, אונד דיא וועלט יורשים, אונד דיא פאלק וועט דאנן צוגענאמען ווערען, ווען דיא ערד וועט צוגענאממען ווערען, אבער זאלאנג דיא ערד אונד דיא נאטור עקזיסטי־רען מוז דיא פאַלק עקזיסטירען, ווייל נצר מטעי, דיא נאציאן איז ניט מיינע. איין געביידע ווען זיא פאַלט פונ־

אנדער איז אָהנע איין האָפפנונג צו ווערען דער זעלבער בילדינג אין זיין וויעדערלעבונג, אונד פאן זיך צוריק אויפ־וואכסען, נור איין פפלאנצונג וואס בלייבט איין זאמען פאן איהר אויף איין צוריק אויפבליהונג דעמזעלבען פפלאנצונג אהנע וועלכע טהעטיגקייט ווא דער זאמען וועט זיך פער־וואלגערען, אונד מעשי ידי להתפאר, דיא שעהנהייט פאן גארטען איז דיא בלומען אונד פפלאנצונגען. איז קיינע בלומען, איז קיין גארטען. זאלאנג דער נאמען גארטען מוז זיין בלומען. זאלאנג ערד, וועלט, נאטור, מוז זיין דיא בלומען נאציאן, ווייל דיא נצר מטעי איז דיא איינציגע פפלאנצונג, מעשי ידי להתפאר, צו בעשיינען אונד בעריה־מען מיינע מעשי ידי פאן דיא ששת ימי המעשה, אונד אָהנד דיא פפלאנצונג איז דיא גאנצע בריאה ניט ווערטה איהר נאמען אונד עקזיסטענץ, אונד זאלאנג דיא וועלט זאלאנג בלומען, כי כאשר השמים החדשים והארץ החדשה יעמדו לפני תמיד, כן יעמדו זרעכם ושמכם לעולם ועד אמן.— ישעיהו ס״ו.

ע נ ד ע.